STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02470

SHTEYNER

Menuha Ram

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פאַר אייך טייערע יעקב און שרה ציפּע
און גוטע דערמאָנונג
און הערצלעכער פריינדשאַפט
[illegible]
(מנוחה ראַם)

פּאַריז — 23-V-81

מנוחה ראַם

שטיינער

דערשיינט מיט דער הילף פון:
קרן תל־אביב לאמנות וספרות;
אליעזר פינעס־פאָנד פאַר ליטעראַטור.

מנוחה ראַם

שטיינער

ח״י דערציילונגען

ישראל בוך

פאַרלאַג „ישראל־בוך״
תל־אביב תשמ״א — 1981

מנוחה ראַם / אבנים / ח״י סיפורים

MENUHA RAM — STONES
18 STORIES

פּאָרטרעט צייכענונג: א. סטימאַצקי
הילע און אָפּטייל־אותיות פון א. קאַלניק

פאַרלאַג „ישראל־בוך", תל־אביב, רח' איתמר בן־אבי 4

© כל הזכויות שמורות

נדפס בישראל 1981 Printed in Israel

דפוס „להב" בע"מ, תל־אביב, סמטת ענתבי 13, טל. 335310

זי זיצט אויפן דעק פון שיף. ערגעץ אין אֵין־סוף טרינקט זיך די זון. אַ פייערדיקע קויל זינקט אין ים. די נאַכט פאַלט צו צום וואַסער. אַלץ ווערט פאַרהוילן.

דער צער אין איר וויינט. פלעכט זיך אַריין אין דער פאַרהוילנקייט. זי הערט זיין געוויין אין גערויש פון ווייט־צעשפרייטן ים.

אין דעם וויגן זיך פון די כוואַליעס, דערגייט צו איר אַ געפליסטער. זי דערזעט פנימער, פנימער, אַזוי פיל פנימער. וואָס פינצטערער עס ווערט, אַלץ בולטער זי זעט זיי. דער ים פול מיט סוד ווערט אַלץ היימישער.

אַ מאָל, ווען זי איז נאָך אַ קינד געווען, האָט זי אים דערזען אין פאָנטשיקס אָזיערע — אַ ים, וואָס האָט זי געשראָקן מיט זיין ברייט און טיף. ווי דער באַלעבאָס פאָנטשיק אַליין. דער הויכער, גויִשער מילנער אין לאַנגן, פויערישן פעלץ.

מיט דער צייט האָט זי זיך צו בײדע צוגעוווינט. סיי צו דעם גוי, צו זיין יִידיש מיט די הארטע ריישן, סיי צו דער אָזיערע מיטן האַטש ביי דער

מיל. דער האַטש האָט עס ניט געלאָזט דאָס וואַסער זיך אַריבערגיסן אין טייכל „פּאָמערייַקע". אויפגעהויבן עס אויף יענעם אָרט און געדרייט די ראָד. האָט זי געשפּריצט מיט ווייסן, כעסיקן שוים, בעתן מאָלן דעם קאָרן אויף דינעם מעל.

אַ טונקל־מוטנע איז געלעגן די אַזיערע, אויף ביידע זייטן פון דער הילצערנער בריק. פאַר־שפּרייט זיך ווייט און ברייט אַזש ביזן פלויט פון גלחס סאָד.

גרינער צוויט האָט באַדעקט יענעם ניט דערגרייכבאַרן ברעג, ווו צוזאַמען מיט רונדיקע בלעטער, זייַנען געוואַקסן וואַסער־בלומען — „געלע קרי־געלעך". ווי שפּריצן זון האָבן זיי אַרויסגעשיינט. געלאָקט פון צווישן די הויכע אייִרן אַרום זיי.

און יאַסעלע? — אינגאַנצן אַ נאַסער איז ער צוגעקומען אַזש אַהין. זיך שיער דער־טרונקען. ער האָט אָבער אויסגעריסן פאַר איר אַ בלום. אַ גליקלעך צופרידענער איר דערלאַנגט אַ „גאָלדן קריגעלע". פונעם שטענגל האָט גערונען וואַסער. ווי רעגנטראָפּנס גע־בלישטשעט אַנטקעגן דער זון. די בלום, אַ זאַפּטיק־צעבליטע האָט געלעבט אין זיין האַנט. אַלע האָבן נאָך דעמאָלט געלעבט.

יידישע קינדער, ווי זאַמד ביים ברעג פון ים, ווי שטערן אין הימל; און דער הימל איבער זיי — אַ בלויער ים. אין יונגע, ליכטיקע טעג, האָבן זיי פריידיקע געשפּאַנט צווישן קאָרן־פעלדער, וואָס האָבן זיך געוויגט ווי די כוואַליעס אין ים. די קינדער האָבן פאַר־

הילכט מיט געזאַנג די געדרייטע שליאַכן. זיי האָבן געוואַנ־
דערט דורך שטעטלעך און דערפער, פאַרזונקענע אין נויט
און אָרעמקייט.

האָט אַ ווילד־צעברויזטער ים
פון רציחה אַלץ פאַרפלייצט. אַ לאַנגער וועג פון מערב
האָט איר געברענגט צום סיבירער ווינטער — וואָס האָט
געבלענדט מיט אַ ווייסן ים פון שניי.

אין הייסע זומערן, האָט זי אַ
הונגעריק־מידע געקליבן דאָס ברויט, געשלעפט די סנאָפּעס
אויף רחבותדיקע ווייץ־פעלדער, וועלכע האָבן זיך געצויגן
ווייט־ווייט — אַ צעוויגטער גאָלדענער ים.

אירע אויגן האָבן געחידושט
אויף דעם אָנסופיקן סטעפּ — אַ שטילער, גרינער ים, וואָס
האָט רויִק זיך געכוואַליעט אין ווילדע טעג. אין טעג ווען
איר וועלט איז אָפּגעגאַנגען אין אַ ים פון בלוט.

אַליין, אַ פאַראָבלטע האָט זי
זיך געשלעפט איבער חורבות, דערשלאָגן זיך צו פרעמדע
שטעט, ווו מענטשן האָבן געשטראָמט, — ווי קיינער וואָלט
אויף דער וועלט ניט געפעלט.

זיצט זי אויפן דעק פון דער
שיף. ערגעץ ווייט הינטער איר יאָגט די „פּאָמערייִקע" צום
ים. און די שיף דערווייטערט זיך. שווימט צו אַן אויסגע־
טרוימטן ברעג.

— געשעט עס אויף דער וואָר?
און יאָסעלע? — דאָס „גאָלדן קריגעלע"?

אַן עדות איז די אָזיערע. אָט
די, וואָס זי האָט מיט קינדערשע, ליכטיקע אויגן דערזען
ווי אַ גרויסן ים.

דאָרטן ביי איר ברעג שטייט
נאָך די מיל. איר ראָד דרייט אין ווייסן, צעיושעטן שוים.
מאָלט דעם קאָרן וואָס וואַקסט אויף יענע פּאַראַקערטע
פעלדער.

און פּאָנטשיק? — דער גוייִשער
מילנער אין פויערישן פּעלץ, אָט דער וואָס האָט גערעדט
יידיש מיט האַרטע ריישן און אַזוי זי געשראָקן? — אויך
ער איז אַן עדות.

ער וויל אָבער ניט זען ווי ביי־
נאַכט, אין שיין פון דער לבנה, באַווייזט זיך יאָסעלע. ער
קומט פון אונטער דעם פּאַרזייטן פעלד איבער אים, און
פּאַרנעמט זיך צו דער אָזיערע. לייכט האַלט ער זיך איבערן
וואַסער. קומט צו ביז דער אַנדערער זייט און רייסט אויס
פאַר איר אַ בלום, אַ „גאָלדן קריגעלע".

פון שטענגל רינען רויטע טראָ־
פּנס. פאַלן שווער אין וואַסער אַריין. יאָסעלעס אויסגע־
שטרעקטע האַנט ווערט אַלץ לענגער און לענגער. איבער
אַלע ווייטן ציט זי זיך צו דער שיף, צו איר.

זי הערט ווי דער ים — די בריי־
טע, טיפע אָזיערע רוישט. קלאָגט מיט איר פאַרשטומטן
צער.

די שיף שניידט צום ברעג.

שטיינער

— זינג בעניע, זינגסט שיין!

— אַ שמחה — האָט אַ זאָג געטאָן מרדכי מיט אומעט אין קול.

— זאָל נאָר ניט רעגענען היינט האָט דבורה זיך אָפּגערופן.

די זון האָט זיך געטונקט. אָט איז זי אויפגעקומען מיט אַ היץ און באַלד האָט איר פאַרשטעלט אַ וואָלקן.

שוין גאַנץ פרי איז דבורה געווען אין געוועלבל. איינגעקויפט אַלץ צוצוגרייטן פאַר די געסט. זענען איצטער אַלע געזעסן אין סאַד,ביים טיש, אונטערן גרויסן עפּלבוים. פון צייט צו צייט האָט אַ יאָג געטאָן אַ ווינט, צעשאָקלט די געדיכטע צווייגן, געשאָטן מיט פאַרטריקנטן אָפּבלי פון די נאָך פּיטשינקע עפּעלער.

— וועט עס פאַרטרייבן די וואָלקנס, אָדער ברענגען רעגן? — האָט זיך דבורה געחקרנט אויפן קול, צעטיילנדיק די גלעזלער.

חנה האָט שטיל געעפנט דעם טויער און גאָר שטיל צוגעקומען צו די געסט. שוין אַ היפּשער עולם געווען. זיך באַגריסט מיט אַלע, האָט זי זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן גראָז אונטערן קאַרשן־בוים, אָפּרוען פון וועג.

— שוין ראָז די קאַרשן — האָט זי זיך געוווּנדערט — באַלד ווערן זיי רויט.

— נו, מרדכי — איז נחמן געווען צופרידן — האָבן מיר אַלע דערלעבט צו זיצן ביי דבורהן אין סאַד.

מרדכי האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און דער אומעט האָט אים אַרויסגעקוקט פון די אויגן.

צווישן אַלע זיינע פריינד, איז ער געווען צום שטאַרקסטן געענדערט. געווען אַמאָל אַ לעבעדיקער יונג, אַ פריילעכער. קיינער פון זיין משפּחה איז ניט געבליבן. דרייט ער זיך אַרום אַ ניטדאַ־קער. געוואָרן אַ שווייגער.

ביים טיש איז געווען טומלדיק און בעניען האָט זיך קענטיק געוואָלט זינגען. אומבאַמערקט האָט ער זיך פאַרקליבן אין אַ זייט, ביי די בלומען און געצויגן אַ ניגון.

— בעניע, זינגט. איר זינגט שיין — האָט חנה שטיל באַמערקט.

— קוים איך בין צו אייך דערקראָכן — איז גיטל אַריינגעפאַלן אַ צעהיצטע. — פאַרבלאָנדזשעט אין דער אַנדערער זייט. שטענדיק בלאָנדזשע איך!

— בלאָנדזשען איז אַ גרויסער ענין — האָט מאיר זיך אָפּגע־רופן. אויף זיין אופן גערעדט פּאַמעלעך, ווי ער זאָל ציילן די ווערטער. — צוליב דעם וואָס איך האָב פאַרבלאָנדזשעט, לעב איך.

ער האָט זיך פאַרטיפט אין אַ שמועס מיט בערען. דערציילט אים, ווי אַזוי ער האָט פאַרבלאָנדזשעט און אַליין ניט געוווּסט, אַז דאָס מיידט ער אויס די „עס־עס".

— ווי שיין עס איז געוואָרן — האָט שרה אַ זאָג געטאָן. פאַרריסן דעם קאָפּ, פאַרמאַכט די אויגן, די זון זאָל איר בריען גלייך אין פּנים אַריין.

— זאָל נאָר דער ווינט אונדז ניט אָפּטאָן — איז נאָך דבורה אַלץ ניט געווען זיכער מיטן וועטער.

— איך קאָן ניט — האָט זיך מרדכי פאַרענטפערט פאַר שייען, וואָס איז צוגעשטאַנען צו אים מיט אַ גלעזל — אַז איך זיץ ביי אַ טיש און נאָך ביי אַזאַ יום־טובדיקן, טראַכט זיך וועגן דעם הונגער און דער שרעק אין לאַגער. שוין אַזוי פיל יאָרן אַוועק און איך קאָן זיך דערפון ניט באַפרייען.

— געדענקסטו דעם שמוציקן ביין, וואָס דו האָסט געקריגן פאַר דיינע פּאַפּיראָסן, האַ, מרדכי?

נו, יאָ. איך האָב דאָך ניט געררייכערט.

— האָסט ניט אַנדערש געוואָלט ווי זיך טיילן מיט אונדז. אויף דריי גלייכע חלקים צעטיילן. און הונגעריק זענען מיר געווען. איי, איי ווי הונגעריק. מיט אַ שטיין אויף אַ פּניען האָסטו געהאַקט אין אים און צעבראָכן. האָט יעדער געגאַגט זיין חלק. אוי, ווי מיר האָבן זיך געקוויקט דערמיט.

מרדכי האָט געהערט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. צוגע־

שמייכלט פאַרשעמט. גוט איז אים געווען די דערמאָנונג, אַז ער האָט געהאַט דעם כוח זיך צו טיילן מיטן ביין.

ביים אַנדערן ברעג טיש האָט מען זיך דערציילט מעשיות פון שטעטל. זיך אַריינגעצויגן אין דערמאָנונגען.

חנה איז געזעסן אָפּגעזונדערט אונטערן קאַרשן־בוים, מיט די הענט אַרומגענומען די קני.

מאירס דערציילן האָט אַלעמען שטיל געמאַכט.

— פרייטיק פלעגט רב אברהם דער פרוש לאָזן דאָס לערנען און אַוועקגיין פון בית־מדרש — האָט ער גערעדט פּאַמעלעך ווי ציילנדיק די ווערטער. ווען ער איז געגאַנגען דורך דער טעפּער־גאַס, האָט ער סיי קינדער סיי דערוואַקסענע אַנטקעגנגעטראָגן דעם „גוטמאָרגן״. אַ הדרת־פּנים געווען. מיט אַ לאַנגער ווייסער באָרד. תמיד אַ צעשמייכלטער. דורך ברוך דעם גלעזערס גאָרטן פלעגט ער זיך פאַרנעמען צו דער לאַנקע און פון דאָרטן אַראָפּגיין צום טאָל. שעהען לאַנג איז ער געבליבן ביים קוואַל. אַזאַ ריינער, שפּרודל־דיקער קוואַל האָט דאָרטן דורכגעשלאָגן. אַ געשמאַק, גוט וואַסער. אַהין פלעגן דאָס מאַמעס שיקן זייערע קינדער נאָך וואַסער אויף שבת־טיי.

רב אברהם פלעגט פאַרהייבן די פּאָלעס, זיך אויסצינען אויפן גראָז און פאַר יעדן קינד אָנשעפּן, אַרויסציִען די פולע עמערס. מיט מיין קליינער שוועסטערל פלעג איך גיין. נאָך קאַראַפּוזשיקעס געווען. נאָר אַ העלפט פון עמער פלעגט רב אברהם אונדז געבן.

— געגוג אויף אַ ליאַק — פלעגט ער שמייכלען — אַליין עס דערטראָגן ביזן בערגל. אַ צופרידענער פלעגט ער בלייבן שטיין, נאָכקוקן ווי מיר האַלטן דעם עמער פון ביידע זייטן הענטל. ווי מיר שטעלן זיך אָפּרוען. און אַז מיר זענען געגאַנגען ווייטער, איז ער אַוועק צוריק צום קוואַל. וויפל יאָרן שוין אַוועק, וויפל גיהנומס שוין אַדורך און כ׳זע נאָך איצטער די פרייד אויף זיין פּנים. ווילט איר דאָך וויסן ווי אַזוי ער האָט פאַרענדיקט?

— לאָמיר וועגן דעם ניט רעדן — האָט דבורה זיך געבעטן, ניט געוואָלט פאַרשטערן די שמחה.

— אַז מען רעדט שוין וועגן ערב שבת — איז נחמן אים אויך

אַריינגעפאַלן אין די רייד — וועל איך אייך דערציילן עפּעס, וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט ביי אונדז אין שטעטל.

— ווי אַזוי די מענטשן האָבן געהייסן, געדענק איך ניט. פאַרגעסן. אַ סך זאַכן פאַרגעסן. איך זע עס אָבער פאַר די אויגן: אַ קליין שטיבל, אַ ליימענער דיל. אַ גאָר גרויס פּירהויז. עפּעס אַ מיידעלע האָט זיך דאָרט אַרומגעדרייט. דער עיקר געדענק איך גוט די ייִדענע. פּרייטיק, נאָכן חדר, פלעג איך איר ברענגען חלות, וואָס די מאַמע פלעגט שיקן. יעדן פרייטיק האָב איך זיי אַהין געטראָגן.

שרה רייסט איבער איר שמועס מיט בערען, ביידע קוקן צו נחמנען. אויך חנה ווערט נייגעריק. זי רוקט זיך צו נענטער.

— בסוד פלעגט זי שטענדיק נעמען די חלות ביי מיר בעת־מעשה באַגיסן זיך מיט אַ רויטקייט. פאַרשטאַנען האָב איך ווייניק. אויך איך פלעג אַראָפּלאָזן די אויגן און אַ פאַרשעמטער אַנטלויפן אַהיים.

אויפן דערבייִיקן הויף, ביים שכן, פון וואַנען עס האָט געשמעקט מיט געקאָסעטן גראָז, האָט זיך צעבילט אַ הונט. דערשראָקענע הינער זענען מיט אַ קוואַקעריי געשפּרונגען אויפן פּלויט האָבן זיך אַלע פאַרקוקט אַהין.

— דערצייל מרדכי, דערצייל ווייטער — האָט מען באַלד אָנגעהויבן בעטן.

— דערצייל.

— יאָ, איז איין מאָל, איך ווייס ניט וואָס עס האָט פּאַסירט, צי איז עס קורץ־פרייטיק געווען? קאָן איך עס איצטער געדענקען? איך דערמאָן זיך נאָר, מיר זענען שוין אַלע גרייט געווען אַרויסצוגיין דאַווענען, האָט די מאַמע עפּעס שטילערהייט אַ זאָג געטאָן דעם טאַטן און ביידע זענען געוואָרן זייער באַזאָרגט.

„פאַרגעסן" — האָט די מאַמע געבראָכן די הענט — אַזוי ווי אין טויט פאַרגעסן".

קורץ. מען האָט מיך אַוועקגעשיקט מיט די חלות. געהאַט אַפילו טענות צו מיר, וואָס איך האָב נישט דערמאָנט. בין איך אַ שולדיקער געלאָפן. אַריבערגעשפּרונגען דעם פּלויט. נאָך געהאַט צוויי גלייכע

פיס. אַריין אין דעם טונקעלן פירהויז. איך עפן, נישטאָ קיינער. יידן! איך זע פּאָר די אויגן די מנוחהדיקע שטילקייט, די שבת־דיקייט דאָרטן. דאָס גאַנצע שטיבל אָנגעפּראָפּט מיט שבת. אויפן טיש אַ ווייס טישטוך. אָנטקעגן די ברענענדיקע ליכט, פאַרשפּרייט אַ טישטעכל איבער חלות. און שטיל איז ווי אין אַן אויער. וויפל מיינט איר, בין איך אַלט געווען? עס האָט מיך געשראָקן דאָס זיין אַליין אין אַ פרעמדער שטוב. איך בין אומזיסט געלאָפן, איז מיר איינגעפאַלן. און געוואָלט זיך גלייך פאַרנעמען צוריק. בין איך אָבער נישט געווען זיכער צי דאָס וועט געפעלן טאַטע־מאַמען. קלער מיר איך וועל אָוועקלייגן אונדזערע חלות לעבן די און פּטור. איך גיי צו, הייב אויף דאָס טישטעכל און דערזע שטיינער. אונטערן טישטעכל ליגן צוויי פּשוטע גרויע שטיינער.

חנה הערט ווי אין פיבער. זי פילט ניט ווי זי בייט דאָס אָרט. אָט איז זי שוין דערקראָכן צום גאָר נאָענטן בוים. זיך אָנגעשפּאַרט אָן אים. אָנגעשטרענגט קוקט זי אויף נחמנען.

— איך האָב גיך אָוועקגעלייגט די חלות. צוגעדעקט זיי. געכאַפּט די שטיינער און אַנטלאָפן ווי פון אַ שׂרפה. אַוועקגעוואָרפן זיי ערגעץ אויף אַ גאָרטן. עס האָט מיך געיאָגט דער קינדערשער פּחד צי האָט כאָטש קיינער ניט געזען וואָס איך האָב אָפּגעטאָן.

חנה קאָרטשעט זיך ווי אין אַ פראָסט.

— זי האָט ניט אויסגעטראַכט מיין מאַמע.

זי פירט אירע הענט ביז די אַקסלען און אַראָפּ, וויל באַהערשן דאָס רונצלען זיך פון איר הויט.

— און ביי אונדז האָט פּאַסירט — רופט זיך אָן שייע.

חנה הערט שוין אָבער מער גאָרנישט. זי איז ווייט.

...די גאַנצע פּאָדלאָגע איז באַלייגט מיט סטרוזשקעס, דער טאַטע העבליעוועט ברעטער. ער קלאַפּט. זעגט. וואַרפט אָן פול קליינע פּירקאַנטיקע קלעצלעך. זי קלייבט זיי. בויט דערמיט אַ הויז, אַ בריק. אונטערן בריק ציט זי לאַנגע סטרוזשקעס — אַ טייך.

און שפּעטער?

...דער וואַרשטאַט שטייט אין פירהויז. אויף אים אָנגעוואָרפן אַלטע קאָשיקעס. אַ פאַרזשאַווערטער עמער, אַ קיילעלע צו שטעלן

קרויט. דער טאַטע אַרבעט ניט. די שטוב זעט אויס לײדיק און גרויס. צו עסן איז דאָ ווײניק. פאַרזײט די מאַמע דאָס קלײנע גערטנדל, הינטערן שטוב. זי רופט עס די „חיונה״.

מײַן מאַמע. זי בעט נאָר בײַ גאָט, אַז דער טאַטע זאָל זײַן געזונט, אַז דער רבונו של עולם זאָל אונדז צושיקן ברויט. דאָס איבעריקע וועט שוין געבן די „חיונה״. אַ מערל, אַ רעטעכל, אַ ציבעלע. און ווען עס ווערן רײַף די אוגערקעס איז שוין „נאָר ניט צו פאַרזינדיקן״.

...דער טאַטע זיצט אין דער הײם. אַמאָל אין בית־מדרש. די שטוב ווערט אַלץ לײדיקער. אַפילו די פּירקאַנטיקע קלעצלעך, וואָס זענען צום שפּילן זיך, פאַרשווינדן ביסלעכווײַז. די מאַמע פאַרברענט זײ. אויפן פענצטערל אין פּירהויז ליגן שטײנער. קאָן מען זיך אויך שפּילן דערמיט. זײ זענען די בערג, צווישן זײ אַ טײַכל. הינטערן טײַכל אַ „חיונה״ אַרומגעצוימט מיט שפּענדלעך.

„נאָר ניט די שטײנער״ — נעמט זײ די מאַמע צו און לײגט זײ צוריק אויפן פענצטערל. זײ זענען רײנע. זי דאַרף זײ צוצופּרעסן די קרויט אין קײלע.

...די שטײנער לאָקן אָבער. דווקא די. אַזעלכע פאַרקײלעכטיקטע, גלאַטע זענען זײ. ווען די זון שײַנט דורך דעם קלײנעם שײַבל, ציִען זיך די שטראַלן אין שטויביקע פעדים, גלײַך אויף זײ. בײטן זײ זײער קאָליר. ווינטער בלישטשען זײ ווי זילבער. אפשר איז אליהו הנביא געווען און געמאַכט פון זײ זילבער? קוים אָבער רירט מען זײ אָן, ברִיען זײ. שטעכן די פינגער. די מאַמע זאָגט, אַז טראָץ דעם קומט ער, אליהו. פון הימל קומט ער. זומער איז ער כמעט יעדע נאַכט אויף דער „חיונה״. אַנדערש וואָלטן נישט אַזוי געוואַקסן די גרינסן. און וואָלטן די אוגערקעס געקאָנט אַזוי שמעקן?

חנה געדענקט גוט איר פאַרדרוס, ווען אליהו הנביא איז דאָך ניט אַרײַן פּסח צו זײַן כוס. בעת די טיר איז געווען אָפן און אַלע האָבן אַזוי געוואַרט אויף אים. און געוווּסט האָט זי, אַז ער איז גאָר נאָענט. זיך אַראָפּגעלאָזט פון די וואָלקנס אויף דער „חיונה״. גלײַך צו דער בײט, וווּ עס וואַקסן זומער די אוגערקעס.

...אין שטוב איז אומעטיק. זעלטן עס ווייזט זיך עמעץ. ס׳טרעפט אַן אָרעמאַן שטעלט זיך אַריין אין טיר. שטרעקט אויס די האַנט. דער מאַמעס קאָליר פון פנים בייט זיך. זי קוקט אויפן טאַטן. ער הוסט, שפייט אין נאָזטיכל. פון שענקל נעמט זי אַרויס אַ שטיקל ברויט, שניידט אָפּ אַ פּענעץ און דערלאַנגט דעם פרעמדן. ער וויל ניט. בעט אַ פרוטה. קיין פרוטה האָט זי ניט. איז ער בייז. טוט אַ זעץ מיט דער טיר. זי זאָגט, די מאַמע, אַז אליהו הנביא פאַר־שטעלט זיך פאַר אַן אָרעמאַן. וויל ער ניט מסתמא מען זאָל אים דערקענען. מאַכט זיך פאַר אַ בייזן. אַזוי טרויעריק בלייבט זי אָבער נאָך זיין אַוועקגיין.

ווי גרוי נחמן איז שוין — זעט זי אין איר פאַרטראַכטקייט. נחמן פילט אַז זי קוקט אויף אים. זייערע בליקן באַגעגענען זיך. אַ ווײַלע צעטומלט עס איר. זי קוקט אַרום זיך. דער עולם איז לעבעדיק. מען רעדט הויך. שרה לאַכט. נחמן האָט אַוועקגעקוקט. אָנגעבויגן זיך צו מרדכין, הערט וואָס יענער רעדט, ער איז אומע־טיק, מרדכי. ווידער קוקט זי צו נחמנען. איר דאַכט זיך זי רופט אים ביים נאָמען און ער הערט ניט.

...עס איז שפּעט. די מאַמע האָט שוין געבראַכט די אוגערקעס. האַרט פאַר ליכטבענטשן רייסט זי זיי אויס. דער טאַטע זאָל האָבן וואָס פרישערע צו שלוש־סעודות. אויפן טיש ליגן שוין חלות אונטערן טישטעכל. אַ שוואַרץ ברויטל לעבן זאַלץ־מעסטל. די מאַמע, ביי די ליכט, פאַרשטעלט די אויגן. בענטשט אונטערן אַראָפּהענגענדיקן שאַל.

...מיר גייען פון דאַוונען. אַלע דריי. דער טאַטע האַלט מיין הענטל אין זיין דלאָניע. אין שטוב זינגט דער טאַטע „שלום־עליכם״. מאַכט קידוש. די מאַמע איז זייער בלייך, נעמט פון אים די אויגן נישט אַראָפּ. ער מאַכט המוצא, דעקט אָפּ די חלות און זי לאָזט אַרויס אַ מאָדנעם קוויטש. אַ רגע קוקט דער טאַטע מיט אַן אָפן מויל. ציטערנדיק פאַרענדיקט ער די ברכה. אַ צעטראָגענע לויפט די מאַמע אַרויס אין פירהויז, קומט אַ צעפלאַמטע צוריק. זי טאַפּט דאָס אָפּגעשניטן שטיקל חלה, וואָס דער טאַטע האָט איר צוגע־

טיילט. מאַכט אַ ברכה און נישט זיכער, גאָר פאַרזיכטיק טראָגט זי עס צום מויל.

זי האָט נישט אויסגעטראַכט, מיין מאַמע. די שטיינער זענען טאַקע מער אויף דעם פענצטערל נישט געווען. זיי זענען פאַר־שוווּנדן.

אין יענעם יאָר איז אויך דער טאַטע אַוועק. פון שרה־לאה דער נייטערקעס פענצטער, האָט זי נאָכגעקוקט, ווי מען האָט דעם טאַטן אָפּגעפירט צום בית־עולם. מיט דער זעלבער גאַס, דורך וועלכער מען האָט עטלעכע יאָר שפּעטער געטריבן אַלע אין געטאָ. דורך דער בית־עולם־גאַס, וואָס איז אַזוי נאָענט פון די גריבער.

ווי רחוק מיין מאַמע איז געגאַנגען — זעט חנה — איך האָב זי געהאַלטן אונטערן אָרעם און זי האָט מיך געטרייסט. „ער וועט קומען, מיין קינד, גלייב אים. אין דער לעצטער רגע קאָן ער קומען מיטן נס. ער פאַרשפּעטיקט נישט".

בין איך עס מיין מאַמעס נס?

אַזוי ווייט בין איך שוין דעמאָלט געווען פון אליהו הנביא. שוין לאַנג מער אויף אים ניט געוואַרט. און דו, מאַמע טייערע, האָסט נאָך אַלץ געפּרוווט מיך איבערבעטן מיט אים. נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל דערציילט ווי אַזוי ער איז אַ פּרייטיק געווען ביי אונדז אין שטוב און פון שטיינער געמאַכט חלות. פאַרזיכערט מיר, אַז איך אַליין האָב זיי געגעסן. און אַז אויף דעם, וואָס האָט געהאַט די זכיה צו עסן חלה פון אליהו הנביא, קאָן דער טייוול קיין שליטה ניט האָבן. און דו...

— נחמן... נחמן טייערער האָט חנה פּלוצעם אויסגערופן ניט מיט איר קול — דאָס זענען אונדזערע שטיינער... מיין מאַמעס שטיינער וואָס דו האָסט פאַרביטן אויף אליהו הנביאס חלות!

עס איז געוואָרן טויט־שטיל.

נחמן האָט זיך האַסטיק אויפגעהייבן פאַרקרימט פון ווייטיק, געכאַפּט זיך ביים גראַניעטן פּוס.

אַנטשוויגענע האָט מען געקוקט ווי ער רוקט זיך אַרויס פון הינטערן טיש, גייט צו חנהן.

מאָדנע, לאַנג האָט עס געדויערט.

מיט הבלס צייכן

זי איז אַריינגעקומען אין עס־זאַל אַ ביסל פּאַרשפּעטיקט. געגאַנגען גיך. די גרויע האָר צעשויבערט, דעם קאָפּ פּאָרויס, ווי זי וואָלט עס דורכגעשניטן דעם וועג. ביים לעצטן טישל, ווו מען האָט אָנגעוויזן איר פּלאַץ, זיך אַוועקגעזעצט, אָן צו זאָגן אַ וואָרט.

דערזען אַז אַלע עסן שוין, האָט זי אַ כאַפּ געטאָן איר ליידיקן טעלער און געלאָפן צוריק מיטן זעלבן וועג, וואָס זי איז געקומען.

— ווהין לויפט זי? — האָט מען געפרעגט.

— נאָך זופּ — האָט זי געענטפערט, ניט אומדרייענדיק זיך צו קיינעם.

— מען דאַרף וואַרטן — האָט די קראַנקן־שוועסטער איר דער־קלערט. זי האָט זיך צוריקגעקערט און געבליבן זיצן צוגעשפּיצט צו דעם, וואָס עס וועט געשען.

ערנסט האָט זי נאָכגעקוקט דער סאַרווערין, וואָס האָט איר אַריינגעבראַכט זופּ. זי האָט שווייגנדיק זיך גענומען עסן. ניט געלייגט דעם מינדסטן אַכט אויף קיינעם אַרום זיך.

די שטענדיק פריילעכע אירען האָט אָנגעוויזן אויף איר און בעת־מעשה, געדרייט דעם פינגער ביים שלייף. דער עולם האָט פאַרשטאַנען און צוגעשמייכלט.

מיט אירענס דיאַגנאָז פון „אַ צעדרייטע" איז זי איינע אַליין אַרומגעגאַנגען אין פּאַרק. די אויגן אין זשורנאַל און געאַרבעט אויף רעבוסן.

שרה האָט איר נאָכגעקוקט. דערפילט אַ שייכות מיט דער דאָזיקער פרוי. שוין געוווּסט, אַז ווען זי ווערט מיד, זעצט זי זיך אָפּגעזונדערט אין דער אַלייע, אונטער אַ בוים. תמיד די ברילן אויפן שפּיץ נאָז. דעם בלייער אין האַנט און טוט דאָס איריקע.

די זון דורך דיביימער האָט זיך דערקליבן אַהין. געבריט. זי

האָט עס ניט געפילט. שרה האָט זיך אָוועקגעזעצט נאָענט צו איר. זי האָט דעם בליק ניט אויפגעהויבן.

— ערגעץ ווו האָב איך אייך געזען. — האָט שרה דאָך געפּרוווט אָנבינדן אַ שמועס און צום ערשטן מאָל זי אָנגעקוקט פון נאָענט.

זי איז געווען צו דיק, אָנגעטאָן נאָכלעסיק. איר פּנים שוין היפּש צעקנייטשט אָבער דעליקאַט, מיט בולטע סימנים פון שיינקייט. אויפן האַלדז האָט זי געטראָגן צוויי קייטעלער. איינס מיט אַ מגן־דוד, דאָס צווייטע מיט לוחות.

לאַנגזאַם האָט זי אויפגעהויבן דעם קאָפּ. אַ ביסל שפּעטער אָפּגעריסן איר בליק פון זשורנאַל. אויסגעטאָן די ברילן און קורץ געפרעגט:

— איר וווינט אין פּאַריז? אין וועלכן אַראָנדיסמאַן?

— אין צענטן.

— האָט איר מיך ניט געזען. איך וווין אין זיבעטן. — גלייך אָנגעטאָן צוריק די ברילן און פאַרטיפט זיך אין זשורנאַל.

— איך זע אייך תמיד אַרבעטן אויף רעבוסן — האָט שרה ניט אָפּגעלאָזט.

זי האָט ווידער אויפגעהויבן דעם קאָפּ, ווידער אויסגעטאָן די ברילן. זי אָנגעקוקט גלייכגילטיק און זיך פאַרטראַכט.

— עס פאַרנעמט מיך. איך בין תמיד אַליין — האָט זי זיך ווי פאַרענטפערט. — גיין אין וואַלד איז אָבער בעסער. אַ סך בעסער.

— אַליין? אין וואַלד אַליין?

— איך בין שטענדיק אַליין. איך קלייב דאָרטן שוועמלער.

— אויף שוועמלער מוז מען זיך גוט קענען.

— קען איך זיך. דאָס קען איך זייער גוט — האָט זי זיך שוין אַריינגעצויגן אין שמועס. — איך האָב זיך גענומען צו קלייבן שוועמלער, ווייל זיי וואַקסן אין וואַלד. איך האָב זייער ליב דעם וואַלד. כ׳גיי און גיי. איך טאָר זיך נאָר ניט אָפּשטעלן. ניט זעצן זיך, ניט לייגן. אַ, ניין. דאָס ניט. קוים הייב איך אָן רוען, איז פאַרפאַלן. כ׳וועל ניט קענען גיין ווייטער.

— האָט איר ניט מורא צו גיין אַזוי אין וואַלד?

לאַנג און פאַרשנדיק האָט זי געקוקט אויף שרהן. די קנייטשן אויפן שטערן זענען געוואָרן טיפער. מען האָט געזען אַז זי ישובט זיך.

— מורא? — האָט זי ענדלער זיך אָנגערופן — איך בין געווען אין אוישוויץ. וואָס קען מיך שרעקן דער וואַלד? ער איז דאָך גוט. מען קען זיך דאָרטן באַהאַלטן. עס איז שטיל. קיינער איז ניטאָ, איז ניטאָ פאַר וועמען מורא צו האָבן. כ׳גיי אַזוי אַליין און קלייב מיר שוועמלער. די פייגל, די האָזן טוען ניט קיין שלעבטס. זיי...

עס האָט זיך דערהערט אַ סיגנאַל. אַן אַמבולאַנס איז אָנגעקומען מיט דער אַלייע, זיך אָפּגעשטעלט ביי דער טיר פון אָפּרו־הויז. דער שאָפער האָט אַרויסגערוקט דאָס בעטל און געהאָלפן אַראָפּגיין אַ פרוי, וועלכע האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס. זי איז לאַנגזאַם געגאַנגען צו דער ביוראָ. ער האָט נאָכגעטראָגן איר וואַליזקע.

ביידע האָבן נאָכגעקוקט. אַז מען האָט זיי שוין ניט געזען האָט שרה ווידער אַ פרעג געטאָן:

— איז עמעץ געבליבן פון אייער משפחה? פון וואַנען קומט איר?

זי האָט לאַנג געשוויגן. געקוקט אויף שרהן און ענדלער שטיל זיך אָפּגערופן:

— איך שטאַם פון אונגאַרן. ניין. איך האָב ניט קיינעם. קיינער ניט געבליבן פון מיינע. איך וויל נאָך איין מאָל פאָרן אַהין. זיין אויפן אָרט, וווּ עס ליגן מיינע עלטערן.

— זענען זיי געשטאָרבן פאַר דער מלחמה?

— די דייטשן האָבן זיי אומגעבראַכט. כ׳וועל זוכן, וויל ווייסן וווּ.

— צימער זעקס! מאַדאַם מאָראָ! — האָט די רוימערין גע־רופן פון באַלקאָן — צימער זעקס צום טעלעפאָן!

— איך לויף! — האָט זיך אַ פרוי קוים אויפגעהויבן פון שטול. זאָגט מיין מאַן ער זאָל ניט אַוועקלייגן דאָס טרייבל און אַז איך לויף. עס וועט אים פרייען!

— איך קען שוין אַפילו אַזעלכע וואָס שפּרינגען — האָט זשאַקלין זיך גענוויצלט — קוקט ווי זי לויפט!

— אַ שאָד זי איז ניט געפאָרן אין מאָנטרעאָל צו דער אָלימ־פּיאַדע!

די פרויען אַרום האָבן געלאַכט. געזוכט זיך צו מאַכן פריילעך. זי האָט דאָס אַלץ ניט געזען, ניט געהערט.

— איך וויל פאָרן אַהין. וויל וויסן ווו. געפינען דאָס אָרט ווו... — זי האָט געקוקט פאַר זיך און ניט דערזאָגט. איר קול איז אויסגעגאַנגען. באַלד זיך געכאַפּט. אָנגעטאָן די ברילן און אַראָפּ־געלאָזט דעם קאָפּ צום זשורנאַל.

— ווייסט איר אפשר ווי הייסט דער ניינטער דעפּאַרטאַמענט? איך דאַרף עס צו לייזן דעם רעבוס.

— ניין — האָט שרה געענטפערט.

— איך האָב געוווסט און פאַרגעסן. נאָר איך פאַרגעס. און תמיד ניט דאָס, וואָס איך וויל. דאָס וואָס איך וויל פאַרגעסן, קען איך ניט.

דאָס גלעקל האָט געקלונגען. גערופן אויף קאַווע. פרויען זענען אַראָפּ פון די ליגשטולן. אַרויסגעקומען פון אונטער די ביימער. מיט די אַלייען געגאַנגען צום עס־זאַל.

— איך גיי ניט — האָט זי געזאָגט, קוקנדיק אין זשורנאַל — אַז איך טרינק קאַווע עס איך צו ברויט. כ'בין צו דיק. דאַרף ווייניקער עסן. איר ווילט גיין? — האָט זי אויפגעהויבן דעם קאָפּ — זי האָט אָבער ניט געוואַרט אַז שרה זאָל ענטפערן און אָנגעהויבן רעדן מיט באַדויער:

— צוליב דער טריקעניש וועלן היי־יאָר קיין שוועמלעך ניט זיין. איך בין שוין געווען אין וואַלד פון שאַנטיאי. דאָ ניט ווייט הייבט ער זיך אָן. מען דאַרף אַראָפּגיין די טרעפּלעך צום בריק און זיך פאַרנעמען הינטערן וואָקזאַל. כ'האָב אַ סך שפּאַצירט. אַוועקגע־גאַנגען ווייט און געפונען אַ גרויסן שמאַלץ־שוואָם. ר'איז אָבער אין גאַנצן צעווערעמט. ווילט איר אים זען? כ'האָב אים געוויזן דער דירעקטאָרין, איז זי געווען אומצופרידן. האָט זיך געבייזערט, אַז איך האָב ניט קיין רעכט אַרויסצוגיין פון פּאַרק. זי איז אָבער

אַ ווילע. האָט מיר געגעבן אַ באַזונדער צימער. און איר? ווו וווינט איר?

ווידער האָט זי ניט געוואָרט אויף קיין ענטפער און דערציילט, אַז זי איז צופרידן צו וווינען אַליין. אַלץ וואָלט זייער גוט געווען — האָט זי צוגעגעבן — איך קען אָבער ניט שלאָפן. און קוים שלאָף איך איין, חלום איך. שוין בעסער ניט איינצושלאָפן.

— וואָס זעט איר אין חלום?

— בילדער, בילדער. — האָט זי זיך פאַרקרימט ווי פון ווייטיק. נאָך אַ לאַנגע פויזע זיך אָנגערופן. — אַמאָל, איך בין געווען יונג, האָט מען געזאָגט איך וועל זיין אַ מאָלערין. איך האָב אַ סך געמאָלן. איצטער ניט. איך מאָל ניט מער. — איר קול איז געוואָרן שטיל, פאַרטרווילעך — אָבער אין חלום זע איך זיי, די ניט־געמאָלטע בילדער. שוין פאַרטיקע, איינגערעמטע הענגען זיי אויף די ווענט. היינט האָב איך געזען אַ בילד פון זיך אַליין. דער האַלדז האָט זיך אָבער באַוועגט אין דער ראָם. געדרייט דעם קאָפּ נאָך מיר, ווו נאָר איך בין געגאַנגען: אַזוי און אַזוי, האָט זי געוויזן — ער האָט מיר נאָכגעקוקט. ניט געקענט זיך באַהאַלטן פון אים. אַזוי אומ־היימלעך זענען די בילדער וואָס קוקן מיר נאָך. שוין בעסער ניט איינשלאָפן. קענט איר שפּילן שאָך? מיר וואָלטן אין אָוונט גע־שפּילט צוזאַמען.

ווען עס איז געוואָרן אָוונט האָט מען אָנגעשטעלט פּלאַטן. די פּרויען וואָס האָבן זיך געפילט בעסער, האָבן געטאַנצט אין גרויסן זאַל. פּאָרלעך האָבן זיך געדרייט אין אַ טאַנגאָ. אויך זי מיט דער יונגער קראַנקן־שוועסטער. זי האָט געטאַנצט פלינק, זייער געשיקט. נאָר איר פּנים אָנגעשטרענגט, ווי בעתן לייזן די רעבוסן.

דער דיסק איז אויסגעגאַנגען, האָבן זיך אַלע געזעצט רוען. נאָך אַ פויזע האָט די קראַנקן־שוועסטער אָנגעשטעלט אַ צווייטן דיסק און ווידער האָבן פּאָרלעך זיך געדרייט אינמיטן זאַל. אַרום איז מען געזעסן און זיך צוגעקוקט. זי האָט זיך פאַרקליבן אין אַ ווינקל, אָפּגעזונדערט פון אַלע. פּלוצלונג זיך אַ הייב געטאָן פון אָרט און איינע אַליין זיך אָוועקגעדרייט אין זעלבן ריטם. מיטגע־מאַכט די זעלבע באַוועגונגען. אינמיטן, זיך פאַרגעסן. געבליבן

שטיין. באַלד אָבער האָט זי פֿאַרוואָרפֿן דעם קאָפּ אַהינטער און ליכבט אַוועקגעטאַנצט, געשיקט אויסגעמיטן די פּאַרלער אויפֿן זאַל.

וועד, פֿון אַרום, עס האָט זי באַמערקט האָט צוגעשמייכלט.

אויך דער דיסק איז אויסגעגאַנגען. אַלע זענען שוין געזעסן אויף די ערטער. און זי האָט נאָך אַלץ געטאַנצט. פֿון דאָ און דאָרט האָט זיך דערטראָגן אַ לאַכן. צו איר איז עס ניט דערגאַנגען. זי איז געווען שטאַרק פֿאַרנומען. זיך געבויגן אַהין, אַהער. אַ טראָט פֿאָרויס, אַ טראָט צוריק. פּלוצלונג געבליבן שטיין אינמיטן זאַל. זיך אויסגעצויגן גלייך און שטייף. לאַנגזאַם געדרייט דעם האַלדז רעכטס און לינקס. די אויגן האָבן דערשראָקן געזוכט אין איין זייט, אין דעם אַנדערן. „אַזוי און אַזוי", ווי דאָס בילד אין דער ראָם פֿונעם חלום.

עס איז געוואָרן אומהיימלער, שווער צוצוקוקן.

— אָט האָט איר אַ טאַנץ — האָט זשאַקלין געקוועטשט מיט די פּלייצעס.

אירען האָט ווידער געדרייט מיטן פֿינגער ביים שלייף.

און אַז זי האָט אַלץ ניט אויפֿגעהערט, איז דער עולם געוואָרן אומרויִק.

— וואָס גאַפֿט איר אַזוי? — האָט די פֿרוי מאַראָ זיך אויפֿגעשטעלט — רופֿט אַריין די קראַנקן־שוועסטער!

עס האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ שורשקעריי, מען האָט געגעבן עצות, געררוקט זיך פֿון די ערטער. די שטולן האָבן געסקריפּעט.

שרה האָט זיך געלאָזט צו איר, מיט דער כוונה, זי אַרויספֿירן פֿון זאַל. אין דעם מאָמענט האָט זי זיך אַ ריס געטאָן פֿון איר פֿאַרשטייפֿטקייט און אַוועקגעטאַנצט מיט אויפֿגעהויבענע, ציטערדיקע הענט.

— קוקט — האָט אירען אָנגעוויזן.

דאָס האָט זי דערזען דעם בלויען נומער אויף איר האַנט.

עס איז שטיל געוואָרן.

מען האָט געזען, ווי זי האָט מיט אַ פֿאַרהאַקטן אָטעם, מיד זיך אַראָפּגעלאָזט אויפֿן שטול און שרהן אָנגעבויגן איבער איר.

אַ באַגעגעניש

אַ זונטיק נאָך מיטאָג געווען.

איך בין אַרויס פון מעטראָ צו די גרויסע בולוואַרן. אויפן טראָטואַר, אַ ביסל אין דער זייט, איז מיט פאַרשיידנפאַרביקן קרייד געווען אָנגעמאָלן די הייליקע מוטער. איבער דער מאָלעריי אַן אויפשריפט „העלפט אייערע יונגע קינסטלער!" דערנעבן איז געשטאַנען אַ בחור מיט אַ יעזוס־פּנים, דער מאָלער.

אויף די בולוואַרן ביי די טישלעך, פאַר די קאַפייען איז כסדר געוואָרן ענגער. לאַנגע רייען האָבן געוואַרט פאַר די קינאָס אויף די קומענדיקע סעאַנסן.

די זון האָט געשיינט. דער עולם האָט אויסגעזען יום־טובדיק, געמיטלעך. זיך ניט געאיילט, ווי געוויינטלעך אין וואָכעדיקע טעג. פאַרבייגייער האָבן זיך אָפּגעשטעלט, געקוקט אויף דער הייליקער מוטער פאַר זייערע פיס. ווער עס האָט אַריינגעוואָרפן אַ מטבע אין דער פושקע נעבן בילד און ווייטער געגאַנגען.

אַן אַטלעט האָט געהויבן אייזערנע שטאַנגען. האָבן זיך געזאַמלט פאַרבייגייער אַרום אים. געשאַפן אַ רעדל.

אַנטקעגן אים האָט אַ הענדלער געשריִען אין אַ הילכער. אויף זיינע אַקסלען, אויפן האַלדז, זענען געווען אָנגעהאָנגען שאַליקעס, בינדעס. שוין הייזעריקלעך פון שרייען, האָט ער איצטער אָנגעבאָטן פאַרפום, אָנצינדערס, בלייערס. זיך געקליגלט צו איבערצייגן ווי ווערטפול עס איז זיין סחורה. וואָס פאַראַ גוטע מתנות דאָס זענען פאַר אייגענע ווייבער, פאַר געליבטע. ווי גוט עס זענען די אַרטיקלען פאַר מענער, פאַר חתנים. גערעדט הויך, צעהיצט. נאָכאַנאַנד געשפריצט פון אַ פלעשל און פאַרשפרייט אַרום זיך אַ זיסלעך־שמעקעדיקן ריח פון ביליקן אָדעקאָלאָן.

— פאַר איינס אַזאַ פלעשל אין געשעפט — האָט ער געוויזן — קריגט איר ביי מיר נאָך דאָס! און זאָל אייער פאַרבייגיין זיין

מזלדיק, איך גיב אויך דעם וואונדערבאַרן זייף! עס איז היינט זוניק, אַ שיינער טאָג. מען דאַרף ניט זיין קאַרג!

ער האָט געהאַלטן פולע שעכטלעך איןביידע הויפנס. דער נייגער ביים עולם איז געוואַקסן. דאָס רעדל אַרום אים איז געוואָרן גרעסער. געקויפט האָט זעלטן ווער.

— מאַדאַם — האָט מיך פלוצלונג פאַרהאַלטן אַ פרוי מיט געצווימטער שטילקייט אין קול. און אויסגעזען האָט זי גאָר שטאַרק צופרידן פון דער באַגעגעניש.

איך האָב זי אָנגעקוקט. מיר איז איינגעפאַלן, אַז זי האָט אַ טעות, פאַרבייט מיך מיט עמעצן, און ניט זיכער האָב איך געענ־מען איר אויסגעשטרעקטע האַנט.

— וואָס מאַכט איר, מאַדאַם?

— אַ דאַנק, גוט. און איר?

עמעץ האָט זיך אָנגעשטופּט ממש אויף אונדז. ניט געווען מעגלעך צו שטיין אַזוי אינמיטן וועג. האָבן מיר זיך אָוועקגערוקט אַ ביסל אין דער זייט.

אויפמערקזאַם האָב איך זיך איינגעקוקט אין דער אומבאַ־קאַנטער.

זי איז געווען עלעגאַנט. שיין געקעמט די האָר, געפאַרבן אויף בלאָנד. דאָס פּנים באַלייגט מיט קרעם. אונטערגעשמירט די אויגן.

מיר האָט זיך אָנגעהויבן דאַכטן, אַז ערגעץ ווו האָב איך זי געזען. שוין געוואָרן נייגעריק. געוואָלט הערן עפּעס פון איר, וואָס זאָל מיר דערמאָנען ווער זי איז.

— וואָס מאַכט אייער מאַן? — האָט זי געפרעגט גאָר שטיל און איידל, אַז מען האָט קוים געקענט באַמערקן דאָס באַוועגן זיך פון אירע ליפּן.

— אַ דאַנק. גוט. און ווי גייט עס אייך?

— אַזוי. איך וווין מיט מיין טאָכטער.

— איז זי שוין אַ דערוואַקסענע אייער טאָכטער?

— איר האָט פאַרגעסן? שוין צוואַנציק יאָר געוואָרן. יאָ, יאָ. שוין צוואַנציק יאָר אַוועק.

— איז זי אַ וווּיל מיידל? וואָס טוט זי?

— לערנט זיך. זי איז שוין גאָר ווייט אין „עקאָל״.

— זייער פיין. זי לערנט זיך זיכער גוט.

— פון איר האָב איך ניט קיין צרות. זי איז „זשאַנטי״. איך בין אָבער אַליין. מיין מאַן איז אַוועק. ווינט מיט זיין אויסוווּרף.

— איר זענט נאָך יונג. זעט אויס זייער שיין — האָב איך זי געטרייסט און נאָך אַלץ ניט געוווּסט מיט וועמען איך רעד. וואָס אַן אמת, שוין געהאַט עס גענוג. און אויסגעשטרעקט איר מיין האַנט צום געזעגענען זיך.

זי אָבער האָט עס אַפילו ניט באַמערקט.

— גייט איר עס איצטער צו פריינד? — האָב איך געפּרוּווט זי דערמאָנען און געמאַטערט מיין זכרון. געוואָלט וויסן ווער איז זי, די פרוי.

— מען דאַרף זיך האַלטן, מאַדאַם — האָט זי שוין גערעדט העכער — מען טאָר זיך ניט אָפּלאָזן. קוים לאָזט איר זיך אָפּ, זענט איר אַ פאַרפאַלענער מענטש. אָט קוקט אויף מיר — האָט זי זיך פאַרנומען באריכות — ער האָט מיך איבערגעלאָזן, דער פאַדליעץ. האָט אַ קינד מיט זיין נפקא. געקויפט פאַר זיי אַ הויז. און פון מיר וויל ער אַ גט.

— עס פּאַסירט אַזעלכעס — האָב איך ווידער אויסגעשטרעקט מיין האַנט — זי האָט גענומען מיין קליינעם פינגער, אים געהאַלטן און ווייטער גערעדט.

דער פאַרקויפער נעבן אונדז, האָט אַלץ העכער און צעהיצטער אָנגעבאָטן זיין סחורה.

— אַ גט וועל איך אים געבן?! — האָט זי קאָנטיק געוואָלט אים איבערשרייען — ער קען ביי מיר וואַרטן! ער וועט חתונה האָבן מיט איר און איך? כ׳וועל זיין איינע אַליין, נאָך אַזוי פיל צרות. איך פרעג אייך, מאַדאַם, פאַר וואָס קומט עס מיר? איך האָב גענומען אַן אַדוואָקאַט. גיב אויס אַ פאַרמעגן. אָבער אים וועט עס קאָסטן טייער. פאַר וואָס, איך בעט אייך, זאָלן מיר, איך מיט מיין טאָכטער, אַזוי ליידן, אַלעביידע?

אין דעם מאָמענט האָב איך זיך דערמאָנט ווער זי איז.

איך בין געשטאַנען מיט איר. זי האָט געשריִען. פאַרבייגייער

האָבן זיך אומגעקוקט. זי אָבער האָט זיך שוין ניט געקענט אָפּשטעלן. ס׳איז מיר שווער געוואָרן נאָכצופּאָלגן דעם שלל פון רייד. און אויסגעזען האָט זי איצטער אויך אַנדערש. טאַקע מער ענלעך צו דער, וועמען איך האָב זיך דערמאָנט.

באַקענט האָב איך זי מיט יאָרן צוריק. אין ראָטשילד־הויז, אויף גי פּאַטען־גאַס. זי האָט דאָרטן געוווינט נאָך איידער די גרופּע שרייבער זענען געקומען פון פּוילן און זיך אַריינגעקליבן אין דאָזיקן הויז. געבליבן איין פאַמיליע, נאָך אַ גרופּע נייגעקומענע, וועלכע האָבן ביז דעמאָלט, שוין ביסלעכווייז זיך געהאַט אַרויסגעצויגן פון דאָרטן. אויך זי האָט געוואַרט, אַז איר מאַן זאָל פאַרדינען אַ ביסל געלט אויף אַ דירה.

— איך זאָל קענען לעבן ווי אַ „נאָרמאַלער מענטש”. צו אַלע אומגליקן דאַרף איך נאָך ווינען צוזאַמען מיט „קינצלער” — פלעגט זי ליאַרעמען — נאָך דאָס האָט מיר געפעלט. וויייניק צרות שוין געהאַט חוץ דעם. אַן אמתע שטראָף פון גאָט. ווי ווערט מען עס פּטור, טאַטע אין הימל!

איך פלעג זי טאַקע זען שפּאַצירן צוזאַמען מיט איר טעכ־טערל, אין סקווער. באַגעגענען זיי אויפן מאַרק, אונטערן בריק פון מעטראָ „באַרבעס”. און דער עיקר, אין דער ענגער קיך. וואָס איז געשטאַנען אין ווינקל פון לאַנגן קאָרידאָר.

אין קיך איז געווען איין גאַזמאַשינקע. די פרויען פון די שרייבער־פאַמיליעס, פלעגן רעגולירן מיט דער צייט. איינשטעלן אַ ריי, אַז אַלע זאָלן קענען עפּעס אָפּקאָכן. זי אָבער, האָט מיט גאָרניט זיך געוואָלט רעכענען.

— איך בין דאָ פריִער געקומען ווי איר — פלעגט זי זאָגן — און אויב עס געפעלט אייך ניט, קענט איר גיין פון דאַנען.

אַריינגעקומען אין קיכל, האָט זי אַראָפּגענומען דאָס פרעמדע טעפּל פון פייער, אַוועקגעשטעלט אירס און בעת־מעשה געשריִען, אַז מען פלעגט הערן אויפן גאַנצן קאָרידאָר:

— מיין מאַן קומט באַלד אַ הונגעריקער. ער אַרבעט שווער און ביטער! איר ווילט מיר זאָלן שטאַרבן פון הונגער, אַלע ביידע?

איצטער זענען מיר געשטאַנען אויפֿן רווישיקן בולוואַר. זי האָט שוין אָפּגעלאָזט מיין פֿינגער. זשעסטיקולירט מיט די הענט און גערעדט אָן אויפֿהער. דער רעש אַרום אונדז, אירע גיכע און הויכע רייד, האָבן מיר פֿאַרקלאַפּט דעם קאָפּ. איך האָב אויפֿגעהערט זיי נאָכפֿאָלגן, דערהערט אַ צענטן וואָרט. אַפֿילו ניט באַמערקט, ווען זי איז איבערגעגאַנגען אין אַ שטילן שמועסן. דערמאָנט סומעס וואָס אַן אַדוואָקאַט האָט ביי איר אויסגענאַרט אומזיסט און אומנישט. ערטער ווו זי האָט דאָס געלט געבאָרגט. וויפֿל זי קומט נאָך דעם און יענעם.

— דער אַדוואָקאַט האָט מיך געוואָלט איבערלאָזן אין איין העמד. איך זאָל דאַרפֿן גיין איבער די הייזער — האָט זי גאַרניט געטראַכט אויפֿצוהערן. — שוין. איך האָב שוין אַן אַנדערן. יענער האָט מיך געוואָלט בדלות שטעלן. מיך מיט מיין טאָכטער, אַלעביידע. האָב איך אים געלאָזט פּגרן.

איך האָב שוין אינגאַנצן אויפֿגעהערט נאָכצופֿאָלגן אירע רייד. עס איז מיר אָבער אויפֿגעקומען, און איך האָב בולט דערזען איינעם אַ שפּעטן נאָכמיטאָג אין קיך, ביי דער גאַזמאַשינקע. איך בין דעמאָלט געווען זיכער אַז קיינער איז שוין דאָרטן ניטאָ און געוואָלט עפּעס אָפּקאָכן. אומגעריכט אָנגעטראָפֿן אויף איר און גלייך זיך גענומען צוריקציִען.

— מאַדאַם — האָט זי שטיל געזאָגט — גייט ניט אַוועק. אָט לאָז איך אייך דאָס פֿייער.

זי האָט באַמערקט מיין וווּנדערן זיך און צוגעגעבן:

— איך בין ניט אַזוי שלעכט ווי אַלע מיינען. מיינע נערוון האַלטן אָבער ניט אויס. דאָס מאַכן זיי פֿון מיר אַ תל. ווילט פֿאַרשטיין. איך האָב מיין שלמהלען, מיין ערשט קינד... ווי יענטעלע איצטער איז ער... ניין. וואָס רעד איך? נאָך אַ פּיצל געווען. האָב איך אים אויף דער גאַס אַרויסגעלייגט. איר גלייבט ניט? אויף דער גאַס, ביי אַ פּלויט. ניט געוואָלט זיי זאָלן אים טייטן.

אויך דעמאָלט האָט זי גערעדט גאָר שטיל. און פּלוצלינג זיך פֿאַרקוקט אויף אירע הענט. עס האָט אויסגעזען, ווי אין יענער

רגע, צווישן מיר און דער גאַזמאַשינקע, האָט זי זיי אומגעריכט דערזען. זי האָט לאַנג געקוקט, געשוויגן און מיט איין מאָל זיך צעשריִען:

— איר זעט? די אַ הענט האָבן דאָס געטאָן. בעסער וואָלטן זיי מיר אָפּדאָרן. אַרויסוואַרפן אַ פּיצל, טייער נפשל. איינעם אַליין לאָזן ביי אַ פרעמדן פּלויט, אַן אייגן, ליב קינדעלע. ווער טוט עס אַזאַ זאַך? און אַרום און אַזוי פיל חיות. איז וואָס מיט אים געשען? — האָט זי פאַרבראָכן די הענט און ווי געוואָרט אויף אַן ענטפער.

דאָס לשון האָט מיר דעמאָלט אָפּגענומען. ניט געקענט אַרויס־ברענגען קיין וואָרט. זי האָט ווי איצטער געשריִען:

— וואָס קוקט איר אַזוי? איר פאַרשטייט ניט? איר מיינט איך רעד פון וועג, צוליבן קלאַפּ אין קאָפּ וואָס איך האָב געכאַפּט, שפּרינגענדיק פון דער באַן? איז וואָס האָב איך געקענט טאָן? געוואָלט אים אָפּזוכן. געפינען דאָס קינד. און איר וואָלט ניט אַזוי געטאָן?

ווידער איז זי אַנטשוויגן געוואָרן און גאָר פּלוצלונג אָנגע־הויבן לאַכן.

איר געלעכטער האָט מיך געשראָקן.

— מאַדאַם, גייט ניט אַוועק. אַט קאָכט עס שוין באַלד. איך לאָז אייך דאָס פייער. איר ווייסט? מיין טאַטע איז געווען אַ דראָזש־קאָזש. נאָך אַ קליין מיידעלע, האָב איך ליב געהאַט זיך פאַר־גנבענען הינטן אויף דער דראָזשקע און אַ ביסל אונטערפאָרן. ווען דאָס פערד איז שוין געווען אין סאַמע גאַלאָפּ, פלעג איך אַראָפּ־שפּרינגען. אוי, האָט דער טאַטע געשלאָגן דערפאַר, ווען נאָר ער האָט עס געזען. אָבער פאַרשטייט. אונדז האָט מען געפירט מיט דער באַן. אַ לויפנדיקע באַן איז ניט קיין דראָזשקע. איך ווייס ניט ווי אַזוי איך בין געשפּרונגען, געוואָלט מיט די פוסטע פעלדער, ווו מען האָט קיין נפש ניט געזען, גיין צוריק. זען צי שלמהלע ליגט נאָך נעבן פּלויט. געוואָלט אַ קוק טאָן אויף אים.

אויפגעוועקט האָט איך זיך אין אַ שפּיטאָל. צעבראָזגעט דעם קאָפּ. נו, איז וואָס? איך הער נאָר רוישן, ווי אַ באַן וואָלט כסדר

געיאָגט. איר ניט? איר הערט גאָרניט? אָט האָט איר דאָס פייער. איר קענט קאָכן. עס רוישט. וויי, וויי ווי עס רוישט — האָט זי שוין געדערעדט צו זיך אַליין, אַוועקגייענדיק מיטן הייסן טשייניק דורכן לאַנגן קאָרידאָר.

דער טומל אויפן בולוואַר, האָט זיך געשטאַרקט. אַ סך, גאָר אַ סך האָבן שפּאַצירט איןביידע ריכטונגען. קינדער זענען געלאָפן, צעשפּילטע זיך באַהאַלטן צווישן פאַרבייגייער, געפּלאָנטערט זיך פאַר די פיס. דער עולם האָט געמיטלער געשמייכלט, זיי פאַר־שטעלט, נאָכגעקוקט ווי זייערע חברים זענען פאַרבייגעלאָפן און די באַהאַלטענע אינגאַנצן ניט באַמערקט.

זי האָט קאָנטיק דערזען מיין פאַרטראַכטקייט און אַן אַנטוישטע אַראָפּגעלאָזט די הענט.

— אַנטשולדיקט — האָט זי געבעטן גאָר שטיל — איר זענט געוויס ערגעץ געגאַנגען, האָב איך אייך פאַרהאַלטן. אַזוי פיל יאָרן אייך ניט געזען. איך אייל זיך ניט. גיי גלאַט אַזוי. מיין טאָכטער האָט אָפּגעגעסן און איז איצטער ביי אירע חברטעס. מיין מאַן איז ביי איר. ווי דען וועט ער זיין? מאַדאַמעשי, איר זענט דאָך אַ שרייבערין. איר זעט דאָך מיין לעבן ווי אויפן דאַלאָן. שרייבט אָן פון מיר אַ ראָמאַן. מען קען. זאָלן מענטשן וויסן.

זי האָט מיר געלאָזן שטיין און איז אַוועק. איך האָב איר נאָכגעקוקט. אַן עלעגאַנטע, מיט לאַנגזאַמען טראָט, האָט זי זיך אויסגעמישט מיטן יומטובדיקן עולם. שפּאַצירט אויף די גרויסע בולוואַרן.

פאַרשטערטע פרייד

שרה שלאָפט שלעכט. פילט ווייטיקן. די מעדיקאַמענטן העלפן ניט. דער דאָקטער הייסט איר אָוועקפאָרן פון פּאַריז. לעבן אַ ביסל אין דרום־פראַנקרייך. דאָרטן איז זוניק און וואַרעם. ער פאַרזיכערט, אַז אַזאַ ענדערונג איז די בעסטע רפואה. זי וויל אָבער ניט פאָרן. דאָס דערווייטערן זיך פון דער היים מאַכט איר תמיד אומרויִק, בפרט היי־יאָר.

די סטודענטן קערן וועלטן. דער גוטער יאָר ווייסט וואָס זיי פעלט. אויף די אוניווערסיטעטן ווערן אַלץ שטאַרקער די אומרוען. מען האַלט אין איין שטרייקן, דעמאָנסטרירן.

שרה איז זייער פאַרזאָרגט וועגן איר פריידלען. אַנומלטן איז זי אין גאַנצן ניט געקומען נעכטיקן. יענע נאַכט איז שוין שרה געלעגן צוגעשפּיצט צו דעם טראַנזיסטער. די סטודענטן האָבן אויפגעבויט באַריקאַדן, זיך געשלאָגן מיט דער פּאָליציי.

פון אָרט האָט דער רעפּאָרטער איבערגעגעבן דעם פאַרלויף פון די געשעענישן. מען האָט געהערט דעם רעש, די קולות, די אויפרייסן פון טרערן־באָמבעס. איבער אַלעם האָבן אָבער שרהן געשראָקן די סיגנאַלן פון די סאַניטאַר־קעטשלער.

קוים זיך דערוואַרט אויף טאָג! און אַז פריידל האָט זיך אַלץ ניט געוויזן, האָט זי זיך אָנגעטאָן און אַוועק אין לאַטיינישן קוואַר־טאַל.

די געגנט האָט אויסגעזען ווי נאָך אַ שלאַכט. פאַרברענטע וועגענער, צעבראָכענע וויטרינעס, קופּעס גלאָז אונטער אויסגע־האַקטע פענצטער. אויפן צעריסענעם ברוק, שטיינער מיט וועלכע מען האָט זיך געוואָרפן און פיל אויסגעקאָרטשעטע, פאַרסמאַליעטע ביימער.

פאַר דער סאָרבאָנע זענען געשטאַנען לאַנגע רייען פּאָליציי. אויף צווישן עולם האָבן זיך געדרייט אַגענטן און מונדירטע פּאַ־

ליציאַנטן. זיי האָבן נאָכאַנאַנד צעטריבן די יונגע חברה, וואָס האָבן צעהיצטע זיך געקליבן אין רעדלעך.

אַן אומרויִקע האָט שרה געזוכט פריידלען און אין ערגעץ זי ניט געזען.

אפשר איז זי שוין אין דער היים — האָט זי זיך געטרייסט.

צוליב דער טאָכטער איז שרה מיט לייב־און־לעבן אַריינגע־צויגן אין די געשעענישן.

מיט עטלעכע טעג צוריק איז זי געווען ביי אירס אַ פריינדין. ערגעץ אויף באַסטיל. דער ראַדיאָ האָט געשפּילט און זיי האָבן געשמועסט. פּלוצלונג האָבן זיי אויפגעכאַפּט אַ ידיעה, אַז מען שלאָגט זיך ביי „גאַר דע לעסט״.

סטודענטן האָבן גערופן אַ מיטינג. די פּרעפעקטור האָט אים פאַרבאָטן. יאָגט מען זיך אַרום מיט דער פּאָליציי. אויך דאָס מאָל האָט מען געהערט אין ראַדיאָ אויסרופן, קולות, אויפרייסן פון טרערן־באָמבעס. און ווידער סיגנאַלן פון סאַניטאַר־קעטשלער.

אַ צעטומלטע האָט שרה זיך גלייך געכאַפּט צום מאַנטל.

— וווּהין לויפסטו? — האָט די פריינדין זי געפּרוווט פאַר־האַלטן.

— צו „גאַר דע לעסט״.

— וועסט דאָך נישט קענען צוקומען, און צו וואָס? הערסט ניט וואָס דאָרטן טוט זיך?

— איך וועל פּרוּוון דורך „שאַטאָ ד׳אָ״.

אַרויסגעקומען איז זי ביי מעטראָ שטראַסבורג. אַרום איז גע־ווען שוואַרץ פון רויך. זשאַנדאַרמען אין העלמען, באַוואָפנטע מיט ביקסן און שטעקלעך, האָבן אויסגעפּילט דעם בולוואַר. די שוואַרצע קעטשלער, לענג אויסביידע טראָטואַרן, זענען געווען פול מיט פּאָליציי.

פּלוצלונג האָט מען פון „סאַן מאַרטען״ דערהערט קולות, לאָ־זונגען, אַ געזאַנג.

דאָרטן קאָן אויך זיין פריידל — האָט שרה געטראַכט. אַ ווײַלע האָט געדויערט און באַלד איז זי געווען נעבן דעם מאַרשירנדיקן עולם. צווישן זיי האָט זי נאָכאַנאַנד זיך געשטופּט פאַרויס. איר

האָט זיך געדאַכט, אַז זי זעט פון ווייטן דעם הויכן זשאַן, וואָס קומט תמיד צו דער טאַכטער, מסתמא איז איצטער פריידל ביי זיין זייט.

שרה האָט ניט באַוויזן צו פאַרשטיין וואָס עס איז געשען: אין איין רגע איז געוואָרן אַ שטופעניש, אַ געלויף, מיט אַ גרופּע סטודענטן איז זי אַריינגעצויגן געוואָרן אין אַ טויער. פון דאָרטן ערשט דערזען, אַז די גאַס איז אָפּגעליידיקט, פּוסט. איבער איר האָבן אין שווינדלדיקער שנעלקייט דורכגעיאָגט פּאָליציי־מאָטאָ־ציקלען. הינטער זיי האָט מען קיינעם ניט געזען. נאָר איין קלאָשאַר איז אָנגעקומען אויפן מיטן גאַס, אויפגעהויבן פון ברוק אַ מיידל־שוך, אים אָנגעטאָן אויף זיין שטעקן און אַזוי געשפּאַנט אַ צו־פרידענער. פון די הויפן און פון הינטער די טויערן האָבן ווידער זיך אַרויסגערוקט סטודענטן. ווידער האָט זיך צעטראָגן אַ טופּעריי. זיי האָבן מאַרשירט, געשריגן, געזונגען.

שרה איז מיטגעגאַנגען אויפן טראָטואַר. געזוכט פריידלען. אומזיסט אויסגעקוקט די אויגן. בעת אַלע האָבן זיך דערנענטערט צו „גאַר דע לעסט", האָבן זיי אָנגעטראָפן אויף נאָך אַ מאַניפעס־טאַציע, וואָס האָט געשטראָמט פון דער אַנטקעגנדיקער ריכטונג.

אפשר איז זי גאָר דאָרטן — האָט שרה אַ טראַכט געטאָן. אויסגעשעפּט און רעזיגנירט איז זי אַוועק אַהיים.

— ווען מען הערט דעם ראַדיאָ, זעט אויס, אַז מען הרגעט מענטשן אין די גאַסן — האָט שרה יענעם אָוונט זיך אָפּגערופן צו פריידלען — אויפן אָרט איז עס גאָרניט אַזוי שרעקלעך.

— מאַמע, — האָט פריידל אויסגענוצט דעם מאָמענט — זעסט דאָך אַליין, אַז עס געשעט גאָרניט. קענסט פּאָלגן דעם דאָק־טער און פאָרן זיך אָפּרוען.

— דאָס זעסטו, ניט. פון ווייטן וועט עס מיך מאַכן זייער אומ־רויק.

שרהס מצב האָט זיך אָבער כסדר פאַרערגערט. קעגן איר ווילן האָט זי געמוזט נאָכגעבן.

*

אין דרום־פראַנקרייך איז זוניק און וואַרעם. ערשט דאָ האָט שרה דערפילט ווי אָפּגעשוואַכט זי איז. זיצט זי אָפּט אויפן באַל־קאָן, אַנטקעגן ים. זעט זי יונגע חברה באָדן זיך, שווימען, שטיפן אַרום. פאַראָן — טראַכט זי — אויך סטודענטן צווישן זיי. אויף די אוניווערסיטעטן לערנט מען אַלץ איינס ניט. קוים זעצט מען זיך יאָ אַריין אין קלאַס, גייען די שעהען אַוועק אויף דיסקוסיעס. אַ שאָד וואָס פריידל וויל ניט קומען. חוץ דעם וואָס שרה איז ווי תמיד אומרויִק וועגן איר, בענקט זיך. עס איז טאַקע אומעטיק צו זיין אַליין. דער עיקר אין די אָוונטן, ווען ווייט פון יענער זייט ים לאָזט זיך אַראָפּ די זון און עס פאַלט צו די נאַכט.

שרה האָט געשריבן בריוו. עטלעכע מאָל געקלונגען ביז פריידל האָט אַלץ איבערגעלאָזט און געקומען זיין מיט דער מאַמען. קוועלט איר דאָס האַרץ, זעענדיק די צעשטיפטע טאָכטער.

— וווהין לויפסטו שוין ווידער? — פרעגט זי מיט געמאַכטער אומצופרידנקייט — ביסט דאָך נאָר וואָס געקומען פון באָדן זיך?

—איך גיי זיך טרעפן מיט אַ שיינעם בחור, מאַמע. האָסט באַ־מערקט נעכטן ביים ים איינעם מיט לאַנגע האָר און בלויע אויגן?

— מיט לאַנגע האָר און בלויע אויגן. אַ גדולה אויף דער באָבען! איז ער כאָטש אַ ייד?

— ווער ווייסט? און איבעריקנס, וואָס איז עס וויכטיק?

— אַזוי גאָר. האַלט איך דאָך מיט דיר גאָר גוט. עס איז דיר אַפילו ניט וויכטיק.

— שוין. האָסט זיך שוין פון וואָס צו ערגערן. און פון מיינעט־וועגן קען ער זיין אַ האָטנטאָט. מאַך זיך נישט קיין צרות מאַמעלע. אַז עס וועט זיין וויכטיק, וועל איך דיר שוין אָנזאָגן. און זיין וועט ער... דו ווילסט אַ ייִדי? וועט זיין אַ ייִד. אַבי זיי רויִק. נו, ביסט שוין צופרידן?

— יאָ, פריידעלע, איך וויל פאַר דיר אַ ייִדישן בחור.

— איך וויל אויך — האָט די טאָכטער הויך געלאַכט. געקושט דער מאַמען און אַוועקגעאיילט.

געקומען צוריק איז זי ערשט פאַרנאַכט. זיך אַריינגעשטעלט מיט נאָך צוויי חברטעס. זיי האָבן געבעטן שרהן זי זאָל דערלויבן

דער טאַכטער גיין מיט זיי אויף אָוונט־ברויט. פריידל אַליין האָט צוגעשוויגן, געוועזן ניט דרייסט.

אַ שפּיל האָבן זיי פאַרטראַכט. זיך פאַרוועט אויסצוגעפינען אַלע געווירצן צו אַ פּראָווענסאַלן מאכל. עפּעס אַ גאָר ספּעציעלע „סוף אַ פּיסטו" גייען זיי מאַכן.

— אוי קינדער, קינדער — באַדויערט זיי שרה גוטמוטיק — צו אַזאַ „סוף אַ פּיסטו" דאַרף מען האָבן פּוסטע קעפּ. און איר ווילט עס מאַכן רעוואָלוציעס? איר גייט עס אויפרודערן פראַנק־רייך?

— רעדסט מאַמע אַזוי, אַז עס קליידט דיר אין גאַנצן ניט. וואָס פאַר אַ שייכות האָט איינס צו ס'אַנדערע. איצטער ווילן מיר זיך. מיר האָבן פון דעם פאַרגעניגן, פריידל! איז עס ניט גוט?

— יאָ, עס איז גוט, — האָט שרה נאָכטראַכטנדיק צוגעשטימט

— פריידל איז גוט.

זיי זענען אַוועק.

שרה האָט אַליין אָפּגעגעסן. געמאַכט אַ קליינעם שפּאַציר ביים ים. זי האָט געוווּסט, אַז פריידל איז דאָרטן ניטאָ און טאַקע באַלד זיך צוריקגעקערט. פון באַלקאָן האָט זי נאָך געזען די זון אין סאַמע פאַרגיין. אַ צונטער רויטע האָט זי זיך אָראָפּגעלאָזט האַלב אין וואַסער און פאַרגאָסן מיט רויטקייט דעם אַנדערן ברעג, ביז אין מיטן פון ים. עס איז געוואָרן אַלץ שטילער. אויף די באַל־קאָנדלער ליידיק.

— עס ווערט שוין נאַכט — שרהן האָט געשראָקן דאָס אָנקו־מען פון דער נאַכט. אין דער פינצטער איז אַזוי אומהיימלער. מען זעט אַלץ גאָר בולט, אַזש דער קאָפּ פּלאַצט.

זי איז נאָך געבליבן זיצן. איר האָט זיך געוואָלט אַזוי פאַר־לענגערן דעם טאָג. ביים ברעג האָט זיך אַלץ זעלטענער ווער געוויזן. עמעץ אַ פאַרליבטער אין ים, איז איינער אַליין פאַרשווו־מען גאָר ווייט.

— ער קען זיך גאָרניט געזעגענען מיטן וואַסער — פּאַלגט זי אים נאָך מיט די אויגן. אָט פאַרשווינדט ער און ווידער ווייזט ער זיך אויף דער אויבערפלאַך.

דערווייל איז געוואָרן אַלץ טונקעלער. אַ מידע פון טאָג, אַ שיכורע פון דער לופט האָט זי זיך געלייגט אין בעט. געכאַפּט דעם ערשטן שלאָף. זיך איבערגעוועקט, ווי זי זאָל עפּעס האָבן פאַרגעסן.

— אַריינגעשלאָפן אַזוי, אַז איך האָב אַפילו ניט געהערט פריידלען קומען — איז געווען איר ערשטער געדאַנק — קען ניט זיין. איז שוין טאַקע אַזוי שפּעט? טאָ ווי איז עס מעגלעך, אַז זי איז נאָך ניטאָ.

שרה מאַכט ליכטיק. זי איז אינגאַנצן וואַך. איינגעהערט אינעם דרויסן.

מען הערט ניט גיין קיינעם. איבערן פּאַרקאַן ביי די וויינטרויבן, דראַפּען זיך קעץ. אַ מיאַוקערײ שניידט די שטילקייט. עמעץ עפנט אַ פענצטער, טרייבט זיי מיט רוגזה.

אָן אומרויִקע גייט שרה אַראָפּ פון בעט. איינגעהילט אין שלאָפראָק, שטייט זי אויפן באַלקאָן. קוקט אויס, הערט זיך איין צוגעשפּיצט.

עס איז פינצטער. אינגאַנצן ניט שטיל איז ווען אַלע שלאָפן. פון דאָ און דאָרט דערטראָגט זיך אַ גערויש. רעגלמעסיק קלאַפּט דאָס וואַסער אָן ברעג. איינטאָניק ווי דער פּולס, דער אָטעם פון ים.

שרה ווערט אַלץ נערוועזער. דער גערויש שטערט צו דערהערן פריידלס טריט.

— און זי גייט דאָך שוין געוויס אַהיים. פון וועלכער זייט וועט זי אָנקומען?

דער ווייזער רוקט זיך גיך. און שרהס אויגן פינטלען אויף אים אָן אויפהער.

אַראָפּגיין אפשר אונטן צום ברעג? — איז זי זיך מיישב מיט זיך אַליין — ווער ווייסט וועמען זי קען איצטער אָנטרעפן? ס'שלייעט זיך אפשר אַ שיכור, אַ קלאָשאַר, אַ נאַרקאָטיקער? מען קען דען וויסן?

זי פילט אַ היץ באַשלאָגט זי ביז חלשות. זי דערמאָנט זיך, פריידל זאָל האָבן געזאָגט, אַז איינער פון זייער חברה האָט אַ וואָגן.

— און איך האָב אינגאַנצן פאַרגעסן — נעמט זי זיך איין — אַט אַ קאַפּ. געוויס וועט זי יענער ברענגען אַהיים.

ווידער הערט זי זיך איין אין דער נאַכט. וויל אויפכאַפּן אַ גערויש, וואָס זאָל דערפרייען. אַזוי גוט וועט איר זיין, אַז פריידל וועט שוין קומען.

פּלוצלונג טוט עס זי אַ הייב פון אָרט. זי גייט הין און צוריק, ווי אַ געפאַנגענע אין אַ שטייג.

— ווער איז ער, דער פירער פון וואָגן. קען ער גוט פאָרן? איז ער ניט אַריין, חלילה, מיטן וואָגן אין אַ בוים? מען הערט זיך אַזוי פיל אָן וועגן פאַרפאַלן. וויי, וויי.

זי ציטערט אינגאַנצן. שאַ, אַ וואָגן פאָרט. זי האַלט איין דעם אָטעם.

יאָ. ס'איז אַ וואָגן. ער קומט אַלץ נענטער. גאָר נאָענט. ער גליטשט זיך אָבער אַוועק. דורכגעפאָרן. ניט אָפּגעשטעלט זיך.

איר אָנגעשפּיצטער בליק אין דער פינצטער עקבערט דורך די ווייט. אַנטקעגן איבער דער ברייט פון וועג, טיילט זיך אויס אַ נאָך מער געדיכטערע פינצטערניש. דאָרטן ליגט דער ים. דאָס וואַסער רוישט, קלאַפּט אָן ברעג.

פריידל איז נאָך ווייט מסתמא. אפשר ביים אָנהייב פון גאַס. אַ יונג קינד — וויל זי זיך אַליין באַרויִקן — פאַרברענגט מיט אירס גלייכן. אין דעם עלטער פאַרגעסט מען אַ קוק צו טאָן אויפן זייגער. דאָך, זי ווייסט דאָך, אַז איך וואַרט. אַוועקגיין אַזוי אויף אַ גאַנצער נאַכט און גאָרנישט.

זי טרייבט דעם כעס אויף דער טאָכטער, וויל זיך באַרויִקן.

— און איך אַליין? פלעג איך זיך ניט אַריינגנבענען אין שטוב, אַז קיינער זאָל ניט הערן, ניט אַזוי אָבער איז עס געווען — פירט זי דעם וויכוח מיט זיך — האָט מען דאָך געלעבט אין אייגענעם שטעטל. הינטער יעדן לאָדן איז געשלאָפן אַ שכן. אויף דער וואַכ־טע ביינאַכט איז געגאַנגען דער אַלטער שניאור. די פעלדער זענען געווען נחמן פאַקטערס. אויפן שאָסיי האָט מען באַגעגנט זלמן דעם בעל־עגלה פאָרן פון דער באַן. דער טאַרטאַק אַ פּאָר קילאָמעטער פון שטעטל, וווּ מען פלעגט זיצן אויף די קלעצער אין די נעכט, איז

געווען רב חיימס. און די יִינגלער, די מיידלער? זענען דאָך אַלע געווען אייגענע. אַגב, ווען חברה פלעגט זינגען, אין עק שטאָט, האָט מען געהערט אין יעדער שטוב.

שרה דערמאָנט זיך. ס'איז אויך אַזוי שפּעט נאָכט געווען, ווען צוקומענדיק צום שטוב, איז שוין געשטאַנען איר מאַמע און גע־וואַרט פאַרן גאַס. זי הערט אירע טענות:

„ווי קומט מען עס אַזוי שפּעט? וואָס איז עס פאַר אַ חוצפּה?"

איך האָב צער פאַרשאַפט מיין מאַמען... ניטאָ מער קיינער... אַרויסגעיאָגט זיי פון די היימען? שרה זעט ווי מען טרייבט אַלע צו די זאַמדגריבער. צווישן זיי אויך אײדע מיט איר עופּהלע אויף די הענט.

ווי האָט געהייסן דאָס קינד? פאַרוואָס האָב איך ניט געפרעגט ליזען, ווען זי האָט עס מיר דערציילט? ליזע, באַהאַלטן אויפן גאָרטן, האָט עס אַלץ געזען. געהערט דאָס שרייען פון קינד. באַ־מערקט ווי דער עסעסאָוויעץ האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס פייגעלע פון איידעס הענט און צעזעצט דעם קעפּעלע אָן נחמנס מויער. — איצט דאַכט זיך שרהן, אַז אויך זי האָט עס געזען, ווייל ווי אַזוי וואָלט זי אַזוי דייטלעך געהערט איידעס ווילדן געשריי? געזען ווי דעם גאַנצן וועג צו די גריבער וויגט זי דאָס פוסטע קאָלדערקע אין אירע הענט און זי צמאָקעט צו דעם מיט די ליפּן?

„נאָך אַ נס זי איז אַראָפּ פון זינען" — האָט ליזע געזאָגט — דאָס פאַרלירן דעם זינען קען אויך זיין אַ ישועה.

שרה טוט זיך אַ ריס פון אָרט ווי זי זאָל זיך וועלן ראַטעווען. טוט אַ כאַפּ דעם זייגער אין האַנט. מיט צעשראָקענע אויגן קוקט זי. זעט ווי די ווייזערס רוקן זיך אויפן ציפערבלאַט.

איז פאַרוואָס הערט מען ניט דעם זייגער? ער האָט זיך דאָך נישט אָפּגעשטעלט? טאָ וואָס איז אַזוי טויט שטיל געוואָרן?

— ער גייט דאָך — זאָגט זי הויך מיט אַ טענה צו זיך אַליין. איר אייגן קול דערשרעקט זי. פאַרבייסט זי די ליפּן. אויך דאָס גערויש פון ים הערט מען.

שרה באַמיט זיך צו טראַכטן רויִק און מיושבדיק. גייט אַרויס אויפן באַלקאָן, נאָך בעסער צו הערן דאָס קלאַפּן פון וואַסער אָן

ברעג. קוקט צו דעם שוואַרצן פלעק ווו דער ים ליגט. יאָ, זי הערט. עס רוישט דאָרטן. דאָס רוישן קומט נעענטער. ווידער דאַכט זיך איר, אַ וואָגן פֿאָרט. זי האַלט איין דעם אָטעם. יאָ, אַ וואָגן קומט אַהער. מען הערט אים אַלץ שטאַרקער. אָט שטעלט ער זיך אָפּ, אונטן ביי דער ערשטער טיר. פֿריידל איז דאָ? עס איז איר קול. זי געזעגנט די חברים. שוין, געקומען — אָטעמט זי שווער אָפּ ווי נאָך אַ לאַנגן לויפֿן.

אָן אויסגעשעפּטע לייגט זי זיך גיך אין בעט אַריין. הערט ווי פֿריידל טוט אויס די שיך און הייבט זיך שטיל אויף די טרעפּ.

שרה קוקט פֿאַרוווּנדערט. פֿריידל שטייט אין מיטן שטוב מיט אַ גרויסן טאָפּ אין די הענט. די גאַנצע ליידיקייט פֿון צימער פֿאַרנעמט זי מיטן טאָפּ.

— וואָס איז, מאַמע, פֿילסט זיך שלעכט?

שרה דרייט מיטן קאָפּ אויף „ניין".

— איז וואָס ברענט עפּעס דאָס ליכט? האָסט געוואַרט? כ'וואָלט שווערן, האָסט געוואַרט אויף מיר — פֿאַרקרימט זיך פֿריידל און טרערן קומען איר אין די אויגן — האָסט דאָך געוווּסט ווּהין איך בין געגאַנגען. ביסט געווען אומרויִק?

שרה וויל ענטפֿערן און קען ניט. דאָס האַרץ איז פֿאַרקלעמט. פֿריידלס טרערן טוען איר וויי. זי וויל אויך וויינען, צעיאָמערן זיך הויך אויף אַ קול. בייסט זי די ליפּן ביז ווייטיק.

— מאַמע, וואָס קוקסטו אַזוי אויף מיר? האָבן מיר דאָך דיר דערציילט, וואָס מיר גייען טאָן. ביז שפּעט האָבן מיר אַרומגעזוכט די געווירצן. אויסגעלאָפֿן דאָס גאַנצע שטעטל. אַזוי קאָמיש געווען. ווו האָבן מיר אַלץ נישט אָנגעשפּאַרט? ביי דעם מער, ביי דעם דאָקטער, אין שפּיטאָל, אין פּריוואַטע הייזער. שטעלסט זיך פֿאָר? עס איז שוין ניט פֿרי. מיר קלאַפּן אָן אין אַ פֿרעמדער טיר, דער־ציילן אַז מיר פֿירן דורך אַ שפּיל, מיר האָבן זיך פֿאַרוועט און מוזן האָבן אַ ביסל רויטן פֿעפֿער. לאַכן זיי. די באַלעבאָסטע זוכט צווישן אירע געווירצן און פֿרעגט, „דאַרפֿן מיר נאָך עפּעס? נאָר דאָס?" אַוודאי דאַרפֿן מיר. אוי, ווי שיין די פֿראַנצויזן קענען זיך מיט־שפּילן.

— זיי זענען ניט קיין ייִדן — וויל שרה זיך פֿאַרענטפֿערן — זייערע טאַטעס, מאַמעס, שוועסטער און ברידער... — זי פֿאַר־שטשימעט אָבער די ליפּן. שווייגט. ווערגט זיך מיט די טרערן וואָס שטיקן איר אין האַלדז. און פֿריידל רעדט ווייטער, וויל דאָך אַז די מאַמע זאָל עפּעס זאָגן.

— פֿאַרשטייסטו שוין וויפֿל עס האָט געדויערט? און אַז אַלץ איז געווען צונויפֿגעקליבן, האָט עס לאַנגע שעהען געקלעקטשעט אין קעז, אין „גריער". אַ מאָדנער מאַכל. מיט שטעקעלעך האָבן מיר עס געגעסן. אָט האָב איך געבראַכט אַ ביסל, זאָלסט פֿאַרזוכן.

שרה הערט ווי פֿריידל רעדט און רעדט, וויל זי פֿאַררעדן. אויך זי אַריינציִען אין שמועס. ס'ווערט איר אַזוי אַ שאָד דער טאָכ־טערס פֿאַרשטערטע פֿרייד. איר אומגעריכטער עגמת־נפֿש.

— קוק מאַמע, ווי נאָר עס איז קאַלט געוואָרן, האָט עס זיך פֿאַרהאַרטעוועט ווי סמאַלע. אוממעגלעך עס אַרויסצוקריגן פֿון טאָפּ. אויף אַ לייכט, גאָר אַ לייכט פֿייערל, וועט מען עס דאַרפֿן אָנ־וואַרעמען. מאַמעלע! — איז שוין פֿריידל דערשראָקן — וואָס איז דיר? וואָס שווייגסטו אַזוי?

— עס איז גאָרניט, מיין קינד! שטעל אַוועק דעם שווערן טאָפּ. ער וועט דאָך דיר אָפּרייסן די הענט — זאָגט שרה מיט אַ שוואַכן קול.

פֿריידל פֿאָלגט. גיך טוט זי זיך אויס און גייט אין בעט אַריין, לייגט זיך לעבן דער מאַמען און גלייך שלאָפֿט זי איין. באַוויזט קוים צו זאָגן:

— שלאָף, מאַמעלע, שלאָף איין. ביסט מיד, ביסט זייער מיד. שרה הערט פֿריידלס אָטעמען, זי ליגט און וואַרט אויף טאָג.

באַסיע און אפרים

באַסיע איז געגאַנגען פון דער אַרבעט. דער פרילינגדיקער ווינט האָט געגלעט איר פּנים, צעבלאָזן די האָר.

ער האָט לייכט געטרייסלט די ניט־באַבלעטערטע צווייגן אויף די ביימער. דאָס וואַסער, וואָס האָט זיך אָנגעקליבן אין רינשטאָק פון צעגאַנגענעם שניי, האָט זיך געבלעזלט.

ביים ראָג פון דער יאַראָטש־גאַס, האָבן קינדער, גייענדיק פון שול זיך פאַרשפּילט. איינער האָט געפונען אַ צעריסענעם באַלעם און עס איז אַוועק אַ „פוסבאָל־מאַטש".

פּלוצלונג האָבן זיי זיך דערמאָנט, אַז עס ווערט שפּעט צו קומען אַהיים. געכאַפּט די טעקעס, וואָס זיי האָבן אַוועקגעוואָרפן אונטער אַ בוים, און זיך צעלאָפן.

באַסיע איז נאָך אַלץ געשטאַנען. געקוקט, ווי אַ קליין מיידעלע איז נאָכגעלאָפן איר ברודערל און געשריִען ער זאָל וואַרטן, ווייל אויב ניט, וועט זי דערציילן דער מאַמען. ווען זיי האָבן ביידע ביי די הענט זיך פאַרנומען אין נאָענטן ראָג, איז באַסיע, דורך „וואָסכאָדניע" צו דער „נאַוואָטקי"־גאַס, אַוועק אַהיים.

געקומען שפּעטער ווי געוויינטלעך, האָט זי אויסגעמיטן דעם צימער, ווו פרידאַ איז געזעסן. געגאַנגען גלייך צו זיך.

— באַסיע, ביסט שוין דאָ?

— רופסט מיך, פרידאַ? — האָט זי זיך צוריקגעקערט.

— נאָר וואָס געווען דאָ חיים.

— נו, איז וואָס?

— ער איז, נעבעך אַן עלנטער מענטש. פאַרבליבן אַליין. וואַלגערט זיך אַרום. איך האָב אים דערלאַנגט אַ גלאָז טיי, האָט ער זיך מחיה געווען. ווייסט דאָך. איך קען אים נאָך פון פאַר דער מלחמה. געקענט אויך זיין פרוי, זייער טעכטערל. אַ שיינע היים געהאַט. ווען ער ווייסט, אַז דו קומסט אַריין, וואָלט ער ניט אַוועק.

באַסיע קוקט זי אָן פֿאַרוווּנדערט.

— פֿאַרשטייסט? אַ מענטש אַליין. ער וואָלט וועלן חתונה האָבן.

— איז ווער שטערט אים?

— דו געפֿעלסט אים.

— דאָס האָסטו געוואָלט זאָגן. זײַ מיר מוחל, איך בין צו מיד.

זי האָט זיך גלײַך פֿאַרנומען צו איר צימער. שוין גייענדיק צוגעגעבן: — נאָר אַז ער איז דײַנער אַן אַלטער פֿרײַנד, ראָט אים: ניט צו קריכן מיט אַ געזונטן קאָפּ אין אַ קראַנקן בעט.

אין דעם מאָמענט האָט באַסיע אַ טראַכט געטאָן וועגן שרהן, איר חברטע פֿון לאַגער, מיט וועמען זי איז געקומען קיין לאָדזש. שוין לאַנג זי ניט געזען.

יענע האָט באַלד נאָכן קומען אַהער חתונה געהאַט. זיי האָבן אַדאָפּטירט אַ קינד, „און איך לעב נאָרמאַל", זאָגט זי שוין צו אָפּט: „ביסט אַ מוראַדיקע עגאָיִסטקע. אַלע נאָענטע אומגעקומען. אַזוי פֿיל קינדער. און דו טראַכסט נאָר פֿון זיך. פֿון אַ קינד, וואָס האָט דאָס גליק, ניט צו קומען אויף דער וועלט".

באַסיע האָט שוין גענוג צו הערן אירע מוסר־רייד. און אפשר טאַקע דערפֿאַר, וואָס זי האָט ניט וואָס צו ענטפֿערן, מײַדט זי אויס די באַגעגענישן מיט איר.

זי וויל קיינעם ניט זען.

יעדן טאָג נאָך דער אַרבעט, גייט זי אַרײַן צו זיך. קורטשעט זיך אײַן אויף דער קאָשעטקע און ליגט. לעבט אויף אין איר דמיון טעג, ווי מעשהלעך: — אין קאָרן־פֿעלד. אין וואַלד. דער וועג צוריק אַהיים מיט די סטעזשקעס, צוגעטוליעט איינער צום אַנדערן.

„איך פֿאַרזיכער דיר, אַז דו שוואַנגערסט ניט".

זי וויל אײַנהאַלטן אין זיך יענע שרעק מיט אפֿרימען. חלומען, ווי גאָרניט וואָלט נאָך דעם געשען.

ביז, איין מאָל, האָט זי פּלוצלינג אַזוי ליגנדיק בײַ זיך אין צימער, דערהערט אַ געלעכטער. זי האָט אויפֿגעציטערט. געוואָלט רופֿן פֿרידען. זיך אויפֿהייבן, אַרויסלויפֿן, אָבער ניט געקענט.

באַסיע האָט זיך געוואָרפֿן, געקרעכצט פֿאַר יסורים. אָבער אומעטום פֿון אַלע זייטן האָט זי אים בולט געזען. אין ווייסן כאַלאַט, אַ שטרענגער, אַ שווייגנדיקער, האָט ער געקוקט צו איר מיט זיינע קאַלטע, וואַסערדיקע אויגן.

ווען זי איז געקומען צו זיך, האָט נאָך אַלץ וויברירט אין אירע אויערן דאָס שדישע לאַכן און זי האָט געוווּסט, אַז דאָס לאַכט ער, דער דאָקטער.

ביי דער אַרבעט איז באַסיע די זעלבע. מען באַמערקט קוים, אַז זי איז בלייכער געוואָרן.

נעבעך ציִען זיך לאַנגע, שלאָפֿלאָזע. און די צייט גייט. שוין אַדורך אַ פּאָר יאָר נאָך דער מלחמה. זי לעבט אַלץ אין לאָדזש.

גאַנץ צופֿעליק האָט זי איין מאָל דערזען אין אַ צייטונג, אַז שרה יפה איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, זיך אַרויסגעוואָרפֿן דורך אַ פֿענצטער.

עס האָט איר אינגאַנצן צעטרייסלט. זי קען זיך ניט מוחל זיין דאָס אויסמיידן איר חברטע, וואָס האָט געלעבט „נאָרמאַל". דאָס ניט פֿאַרטראַכטן זיך, אַז אַזעלכעס קען געשען.

אין יענע טעג, האָט זי ווידער באַקומען אַ בריוו פֿון אפֿרימען מיט אַ פֿאָטאָ פֿון זיין זון יוסי. ער איז שוין אַלט געוואָרן זעכצן יאָר און דערמאָנט שטאַרק זיין טאַטן אין זעלבן עלטער.

די פֿאָטאָ האָט זי איינגעראָמט, אַוועקגעשטעלט אויפֿן נאַכט־טישל.

אַ שכנה פֿון זעלבן הויז איז לעצטנס געקומען פֿון ישראל. זי רעדט איין באַסיען, אויך צו מאַכן אַזאַ רייזע.

אפֿרימס שפּעטערדיקע בריוו, דער אומגליק מיט יוסי, האָבן איר פֿאַרן צוגעאיילט.

אין אַ הייסן אָוונט איז זי אָנגעקומען קיין לוד. גענומען אַ טאַקסי און גלייך געפֿאָרן קיין ירושלים.

באַסיע האָט איר קומען ניט אָנגעזאָגט.

אויף מאָרגן, שוין גאַנץ פרי, געקלונגען צו אפרימען. קיינער האָט ניט געענטפערט. זי האָט קאָנטראָלירט דעם נומער, ווידער געררופן. לאַנג געהאַלטן דאָס טרייבל, געהערט דעם טעלעפאָן קלינגען אין זיין היים און געוואַרט מיט אַ ציטער. זי איז געוואָרן אַלץ אומרויִקער. מחשבות האָבן געיאָגט. זי האָט זיי ניט דער־טראַכט ביזן סוף און ווידער זיך גענומען צו דעם טרייבל.

ענדלער האָט מען זיך אָפּגערופן. אַ פרויען־שטים האָט גע־ענטפערט. „בוקר טוב". ניט שושנה איז עס געווען, נאָר די עוזרת. זי האָט דערציילט, אַז אפרים איז נעכטן אַוועקגעפאָרן צו זיין פרוי אין בית־הבראה און עס קען אַפילו זיין ער זאָל מאָרגן קומען.

באַסיע האָט איבערגעלאָזט איר נאָמען און אַדרעס.

אַן אַנטוישטע איז זי אַליין אַרויס אין גאַס.

די זון האָט געברענט, געבלענדט מיט ליכט. זי איז פאַרבייגע־גאַנגען שורות קלייטן. אין זייערע פענצטער אַרויסגעשטעלט לייכ־טערס, חנוכה־לעמפּלעך, ביליקע צירונגען. זי איז אויך פאַרביי־קראָמען מיט קליידער. מיט שיך. זי האָט זיך געשטופּט צווישן עולם, אין שמאָלע געסלעך און אַרויסגעקומען אויף אַ מאַרק. אַריינגע־פלאָנטערט זיך צווישן וועגעלעך מיט פרוכטן און גרינסן. אויף דער ערד — געלע און גרינע קאַווענעס, פרישע בלומען אין עמערס. אויף פאַרשפּרייטע טעפּיכער פאַרשיידענע ביליקע אַרטיקלען. די הענדלער, אויף אַראַביש און עברית, האָבן גערופן קונים, איבער־שרייענדיק איינער דעם אַנדערן.

מיד פון האַרמידער, פון דער היץ, האָט זי געזוכט אַ וועג זיך אַרויסצובאַקומען. די נעמען פון די גאַסן ניט געוווּסט. זיך גע־מאַכט אַ סימן, אַז צוריק צום האָטעל דאַרף זי פאַרבייגיין אַ קופּע שטיינער. באַסיע האָט דאָך געטראָפן, אַרויפגעפאָרן צו זיך אויפן פינפטן שטאָק. איר האָט זיך געוואָלט באַהאַלטן פון אַלץ און אַלעמען.

אויף מאָרגן, דעם גאַנצן טאָג געבליבן צוגעשפּיצט צו דער באַוועגונג אויפן קאָרידאָר, צו יעדן קלאַפּ אין די טירן. שוין גאַנץ שפּעט נאָך דער מיטאָג־שעה, האָט זי דערהערט גיכע טריט, אַ

קלאַפּ אין איר טיר און נאָך איידער זי האָט געענטפערט, איז אפרים שוין געווען אינעווייניק.

ביידע האָבן זיך קוים אָנגעקוקט, זיך צעקושט, ווי ערשט ניט לאַנג וואָלטן זיי זיך צעשיידט. זיי האָבן געוואָלט זיין רויק. עס האָט אָבער לאַנג ניט אָנגעהאַלטן, ער האָט זיך אָפּגעקערט מיטן פּנים צום פענצטער און זיך געווישט די אויגן. באַסיע האָט זיך לאַנג ניט גערירט פון אָרט. ענדלעך זיך געשטעלט ביי זיין זייט.

— האָסט ניט אָנגעזאָגט, אַז דו קומסט — האָט ער זיך פאַר־ענטפערט אַ שולדיקער — האָסט ניט אָנגעזאָגט... פאַר וואָס?

— וואָס מאַכסטו, אפרים? ווי פילט זיך שושנה? האָסט גע־שריבן...

— מיר וועלן נאָך רעדן. אַ שווערער טאָג היינט, אַ חמסין. פילסטו ווי הייס עס איז?

ביידע האָבן געשוויגן. אַראָפּגעקוקט צו די פלאַכע דעכער מיט די אַנטענעס אויף זיי. צו דעם הויכן, צעוואָקסענעם עקאַליפּטוס אינמיטן פון הייפל, וואָס האָט זיך מיט כוח אַרויסבאַקומען פון שטיין, אונטער אים.

— מיר דאַרפן אַראָפּגיין, באַסיע. עס איז ערב שבת. אין ירושלים, מוז מען באַצייטנס געפינען אַן אָרט צו עסן.

— איך קען באַשטעלן דאָ אין רעסטאָראַן, ביים האָטעל. ווילסטו שוין עסן?

—איך האָב מיט שושנהן געגעסן פאַר מיין אַרויספאָרן. בין נאָר וואָס געקומען. אָבער דו דאַרפסט עסן.

— אויך איך האָב ניט לאַנג געגעסן. אַ גאַנצן טאָג איך קיי. געמיינט וועסט שוין בלייבן דאָרט איבער שבת.

— עס געשעט, אַז איך בלייב טאַקע. ס'איז אָבער קאָמפּלי־צירט. אין לעצטן מאָמענט באַשלאָסן צו פאָרן אַהיים. גאָט, מיין גאָט. ווער האָט געקענט וויסן. האָסט ניט אָנגעזאָגט.

די געסלעך שוין אויסגעליידיקט. פון הינטער די פּלויטן, גע־מויערט פון פּירקאַנטיקע שטיינער, קוקן יום־טובדיק אַרויס די גערטנדלעך. אין זיי פילפאַרביקע בלומען, צאַרטע אַלעאַנדרעס.

פּאַזע די הייזער —ביימער: טאָפּאָלן, סאָסנעס. פּיקוסן מיט זאַפּ־טיק־גלאַנציקע בלעטער.

זיי גייען צווישן אַלטע הייזער. דורך אַ שמאָל געסל, וואָס פּאַלט אַלץ נידעריקער. פון ווייטן זעט מען ווי עס שלענגלט זיך באַרג אַרויף און ווערט פאַרפּאַלן צווישן הויכע, נייע געביידעס.

— ביסט אין ירושלים, באַסיע, מיר גייען באַרג אַראָפּ, באַרג אַרויף. אָט שטייט אַ באַנק. ביסטו אפשר מיד?

זיי זעצן זיך צו.

אַ פאַרשפּעטיקטער איילט פאַרביי מיט אַ בוקעט בלומען.

ייִדן גייען צום דאַווענען. באַסיע קוקט זיי נאָך און ווערט אַלץ אומרויִקער.

— קום, אפרים — טוט זי זיך אַ הייב פון אָרט.

זיי שניידן דורך אַ הויף און געפינען זיך אויף אַ ליידיקן פּלאַץ, פּאַר אַ בערגל, וואָס איז שיטער באַוואָקסן מיט יונגע סאָסנעס. אויף זיין שפּיץ — פּאַלמעס, איינע העכער פון דער אַנדערער. זייערע שטאַמען נאַקעט. די קרוינען סאַמע אויבן ווי זונשירעמס. צו זיי רוקט זיך עס איצטער אַ קיילעכדיקע, אַ רויטע די זון. פאַר־פּלאָנטערט זיך צווישן די שירעמס און בייט די פאַרבן פון גאַנצן אַרום.

זיי גייען.

פון צייט צו צייט קוקט אפרים זי אָן, ווי ער זאָל זיך וועלן איבערצייגן, צי איז עס טאַקע זי. זייערע אויגן באַגעגענען זיך.

אַן איינציקער אויטאָ יאָגט פאַרביי און איילט אַוועק. הינטער אים באַווייזט זיך אַן אַלטע אַראַבערין אין אַ לאַנג שוואַרץ קלייד, ביים זייט פון אַן אייזעלע. זיי דערווייטערן זיך. גיסן זיך צוזאַמען אין איין טונקעלן פלעק און ווערן אַלץ קלענער.

— ניטאָ מער די זון, — זאָגט באַסיע אומרויִק. — שוין נאָכן טאָג.

— מיט איין מאָל פאַלט דאָ צו די נאַכט. אָבער מיר גייען שוין לאַנג. ניט באַמערקט אַפילו, ווען מען איז געקומען פון דאַווענען.

דורך די אָפענע פענצטער זעט מען די ברענענדיקע ליכט. אַרום די טישן זיצן משפחות. מען זינגט שוין זמירות. לויטן נוסח פון די ניגונים, דערקענט אפרים צו וועלכער עדה די יִדן געהערן. אַ סך ווייס ער צו דערציילן און זי הערט.

— ווינסט נאָך ביי דער זעלבער פרוי — פרוווט אפרים שוין צום ווייפלטן מאָל זי אריינצִיִען אין אַ שמועס.

— יאָ. איך וווין מיט פרידאָן.

— גייט איר נאָך אַלץ אַזוי זעלטן אַרויס?

— זעלטן? — טראַכט באַסיע נאָך. — איך ווייס? מען גייט אמאָל אין טעאַטער, אויף אַ קאָנצערט. איך בין דאָך יעדן טאָג אין ביוראָ. פרידאָ, ווי תמיד, אַרבעט אין דער היים. איך האָב עס דיר געשריבן. זי איז געווען אין אוישוויץ. פאַרשטייסט? אויך זי זיצט ניט דעם גאַנצן טאָג אין שטוב. — רעדט באַסיע אַלץ לאַנג־זאַמער, ווי זי זאָל אויף כוח צִיִען פון זיך די ווערטער — יעדן טאָג, אין דער זעלבער צייט, טוט זי זיך איבער און גייט צו דער שול באַגעגענען איר זון...

— איז זי ניט אַליין?

באַסיע הערט ניט זיין פרעגן. קוקט פאַר זיך, פאַרטרווילער, שטיל קומען ווערט נאָך וואָרט:

— צען יאָר איז דאָס יִנגל אַלט געווען, ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן. גייענדיק פון שול אַהיים, איז ער פאַרשוווּנדן. מער האָט זי אים קיין מאָל ניט געזען.

— נעבעך קראַנק געוואָרן. צעמישט.

— פאַר וואָס זאָגסטו אַזוי? — איז באַסיע אויסער זיך.

— דאָס קינד וואָלט דאָך שוין געווען אַ דערוואַקסענער מענטש, — פאַרענטפערט זיך אפרים.

— איך וווין דאָך מיט דער פרוי. מיר זענען פריינד. זי אַר־בעט, לייענט, מען קומט צו איר. זי נעמט אויף געסט. איז אינגאַנצן נאָרמאַל. פונקט אַזוי ווי מיר. ווי אַלע.

אַ פּאַרפּאַלק, צוויי אַלטיטשקע, דערנענטערן זיך צו אַ באַנק און זעצן זיך צו.

— איז צו דיר דערגאַנגען דער בריוו מיט יוסיס פּאַטאַ?

— יאָ. נאָך פאַר דעם געוואָלט אייך באַזוכן. האָט זיך עס אָבער פאַרשלעפּט. נאָך דעם, די מלחמה... זי פאַרענדיקט ניט. באַמערקט ווי אפרים האַלט איין זיין טראָט. דער גאַנג ווערט אומזיכער. ער וואַקלט זיך און גייט דאָך פאָרויס.

זי קוקט אים אָן מיט אַ פרעגנדיקן בליק.

— דאָ האָט מען זיך געשלאָגן. זעסט, דאָס זענען לעכער פון קוילן אויף די ווענט. פון דער זייט, אַ ביסל ווייטער, איז פריִער געווען די גרענעץ.

ער מאַכט נאָך אַ פּאָר טריט און שטעלט זיך אָפּ.

— דאָ האָבן מיר געוווינט. ניט געטראַכט ערשט צו קומען אַהער — פאַרענטפערט ער זיך — פון דער שטוב, דורך דעם הייפל, איז יוסי אַוועק.

ער טוט אויס די ברילן, דרייט זיך אַוועק און ווישט אויס די אויגן.

— קום, באַסיע, מירן גיין. לאָמיר גיין — זאָגט ער און רירט זיך ניט פון אָרט.

— זעסט, ווו עס איז אָפן דער לאָדן, דאָרט איז געווען יוסיס צימער. איך האָב עס געמאַכט די שטאַכעטן ביי דעם פענצטער, ווען ער איז נאָך אַ פּיצל געווען. ווי כ'האָב דיר געשריבן. שושנהס נערוון האָבן ניט אויסגעהאַלטן. דער פּסיכיאַטאָר האָט געראָטן צו בייטן די דירה. איר האָט עס גאָרניט געהאָלפן. און מיר ציט צו קומען אַהער.

לאַנגזאַם און שטיל, ווי ער זאָל זיך אויסהיטן מען זאָל אים ניט דערזען, מאַכט ער נאָך עטלעכע טריט און בלייבט ווידער שטיין.

— אין דעם הויז וווינען אונדזערע פריינד. זייער זון, יוסיס חבר, איז אַוועק מיט אים. מען האָט זיי ניט גערופן. פאַרשטייסט?ביידע נאָך צו יונג געווען. און ביידע זענען ניט צוריקגעקומען. אונדזערע פריינד האָבן די דירה ניט געביטן. דעם זונס צימער שטייט אַזוי ווי ער האָט אים איבערגעלאָזט. דאָרט הענגט נאָך דער אַלטער קאַלענדאַר. אויפן טיש ליגט דאָס בוך ניט דערלייענט.

אויפֿן וואַנט הענגען נאָך פֿאָטאָס פֿון אים מיט זײַנע חברים. די מאַמע האָט נאָך אַרײַנגעשטעלט אַ גרויס בילד פֿון אים אַליין. דער־נעבן שטעלט זי בלומען. היט זיי, בײַט דאָס וואַסער. וואָשט דאָס צימער, רוימט — דערציילט אפֿרים אַלץ שטילער, ווי זײַן קול וואָלט אויסגיין. — קום באַסיע — טוט ער זיך אַ ריס פֿון אָרט — קום, לאָמיר גיין.

זיי געפֿינען זיך אין אַ פֿינצטערן געסל. אויף איין גאַנעק ברענט אַ לאָמפּ.

אַ הויכער יונגערמאַן, דין, בייגעוודיק ווי אַ לולב, שלײַכט דורך זײַטיק בײַ די ווענט.

— גיי פֿאָרזיכטיק, באַסיע. דאָ זענען פֿול שטיינער.

— אויפֿן וועג צו מײַן האָטעל ליגן אויך קופּעס שטיינער. נעכטן בײַטאָג זײַ פֿאַרבײַגעגאַנגען. זיי האָבן אַזוי געפֿינקלט אונ־טער דער זון. אין אַ סך קאָלירן זענען זיי און אַלע אַזעלכע לענג־לער־קײַלעכיקע, ווי...

— ווי טרערן — פֿאַלט אפֿרים אַרײַן אין די רייד — דאָס זע־נען דער מאַמע רחלס פֿאַרשטיינערטע טרערן. אַ סך זענען זיי פֿאַראַן אין לאַנד.

— מאַמעס...

— ווען דו ביסט אַוועק, האָט נאָך דײַן מאַמע געלעבט?

זי שאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ.

— נישט צו באַנעמען — הייבט זי אָן נאָך אַ לאַנגן שווײַגן — פֿאַרשטייסט? איך האָב זי געלאָזן אַליין. — זי האַקט אָפּ ווי עס זאָל איר פֿאַרפֿעלן אָטעם.

— ווען האָסט אָנגעזאָגט ווו דו וואַרטסט אויף מיר, האָט די מאַמע שוין ניט גערוט. געוויינט, זיך געבעטן איך זאָל גיין. פֿאַר איר, האָט זי געזאָגט, דאַרף איך ניט זאָרגן. „וואָס קען מען שוין שלעכטס טאָן אַן אַלטער פֿרוי?״

אפֿרים טוט בעת־מעשה אַ פֿיר מיט דער האַנט איבערן קאָפּ. באַסיע באַמערקט זײַן באַוועגונג. תּמיד בעת אַ דענערווירטקייט, פֿלעגט ער מיט די פֿינגער אַ קעם טאָן די האָר אַרויף.

זיי גייען איינגעהערט אין די אייגענע טריט. אַ פֿינצטערניש שלאָגט פֿון די הייזער. די ליכט אין די לייכטערס שוין לאַנג אויס־געברענט. מען שלאָפֿט. פֿון אַ דערבייִיק געסל דערטראָגט זיך אַ קלאַפּן פֿון גיכע טריט.

— און דאָך איז אַלץ אויסערגעוויינטלעך.

— וואָס?

— איך מיין... אויך דאָס וואָס מיר ביידע גייען איבער די גאַסן פֿון ירושלים. איז עס ניט קיין נס?

איר פּנים טוט אַ צוק.

— פֿילסטו ווי עס שמעקט דאָ? — וויל אפֿרים ענדערן דעם שמועס — דאָס שמעקן אַזוי די ירושלימער סאָסנעס, די פּעפּער־ביימער. דאָרט, אַ ביסל ווייטער, זעט מען די הרי יהודה.

אַנטקעגן זיי, הינטער אַ פֿינצטערן מהלך, שאָטענען בערג. זייטיק, נידעריקער, פֿינקלען פֿייערלעך.

— אַ שטעטל — זאָגט באַסיע.

— אַ מושב. דאָרטן ליגט אַ מושב.

באַסיע שווייגט לאַנג. עס דערמאָנט איר:

...אַ פֿרייטיק צו נאַכט. זיי שפּאַצירן ביידע צוריק אַהיים, מיטן שליאַך. זיי זענען פֿאַרקראָכן ביזן פֿינצטערן דערפֿל, אין טאָל. פֿון ביידע זייטן שמעקן די גערטנדלעך מיט אַקאַציעס. פֿאַר זיי, אויפֿן היגל — אויפֿן „באַרג", ליגט זייער שטעטל. אויך פֿון דאָרטן פֿינק־לען פֿייערלעך, די שבת־ליכט. צווישן אַלע פֿלעמלעך, דער מאַמעס ליכט, אין די מעשענע לייכטערס אויפֿן טיש.

די דערמאָנונג האַלט זי. פֿירט אויף צוריק.

...דער שבתדיקער טיש. דער טאַטע בענטשט שטיל. ברומט אַריין אין זיך. מיט אַ מאָל צעזינגט ער זיך הויך מיט געבעט: רחם נא יי אלהינו על ישראל עמך על ירושלים עירך ועל...

— וואָס האָסטו זיך אַזוי פֿאַרטראַכט, באַסיע?

— יאָ... זיי שמעקן... זיי שמעקן די ביימער — רייסט זי זיך ווי פֿון שלאָף.

ביי אַ גערטנדל שטייט אַ פּאָרל, צוגעטוליעט צו אַנאַנדער.

— געקומען אויף שבת אַהיים, דער חייל — זאָגט אפרים און גאָר פּלוצלינג טוט ער זי אַ פרעג — זאָג מיר, באַסיע, איך בעט דיר, ביסטו שוין געווען אַ מאָל אין לאַנד?

— ווען — קוקט זי אים אָן — ביים באַרג סיני, בעת מתן־תורה?

— איך שפּאַס ניט. איך פרעג צי ביסטו דאָ שוין געווען. נו, באַזוכט, אַרומגעפאָרן. געווען אויך אין עמק החולה, למשל?

זי פאַרשטייט גאָרניט. קוועטשט מיט די אַקסלען.

— עס איז אַ מעשה דערביי — איז ער שוין אַליין פאַרלאָרן מיט זיין מאָדנעם איינפאַל. — געווען איז עס שוין נאָך דער מלחמה. איך האָב דעמאָלט געאַרבעט ביים אָפּציִען דאָס וואַסער פון זומפּ.

—איך געדענק. האָסט געשריבן.

— איך ווייס עד היום ניט, צי האָסטו יענע בריוו באַקו־מען. מען קען זיך גאָרניט פאָרשטעלן וויפל צרות דער זומפּ האָט געגעבן, וויפל קרבנות, קרענק. די אַראַבער האָבן געגלייבט, אַז דאָס אָרט איז פאַרשאָלטן פון אַללאַ און געוווינט האָבן זיי אויף די בערגלעך אַרום. דאָס האָבן מיר טאַקע דעמאָלט דערפירט, אַז אַ שמאָל, טיף וואַסער האָט געשטראָמט אַנשטאָט דעם זומפּ.

— אויך דאָס האָסטו געשריבן.

— יאָ. דעמאָלט נאָך כסדר געשריבן צו דיר און דו... — נאָך אַ לאַנגן פאַרטראַכטן זיך, דערציילט ער ווייטער — מיר פאָרן אויף אַ שיפל אַ סך קילאָמעטערס, פון ביידע זייטן אַ קלעפּיקע בלאָטע. דער גאַנצער שטח פול מיט זשאַבעס, טשערעפּאַכעס. פול מיט כלערליי באַשעפענישן, וועלכע האָבן זיך בשעתו אויפגע־האַלטן אין זומפּ. איך דערמאָן זיך — צעהיצט ער זיך מיטן אויפ־לעבן יענע טעג אין זכרון — אַזעלכע גרויסע פייגל, אויף הויכע פיס, מיט לאַנגע העלדזער. ווי דערשראָקן זיי האָבן זיך געקלאַ־מערט צו די סטערטשענדיקע וואַסער־קוסטעס. אינגאַנצן פאַר־געסן ווי זיי הייסן. און איך האָב עס געוווּסט — באַדויערט ער — איך זע אַלץ, פונקט ווי נאָר וואָס וואָלט עס געווען. דעם גאַנצן זומפּ אַרום נאָקעט בראשיתדיק. ישראלים פון אַלע עקן לאַנד זע־

נען געקומען אָנקוקן דאָס אָרט. אויך טוריסטן. אַנטקעגן וואָס דער־צייל איך עס?

— עס איז אינטערעסאַנט.

— ניט דאָס בין איך אויסן. איין מאָל, בעתן פאָרן מיט אַזאַ שיפל באַזוכער, האָב איך אויף איינער פון זיי געמיינט אַז דאָס ביסטו.

— אַזוי ענלעך איז זי געווען אויף מיר?

— איך ווייס שוין אַליין ניט. דעמאָלט האָט מיר אַזוי אויס־געזען. צי ווייל איך האָב געוואָלט אַז דו זאָלסט עס זיין? כ'האָב ניט אויפגעהערט קוקן אויף איר און ניט געוואָגט צוצוגיין. שפּע־טער באַדויערט. געטראַכט, אַז דו ביסט עס געווען. דיך אַרומגעזוכט, ניט געפונען. ווידער געשריבן קיין לאָדזש. נו, האָסטו דאָך ניט געענטפערט.

באַסיע שווייגט. קוקט אַראָפּ.

— דעם ערשטן בריוו באַקומען פון דיר, ערשט דעמאָלט, ווען יוסי איז געבוירן געוואָרן.

זיי פאַרנעמען זיך רעכטס. פון אַ פענצטערל, האַרט ביי דער ערד, פאַלט אַ שיין אויפן ברוק. און הינטער דעם פאַס ליכט, ווערט געדיכטער די פינצטערניש. גאָר הויך, ביים סוף פון דער גאַס באַוועגן זיך שאָטנס. קומען אַראָפּ און שטייגן צוריק אַרויף. פון ערגעץ פאַלט דאָרט אַ שיין.

זיי גייען פאַרויס.

— זעסט, באַסיע, דאָס ליכט וואָס מיר האָבן געזען פאַלן אויף דער גאַס, קומט פון דעם אַ קעלער. — באַמערקט אפרים בעתן פאַרבייגיין אים — אַן אַלטער מאַן, אַ מקובל וווינט דאָ. ווען עס איז ניט אַזוי שפּעט, וואָלטן מיר אַריין צו אים. תמימותדיק איז ער ווי אַ קינד. לעבט אַליין. ניט לאַנג צוריק איז אים זיין ווייב גע־שטאָרבן. אויך זיי האָבן געהאַט איין זון. אַז איך קום צו אים, טרייסט ער מיך. פרעגט זיך אויס אויף שושנהן. „געדענק, זאָגט ער, טו אַלץ אַז איר זאָל זיין לייכטער. איר איז נאָך שווערער ווי דיר".

באַסיע פּילט געוויין אין קעל, דערוואָרגן צו ווערן. שוין לאַנג זי וויינט ניט. קען ניט וויינען, זינט דעמאָלט, אין מיידללאַגער, אין שטייג, אויפן אָפּעראַציע־טיש. און איצטער. זיי קומען נאָך אַלץ ניט די טרערן.

— עס איז גורל — זאָגט אפרים.

און אַז באַסיע רופט זיך ניט אָן, רעדט ער ווייטער:

— יעדער האָט זיין גורל. מיין גורל איז צו זיין דער זון פון אַ געהרגעטן טאַטן אין געטאָ. דער טאַטע פון אַ געפאַלענעם זון אין ירושלים און לעבן.

זי פאַרטשעפּעט זיך אָן אַ שטיין און טוט זיך אַ וואַקל. דער־פילט אַ שווינדלען פאַר די אויגן.

— ביסט זייער מיד, באַסיע — דערכאַפּט ער זי ביים אָרעם — קום מיט מיר. קום צו אונדז שלאָפן. מיר וועלן נאָך עפּעס עסן. ביסט געוויס אויך הונגעריק. צו וואָס זיך שלעפּן ווייט און זיין איינע אַליין אין האָטעל.

— האָסט מיר ניט דערציילט וועגן שושנהן. וואָס מאַכט זי? ווו איז זי?

— עס איז אַזוי ווי איך האָב דיר געשריבן. ניטאָ קיין ענדע־רונג. יוסיס טויט האָט זי דערהרגעט. איך, ווי דו זעסט, האַלט זיך. ווי אַ סך טאַטעס. אַ סך אַזעלכע יוסיס זענען געפאַלן. ביטערער גורל. ווייסט וואָס באַסיעלע? לאָמיר מאָרגן אַרויספאָרן צו איר, מיט אַ שירות. עס וואָלט גוט געווען. איך ווייס? אפשר וועט עס איר דערפרייען. זי האָט אַ סך געהערט וועגן דיר.

— מירן זען מאָרגן — ענטפערט זי ניט גלייך — און פאַר־שטעלט מיטן האַנט דאָס צוקן פון אירע ליפּן — איצטער וויל איך גיין אין האָטעל. איך וועל גיין צום האָטעל — חזרט זי איבער און דרייט זיך אויס אין דער אַנטקעגנדיקער ריכטונג — מיר דאַרפן גיין אַהער?

אפרים באַגלייט זי.

עס איז שוין שפּעטע נאַכט. דער זון פון באַלעבאָס באַגעגנט באַסיען מיט אַ שמייכל און ווייזט מיטן פינגער אויפן מויל צו

זיין שטיל. באַסיע טוט אויס די שיך און גייט לייכט אויף די שטיגן, וואָס פירן צו איר צימער.

אינעווייניק איז הייס. זי עפנט די פענצטער. פון גאָר הויך דער־טראָגט זיך אַ געוויש. אונטערן אויסגעשטערנטן הימל רוקט זיך אַ פייערל אין איין גלייכער ליניע — אַן עראָפּלאַן. זי קוקט אים נאָך, ביז ער פאַרשווינדט.

שוין אויפן געלעגער הערט זי נאָך עמעצן דורכגיין דעם קאָ־רידאָר, פאַרמאַכן אַ טיר. און עס ווערט אינגאַנצן שטיל.

אירע אויגן קלעפּן זיך.

פּלוצלינג טוט עס זי אַ הייב אין דער לופטן, און אַ וואָרף אויף צוריק. זי וועקט זיך איבער אַ דערשראָקענע. ציטערט אַן דאָס לעמפּל. וויל שוין בעסער בלייבן וואַך. אָבער ווידער איז די מיד־קייט גובר. זי שלאָפט איין.

זי זעט ווי הויך אונטערן הימל רוקט זיך דאָס פייערל, דער עראָפּלאַן. ווייסט אַז אין אים זיצט יוסי, אַ שטייפער, אַ ניטדאָיִקער. קינדער מיט זייערע מאַמעס לויפן צום בונקער. צו דעם, וואָס עס האָט געמאַכט פּייווע דער שמיד. ביי דער סלאָנימער גאַס הינטערן קלויסטער. זי געדענקט גוט אַז דער בונקער איז פאַרשאָטן. אין אים זענען אומגעקומען פּייווע מיט זיין משפּחה, זייער שכנה ציפּע און נחמן דער שניטקרעמער מיט זיין יִינגסטן זון. עפּעס איז איר ניט קלאָר. עס קלעמט דאָס האַרץ וואָס דער בונקער איז אַזוי ווייט פון דאַנען, איבער גרענעצן. גוט, ער רוקט זיך אַהער. וועט ער באַוויַיזן צו דער צייט? די וואָיעניש, דערטראָגט זיך אַלץ שטאַר־קער. ברענט ערגעץ? ווו זענען די קינדער, די מאַמעס? געוויס זיך באַהאַלטן אין בונקער, צווישן די פעפער־ביימער. אפרים האָט איר אָנגעוויזן אויף אים. זי וויל אויך לויפן אַהין, קען זיך אָבער ניט רירן פון אָרט. אַ נאַקעטע ליגט זי צוגעבונדן צו דעם אָפּע־ראַציע־שטול. דער ווייטיק פון אונטערשטן טייל קערפּער קומט אַלץ העכער. פאַרהאַלט זיך מיט אַ שטעכעניש אין די אויגן. דאָך זעט זי בולט דעם דאָקטער אין ווייסן כאַלאַט נעבן זיך. זיין קאַלטער, וואַסערדיקער בליק בריט זי.

איר געדאַנק איז האַלב־וואַך. זי מאַטערט זיך איבערצורייסן דעם קאַשמאַר, וויל זיך ראַטעווען. און אַט איז זי, די הילף. אין ווייסן כאַלאַט איז דאָך גאָר אפרים. ווי אַזוי איז ער אַריינגעקומען אין מיידל־לאַגער? דערקליבן זיך ביז צו דער שטייג? „באַסיע — הערט זי זיין קול און פילט ווי זיינע טרערן שטיקן איר אין האַלדז — לאָמיר אַנטלויפן. זיך ראַטעווען. מיר דאַרפן לעבן".

זי וויל שרייען. אים וואַרענען, אַז פון דאַנען קען מען זיך ניט אַרויסבאַקומען. דער געשריי, אָבער, בלייבט אין איר. זי אַליין הערט ניט איר קול. וויל זי מיטלויפן. זעט אפרים דערווייטערט זיך. רייסט זיך מיט אַלע כוחות נאָך אים.

אַ באַגאָסענע מיט שווייס, טוט זי זיך האַסטיק אַ זעץ אויף.

אין צימער איז ליכטיק. דער לאָמפּ ברענט. שטעכט אין די אויגן.

פאַרגעסן אים צו פאַרלעשן, דערמאָנט זי זיך.

אין דרויסן טאָגט שוין.

פאַרזיכטיק, ווי נאָך אַ קרענק, שטעלט זי אַראָפּ די פיס פון בעט. זעצט זיך אין שטול און וויל מער ניט איינשלאָפן. זי האָט מורא פאַר די קאַשמאַרן.

אפרים איז גאָר פרי געקומען זי זוכן. דער קעלנער איז פונקט אָנגעקומען מיט אַ פולער טאַץ. געטראָגן פרישטיק צו אַ טיש. אַגב אורחאדיק האָט ער אַ זאָג געטאָ:

— זי איז אַוועקגעפאָרן.

אפרים האָט אים אָנגעקוקט. ניט פאַרשטאַנען וואָס ער מיינט און געוואַרט. צוריקוועגס, האָט דער קעלנער זיך פאַרהאַלטן און איבערגעחזרט:

— איך האָב דאָך אייך געזאָגט. איר קומט צו באַסיע בלומענ־טאַל, פון פוילן? זי איז אַוועקגעפאָרן. היינט גאָר פרי האָט זי זיך אָפּגערעכנט און פאַרלאָזט דעם האָטעל.

אפרים איז נאָך לאַנג געשטאַנען. ניט גערירט זיך פון אָרט.

דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, אַ מבולבלער, איז ער אַרויס אין דרויסן. פרויען, קינדער פון די מזרח־עדות זענען געזעסן אויף

דער ערד, ביי די ווענט פון די בתי־מדרשים. זיי האָבן געהערט דאָס געזאַנג פון די מתפּללים.

אויף דער מיט פון גאַס האָט מען געזען פּרעמדע, טוריסטן און פיל יונגוואַרג. אפרים האָט זיך געפּלאָנטערט צווישן אַלע. אָפּט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און געזוכט מיט די אויגן. געוואָלט דער־זען באַסיען.

לאַנג האָט ער אַזוי געטאָפּטשעט, ביז ער איז צוגעקומען צו דעם הויף. געשטאַנען און אַרויפגעקוקט צום פענצטער, צו די שטאַבעטן וואָס ער אַליין האָט געמאַכט.

זשאַוווער

יום־טובדיקע אינדערוואַכנס. פּראַסטיק־צעבליטע שויבן, איינ־גערעמט אין ווינטערדיקע פֿאַרטאָגן. צווישן ענגע, היימישע פיר ווענט לייכטן צוויי פּונקטן: די יריעה, ביים לעמפּל אויפֿן טיש, ווו עס זיצט דער טאַטע איבערן עמוד און שרייבט. אין אַנטקעגנדיקן, פֿינצטערן ווינקל — די מאַמע, איינגעבויגן ביים אויוון. פֿון פֿלאַם אין אים, ליכטיקט איר פּנים.

דאָס בלויע ווינטער־מאַנטעלע. די רויטע הענטשקעס. מיט דער סומקע אויף די פּלייצעס גייט מאַריאַשע אויפֿן סקריפּנדיקן שניי, דורך דעם באָד־געסל. פֿון ביידע זייטן טוליען זיך די הייזקעס, איינס צום אַנדערן און האַלטן אונטער די קרומע, ווייסע דעכלעך איבער זיי.

זכריה דער שוסטער זינגט. זיין קול קלינגט הויך און ציקלענ־דיק. שוין גאָר ווייט פֿון זיינע פֿאַרקאָוועטע פֿענצטערלעך הערט מען נאָך זיין געזאַנג, צוזאַמען מיטן קלאַפּן פֿון העמערל אין שוך. דאָס חזרט ער איין דאָס יום־כּיפּורדיקע דאַוונען. אין די ימים־נוראָים איז זכריה אַ בעל־תּפֿילה אין בעליצע.

דאָס געסל פֿירט צו פֿייגעלען. זיי האָבן נאָך נעכטן זיך אָפּגע־רעדט, אַז מאַריאַשע וועט פֿאַרבייגיין, זי רופֿן, וועלן זיי צוזאַמען גיין אין שול.

אויך ביי זיי אין שטוב איז נאָך קאַלט און גרוי. פֿייגעלעס טאַטע איז נאָך ניט געקומען פֿון דאַוונען. צום ערשטן מנין גייט ער. אין צימער, ווו עס שטייען די פּאַפּירענע בלומען, איז שוין די שלאָפֿבאַנק אויפֿגעלייגט. מיטן פּנים צו דער וואַנט שטייט אַ יינגל אין תּפֿילין. שאָקלט זיך איבער אַ סידור און מורמלט. פּלוצלינג טוט ער זיך אַ דריי אויס, קוקט אָן מאַריאַשען מיט שוואַרצע, גליִענדיקע אויגן, שטעלט איר אַרויס אַ צונג און דאַוונט ווייטער. זי קוקט אויף אים פֿאַרוווּנדערט און ער מאַכט שוין ווידער

צו איר קאָמישע העוויות. מיט איין מאָל ווערט ער ערנסט ווי אַ קאַץ. אַזוי טויט־ערנסט, אַז זי גלייבט זיך אַליין ניט, אויב ער האָט עס טאַקע געמאַכט אַזעלכע שטיק. שטייט זי, קוקט אַ פּאַרגאַפטע ביז פייגעלע ציט זי ביים אַרבל. שוין צייט צו גיין.

זיי נעמען דעם וועג פאַרביי דעם אַלטן בית־מדרש. פון דאָרטן גייט אַרויס חיה די שניטקרעמערקע מיטן גראָבן סידור אונטערן אָרעם.

— עס איז קאַלט — זאָגט זי צו קיינעם ניט. גייט ווייטער מיטן אויסגעטראָטענעם וועג, אין הויך אָנגעשאָטענעם שניי.

— פייגעלע, ווי הייסט ער, דער וואָס דאַוונט?

— מאָטל.

— ער וווינט ביי אייך?

— ער נעכטיקט אויף דער שלאָפבאַנק.

— האָט ער אַ מאַמען?

— יאָ. אַ טאַטן אויך.

— איז פאַר וואָס שלאָפט ער ביי אייך?

— זיי וווינען אין מייטשעט. ער לערנט דאָ אין ישיבה. וועט ווערן אַ רב.

— און ווו עסט ער?

— ער עסט טעג.

מאַריאַשע פאַרטראַכט זיך.

— פייגעלע — רופט זי זיך אָפּ — איך וועל פרעגן מיין מאַמען. אפשר וואָלט זי אים אויך געגעבן אַ טאָג.

— טו עס ניט. ער האָט שוין אַלע. שבת אויך. מאָטל האָט מיר דערציילט אַ סוד. זאָג עס פאַר קיינעם ניט. ער פאָרט אַוועק.

— פאַר וואָס זאָל ער אַוועקפאָרן?

פייגעלע קוועטשט מיט די אַקסלען.

— ער וועט זיין אַ רב — זאָגט מאַריאַשע נאָכטראַכטנדיק — דאָס דאַוונט ער שטענדיק אַזוי?

— געוויס. ער איז דאָך שוין אַ גרויסער. ער האָט מיר אַליין געזאָגט, אַז עס גייט אים דאָס זעכצנטע יאָר.

— און וויפל ביסטו אַלט?

— שוין צוועלף.

— נאָך צען חדשים און איך וועל אויך האָבן צוועלף — זאָגט מאַריאַשע מיט קנאה — ווייסט פּייגעלע, ער דאַרף ניט אָוועקפאָרן. און אפשר האָט ער זיך גערייצט מיט דיר? גלייב אים ניט.

— קען זיין. איך וויל אויך ניט ער זאָל אַוועקפאָרן. זאָל ער בעסער זיין דאָ.

*

אַן אומלעגאַלע טרעפונג ביים חבר זאַוול אין שטוב. צום צווייטן מאָל קומט מאַריאַשע אַהער. דעם פאַרגאַנגענעם ווינטער האָט מען זי אויך גערופן.

חבר זאַוול וווינט אויף דער קוזניע־גאַס. די הייזלעך דאָ, הינטערן שטעטל, האָבן אויסגעזען ווי שניי־בערגלעך. פאַרן שטוב ליגט דער שאָסיי, וואָס פאַרענדיקט זיך נאָענט און עס ציען זיך אויסגעטאָפּטשעטע וועגן דורך די פאַרשנייטע פעלדער, זיי פירן צו די נאָענטע דערפער.

איצטער איז זומער. שטייט דאָס שטיבל פון חבר זאַוול אַרומגעוואַקסן מיט הויכער קראָפּיווע. דאָס גערטנדל, וואָס שפּאַרט אין די פענצטערלעך, איז פול מיט קאַרשן־ביימלעך, מאַלינע־קוסטעס, וואָס פאַרטרינקען די כאָטקע אַזש איבערן דאַך.

אינעווייניק איז נידעריק. דער באַלקן הענגט אויפן קאָפּ. עס איז אָנגערויכערט ווי אין אַ שענק. אַ סך יונגע חברה זיך צונויפגעקומען. מען וואַרט אויפן חבר פון וואַרשע. ביז נאָוואָיעלניע וועט ער קומען מיט דער באַן. פון דאָרטן וועט אים ברענגען חבר פּייווע דער בעל־עגלה.

און אָט זענען זיי דאָ.

מען באַגריסט זיך. מאַריאַשע זשמורעט די אויגן אין דער אָנגערויכערקייט.

— אַ גוטן אָוונט מאַריאַשע. דערקענסט מיך ניט? — זאָגט מאָטל און שטעלט איר אַרויס די צונג.

זי באַגיסט זיך מיט אַ רויטקייט.

— וואָס איז? וואָס האָסטו געזאָגט מאַריאַשען? — פרעגן חברים.

— זי ווייסט שוין וואָס — זאָגט מאָטל און זיינע שוואַרצע אויגן ברענען. די זעלבע אויגן וואָס מאַריאַשע האָט דעם ערשטן מאָל דערזען בעת זיין דאַוונען.

נאָך דער פאַרזאַמלונג צעגייט מען זיך אין קליינע גרופּעס, ניט צו ציִען די אויפמערקזאַמקייט פון דער פּאָליציי. מאָטל גייט מיט מאַריאַשען. פירט זי אונטערן אָרעם. זי פילט זיך ערנסט, ווי קיין מאָל ניט. בקרוב וועט זי שוין האָבן זעכצן יאָר. אַזוי פיל ווי מאָטל האָט געהאַט, ווען זי האָט אים צום ערשטן מאָל דערזען. איצטער איז ער אַ דערוואַקסענער, אַ גרוויסשטאָטישער, קומט פון וואַרשע.

ער דריקט איר אָרעם פעסט צו זיך און מאָדנע גוט איז איר צו גיין מיט אים.

— וואָס קלערסטו צו טאָן מאַריאַשע? וועסט דאָך ניט בלייבן דאָ אין שטעטל.

— איך וויל פאָרן קיין ווילנע.

— צו וואָס קיין ווילנע? קום בעסער קיין וואַרשע.

— וואָס איז אין וואַרשע?

— וואָס איז אין וואַרשע — לאַכט מאָטל — וויכטיק איז ווער עס איז אין וואַרשע. אָט ווין איך אין וואַרשע.

ווען מאַריאַשע שעמט זיך ניט, וואָלט זי אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אים אָנגעקוקט ווי דעמאָלט, ווען ער האָט איר אַרויסגע־שטעלט די צונג. אויך איצטער איז זי ניט אינגאַנצן זיכער. האָט ער עס טאַקע געזאָגט, אָדער עס האָט זיך איר אויסגעדאַכט?

— און וואָס טוסטו דאָרטן? — פרעגט זי ניט דרייסט.

— וואָס איך טו? איך אַרבעט. זעסט דאָך, אָט האָט מען מיר געשיקט אַהער.

נאָך יענע נאַכט איז מאָטל אָוועקגעפאָרן. ער איז אינגאַנצן ניט געגאַנגען שלאָפן. וועגן זייער שפּאַציר ביז טאָג האָט מאַריאַשע פאַרטרויט פייגעלען. און זי איז גאָר ברוגז געוואָרן. טעג געווען

אַנגעבלאָזן, ווי אַן אינדיק. לאַנג האָט עס אָבער ניט געקענט אָנ־האַלטן. געווען אַ סך סודות, וואָס זיי האָבן געמוזט זיך דערציילן.

אַט וואַרטן ביידע מיט אומגעדולד אויפֿן יוגנט־לאַגער. פֿון אַלע שטעטלער אין געגנט וועט מען זיך צוזאַמענקומען. און פֿירן דעם לאַגער וועט טאַקע ער, מאָטל.

*

חברה זיצט אויף דער ערד אין אַ גרויסן קרייז, אַרום אַ לאַגער־פֿייער. מאָטל איז נאָך ניטאָ. ווי תּמיד מיט עפּעס פֿאַרנומען. ענדלעך באַווייזט ער זיך. שטופּט זיך אַריין אין ענגן קרייז, פּונקט נעבן מאַריאַשען. בעת אַ ווינטל טוט אַ טרייב דעם רויך אין זייער זייט, פֿאַרשטעלט ער איר פּנים מיט זיין גרויסער דלאָניע. זי זינגט צוזאַמען מיט אַלע, אים אין האַנט אַריין.

פֿייגעלע איז שוין ווידער ברוגז. מען זאָגט, זי איז פֿאַרליבט אין מאָטלען.

ער בייגט זיך אָן צו מאַריאַשען, זאָגט איר עפּעס. זי דער־הערט ניט, איז צעשטרייט. עס שטערט איר אויך דאָס, וואָס פֿיי־געלע אַנטקעגן איבער, קוקט בסדר צו זיי. נעמט די אויגן ניט אַראָפּ. מאַריאַשע איז זיכער, אַז אויך מאָטל באַמערקט עס. אים אָבער אַרט עס אינגאַנצן ניט. אָט האָט ער גענומען אַ לאָק פֿון אירע האָר און וויקלט אים אויף זיין פֿינגער. זיין האַנט ליגט אויף איר אַקסל און זיין אָטעם בריט איר, מאַכט איר צאַפּלען דאָס האַרץ.

דאָס פֿייער הייבט זיך אַלץ העכער, שפּריצט מיט פֿונקען. מאַכט בולטער די טונקלקייט טיפֿער אין וואַלד. אַהין האָט זיך אוועקגעשאַרט די שיינע רייזעלע. נאָך איר חיים דער סטודענט. איינציקווייז האָבן זיי זיך אָפּגעטיילט, מען זאָל זיי ניט זען צו־זאַמען.

פֿייווע וואַרפֿט צו אַ גראָב שטיק האָלץ.

עס צעשפּריצן זיך פֿונקען. דאָס פֿייער וויקלט זיך אין רויך און שיסט פֿלוצלינג אויף גאָר הויך אין אַ שפּיציקן פֿלאַם. אויך

דאָס געזאַנג קלינגט אַלץ העכער. הילכט ווייט אַרום צוזאַמען מיטן עכאָ, וואָס קומט פון וואַלד.

דאָס פייער ווערט שוין נידעריקער. פאַרבן, מיניען אויף די טליענדיקע האָלעוועשקעס. די פינצטערניש פון אַרום קומט נאָענ־טער, ווערט געדיכטער. פלעדערמייז פליען אַרויס פון די לעכער אונטערן שטרויענעם דאַך, איבערן שייער. זיי קרייזן אין דער לופטן.

ניט גערן הייבט מען זיך פון די ערטער.

מאַריאַשעס געלעגער איז אין באַראַק, אויף שטרוי. אַלע פון דער גרופּע ליגן שוין אויף די ערטער.

אין טיר שטעלט זיך אַריין מאָטל מיט אַ ברענענדיקן טאַשן־לעמפּל. אַלע ווערן שטיל ווי קאָטינקעס. קוים צו דערהערן ווי בלומקע שטיקט איר געלעכטער אונטערן קאָץ.

מאָטלס לעמפּל באַלייכט אַלע געלעגערס, פאַרהאַלט זיך אויף מאַריאַשעס. זייערע בליקן באַגעגענען זיך.

— אַ גוטע נאַכט — זאָגט ער און בלייבט שטיין נאָך אַ ווײַלע.

מאַריאַשען איז גוט מיטן פרײדיקן סוד, וועלכן עס ווייסט נאָר זי און מאָטל.

אַ פאַרנאַכט. די זון האָט זיך אַראָפּגעלאָזט. געשאָטן מיט זשאַר און געצונדן די שפּיצןביימער אין וואַלד. מען מאַכט אַ נאַכטשפּאַציר. מאָטל קען אָבער ניט מיטגיין. אַ סך אַרבעט איז געבליבן צוצוגרייטן דעם מאָרגנדיקן טאָג.

— ווידער ביסטו פאַרנומען. שטענדיק פאַרנומען. — איז מאַ־ריאַשע אַנטוישט.

זיין האַנט אויף איר טאַליע, פירט ער זי צו דער גרופּע ביים טויער. ווענדט זיך צו דודן, זיין בעסטן חבר.

— היט מיר זי אָפּ, דוד.

— זענען דאָ ווילדע חיות אין וואַלד ? פאַר וועמען היטן ?

— פאַר מיר — לאַכט מאָטל — היט זי אָפּ פאַר מיר.

— ווי דאָס אויג אין קאָפּ, וועל איך זי היטן.

— מיט קיין קאָץ שיקט מען ניט קיין שלח־מנות — זאָגט ניאָמע.

און נאָך דעם גייט שוין אַוועק אַ ווייצלען זיך אויף מאַריאַשעס חשבון. זי איז רויט, פאַרשעמט און חברה לאָזן זיך וווילגיין. דוד איז גוט צו איר. ער פירט זי אַוועק פון צעשטיפטן עולם. זיי טיילן זיך אָפּ פון אַלע, פאַרנעמען זיך מיטן שמאָלן וועגל צווישן די סאָסנעס און ווערן פאַרפאַלן.

צוריק פון שפּאַציר זענען זיי געקומען שטאַרק פאַרשפּעטיקט. אַריינגעקומען האַלטנדיק זיך ביי די הענט. ביידע זענען געווען פאַרלאָרן און געפילט זיך שולדיק, ווען מאָטל האָט זיי באַגעגנט. ער האָט גאָרניט געזאָגט.

*

אַ טריב־רעגנדיקער טאָג. די גאַסן זענען פול מיט ביטשעני־צעס, וואָס קומען נאָך אַלץ פון אָקופּירטן פּוילן. מאַריאַשע גייט מיט דער הויפּט־גאַס, וואָס פירט צו דער טורמע.

און פּלוצלינג קומט איר אַנטקעגן מאָטל.

ער איז מיד, פאַרשוואַרצט פון שטויב. שוין טעג ער איז אַרויס פון באַלאַגערטן וואַרשע. קומט איצטער פון ביאַליסטאָק. דער קראָגן שטייט אים ביים האַלדז, ווי מען וואָלט אים אַנבאַפנדיק ביים קראָגן אַרויסגעוואָרפן פון אַ קנייפּע. דער מאַנטל צע־קנייטשט, פאַרשפּיליעט אויף אַלע קנעפּלעך. אין דער אַנטקעגנ־דיקער ריי נאָך איין קנעפּל. קאָנטיק אַז געווען זענען דריי.

מאָטל זעט אַז מאַריאַשע באַמערקט עס און דערקלערט:

— צוויי קנעפּלעך שוין פאַרלאָרן אין וועג. זיך איינגעשאַפט אַ נאָדל־פאָדעם און דעם איינעם פעסט צוגענייט. זאָל זיין אַן איבעריק קנעפּל. קוים פאַרליר איך איינעם פון די, בלייב איך מיט אַן אָפענעם מאַנטל. וואָס הערט מען דאָ, מאַריאַשע? וואָהין גייסטו?

— דוד איז אַרעסטירט. איך גיי צו דער תפיסה.

— ווען?

— מיט אַ וואָך צוריק.

— קענסטו אים זען? אים עפּעס איבערגעבן?

זי שאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין.

— טוסטו ריכטיק, אַז דו גייסט?

זי קוקט אויף אים, הערט און שווייגט.

— קום צו אונדז — טוט זי זיך פלוצלינג ווי אַ וועק אויף — ביסט געוויס הונגעריק. וועסט עפּעס עסן, זיך אָפּרוען.

מאָטלס פּלאַן איז דערקלייבן זיך קיין ווילנע און פון דאָרטן זיך אַרויסבאַקומען פון אייראָפּע.

— מיינסטו ניט, מאַריאַשע, אַז אויך דו וואָלסט געדאַרפט אַוועקגיין?

— ווי אַזוי קען איך? און דוד?

— איז ער דאָך שוין אַרעסטירט. קענסט דאָר גאָרניט טאָן. נאָר וואַרטן ביז מען וועט אויך דיר פאַרשפּאַרן.

אין שטוב ווערט טריבער. טונקעלער. אומהיימלעך לויערט דער דרויסן.

— ווען האָבן זיי גענומען דודן?

— אינמיטן נאַכט געקומען אים זוכן. ווייסט מאָטל, איך בין באַזאָרגט פאַר דיר. עס איז אַ ריזיקע צו בלייבן דאָ נעכטיקן. איך טראַכט וואָהין זאָלסטו גיין שלאָפן.

— ביסט גערעכט. אויך דו טאָרסט דאָ ניט בלייבן.

— מיר איז אַלץ איינס.

— עס איז ניט אַזוי מאַריאַשע, — זאָגט מאָטל נאָכטראַכטנ־דיק — גאָרניט קענסטו טאָן פאַר אים. ריכטיק איז, אַז אויך די דאַרפסט פאַרלאָזן די שטוב, אַפילו די שטאָט.

— איך קען ניט. דוד איז דאָ הי, אין תפיסה.

אין שטוב איז שוין פינצטער. ביידע זיצן פאַרלאָרענע. פון צייט צו צייט נעמט ער איר האַנט אין זיינער און לאָזט זי שנעל אַרויס. דער רעגן שטאַרקט זיך. דאָס צעבערל אונטער דער דאַך־רינע, איז שוין לאַנג פול געוואָרן. זיי הערן ווי דאָס וואַסער גיסט אַריבער די ברעגעס, פליעסקעט אין קאַלוזשע.

*

אויף פאַרשיקונג. אַ קאַלטער, פינצטערער פאַרטאָג. די פּוסטע קיך קוים באַלויכטן פון רויכערנדיקן קורניק. אַגאַפּיע האָט אויסגעוועלגערט אַ בלאַט לאָקשן. אויפן שטעקן פון דער קאַטשערע טריקנט זי אים פאַרן פלאַם, אין אויוון. איר פּנים איז באַלויכטן. פון האַלטן די פאַרסאַזשעטע קאַטשערע האָט זי זיך, מיט די פאַרשמירטע הענט, שוואַרץ געמאַכט די נאָז.

פלוצלינג דערהערט מען בורעקן בילן.

— זאָיע קומט שוין באַרגן די רעשטע — זאָגט אַגאַפּיע.

מאַריאַשע גייט עפענען די טיר פון פירהויז. עס געדויערט מער ווי געוויינטלעך.

— מאַטל?! אומגלייבלעך. ווי קומסטו אַהער?

ביידע זענען איבערראַשט, צעטומלט.

— אין פּרעסאַווקע, ביי דער באַן־סטאַציע — דערציילט ער — געטראָפן אייער „קלאַדאָווטשיק" פון „סיעל־פּאָ". ער האָט מיך געבראַכט אַהער. דערציילט, אַז דאָ, אין דאָרף, ווינען פּאָליאַקן און אַנגעוויזן אויף דער שטוב. ניט געחלומט אַפילו דיך דאָ צו טרעפן.

— ממש אומגלייבלעך.

אַ באַפרייטער פון לאַגער איז מאַטל אין עטלעכע טעג אַרום אַוועק קיין בוזולוק, וווּ עס האָט זיך פאָרמירט די פּוילישע אַרמיי.

*

דער ערשטער ווינטער אין לאָדזש נאָך דער מלחמה.

דער שניי בערגלט זיך איבער די חורבות, איבער די קופּעס גרוז. הויכע קוימענס סטערטשען אַרויס שוואַרצע, פאַרחושכטע, פון ווייס־פאַרדעקטן חורבן.

מאַריאַשע גייט מיטן אָפּגערייניקטן טראָטואַר. אינמיטן פון גאַס איז אָנגעוואָרפן דער שניי. די דראָזשקאַזשעס יאָגן אויף שליטלעך. פאַרן טראַמוויי רייניקט מען דעם וועג.

אויף יאַראַטש־גאַס, ניט ווייט פון דער ווסאַכדניע קוקט זי און גלייבט ניט די אייגענע אויגן:

מאָטל?

יאָ, ער גייט עס. דער סאָלדאַטסקער, אָפּגעטראָגענער שינעל אויף אים, איז צו לאַנג. שאַרט זיך איבערן טראָטואַר. ער זעט זי ניט. איז פאַרנומען מיטן לייענען די נומערן אויף די ווענט.

— מאָטל? ווען ביסטו געקומען?

ווייזט זיך אַרויס, אַז ער איז געקומען פון וואַרשע. נאָר אויף איין טאָג. מוז דאָ עמעצן זען. ווי תמיד באַלאָדן מיט ענינים. ערשט נעכטן געווען אין קאָנסולאַט. וויל אַרויספאָרן פון פוילן. מען לאָזט אָבער ניט. ער באַקומט ניט קיין דערלויבעניש.

— מען וועט שוואַרצן די גרענעץ, דורך טשעכיע — זאָגט ער פאַרטרויליך — און דו? וואָס מיינסטו צו טאָן? איך האָב ביי מיר דיין אַדרעס. כ'וועל זיין ביי דיר. מוז אָבער איצטער עמעצן טרעפן. ביסטו היינט אָוונט אין שטוב?

אייליק טוט ער נאָך אַ בליק אויפן זייגער. — מיר וועלן שמועסן — זאָגט ער שוין אין גאַנג.

מאַריאַשע קוקט אים נאָך. זי ווייסט ווי יעדעס מאָל, וועט ער אויך איצטער פאַרפאַלן ווערן. ביז עפּעס אַ צופאַל וועט זיי ווידער צוזאַמענברענגען.

ווי אויסגעמאַטערט ער איז — טראַכט זי — אַפילו נאָכן לאַ־גער, האָט ער אַזוי שלעכט ניט אויסגעזען.

*

מאָטל איז יאָ געקומען.

אין איר קליין צימערל זיצןביידע ביים אָוונברויט.

— ווי פילסטו זיך, מאָטל, ביסטו געזונט?

— געזונט. שוין גוט אַז מען לעבט. ווער איז עס אינגאַנצן געזונט? עס ווערן מיר אָפּט געשוואָלן די פיס. אַ ירושה פון תפיסה, פון לאַגער.

— דאַרפסט גיין צו אַ דאָקטער.

— כ'וועל גיין. דער עיקר איז דער זשאָווער, וואָס לייגט זיך דאָ — ווייזט ער אויפן האַרצן — מען דאַרף אַוועקגיין פון דאַנען. די רויִנעס, די קברים, די שטילקייט דאָ. זיי פאַרפייניקן מיך.

— וועט דער חורבן ערגעץ אַנדערש ניט געפֿינען? ווו מיר זאָלן ניט גיין, וועלן מיר דעם „זשאַוער", ווי דו רופסט עס, נעמען מיט זיך.

— מען דאַרף אַוועקגיין פון דאַנען — חזרט מאָטל איבער שטיל ווי פאַר זיך אַליין. ווערט אַנטשוויגן, פאַרטראַכט זיך. פּלוצלונג רופט ער זיך אָן:

— עס איז דיר שיין אַזוי, די לאַנגע האָר. האָסט זיך קיין מאָל אַזוי ניט געקעמט.

זי קוקט אים אָן. איר בליק צעטומלט אים. ער ווייסט אַליין ניט: זענען אירע אויגן פול מיט צער, שטוינונג, פאַרדרוס? אָדער אַלץ אינאיינעם?

— מאַריאַשע... איך ווי דו... איך וויל זאָגן... פאַרשטיי, מיר קענען זיך אַ לעבן לאַנג. אויך דו דאַרפסט אַוועקגיין פון דאַנען... וואָס ווייטער וועט ווערן שווערער. מען לאָזט שוין ניט אַרויס.

— פאַרשיקטע קומען נאָך אַלץ פון פאַרוואָרפענע לאַגערן. עס קען נאָך לאַנג אַזוי אָנהאַלטן. איך בין אַפילו ניט זיכער, אַז זיי וועלן אַלע אַרויסלאָזן. עס קען אָבער געשען, אַז אויך דוד...

זי האָט ניט פאַרענדיקט. באַמערקט אַז מאָטל איז בלייך געוואָרן און מאָדנע גיך אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. ער האָט געפילט איר בליק, ניט געקענט אים אויסהאַלטן, האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אָבער אַלץ ניט געוואָגט זי אָנצוקוקן.

— מאָטל — האָט מאַריאַשע אים גערופן ווי פון ווייט — דוד?... דוד לעבט ניט? — זי האָט האַלב געפרעגט, האַלב געזאָגט.

ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין.

— איך האָב געמיינט אַז דו ווייסט. — האָט ער זיך פאַרענטפערט — זיי מיר מוחל, בין ניט לאַנג געקומען קיין פוילן. עס איז מיר ניט איינגעפאַלן, אַז מען האָט דיר עס נאָך ניט געזאָגט.

שוין זייער שפּעט געווען, בעת זיי האָבן ווידער אָנגעהויבן רעדן. מאַריאַשע איז דורכאויס באַשטאַנען, ער זאָל דערציילן.

— איך קען הערן. וויל אַלץ וויסן.

— דאָס לעצטע מאָל, ווען איך האָב דיך געטראָפן אויף סי־ביר, איז עס געווען אַ צופאַל. ווי אומגלייבלער עס זאָל ניט זיין, איז עס דאָך אַזוי. שוין דעמאָלט האָב איך עס געוווּסט. דו אָבער האָסט אַזוי געגלייבט אַז דוד לעבט. מיר געוויזן דאָס פּאַפּירל, וואָס דער פּראָקוראָר האָט געשיקט, אַנגעבנדיק דאָס אָרט ווו ער געפינט זיך. עס איז געווען אַ ליגן. איך האָב געמוזט גיך אַוועקגיין קיין בוזולוק. ניט געהאַט קיין האַרץ דיך איבערצולאָזן מיט דער טרויעריקער ידיעה. מיך האָט מען אַרעסטירט אויפן וועג קיין ווילנע. בין מיט דודן געזעסן אין מינסקער תּפיסה.

ער האָט אָפּגעהאַקט, ווי אים וואָלט פאַרפעלט אָטעם.

— דערציייל, מאָטל, איך מוז אַלץ וויסן. איך קען הערן. איך הער.

מיט די הענט האָט זי זיך געהאַלטן אָן שטול. איינגעקלאַמערט זיי ביז ווייטיק. אַ רגע פאַרמאַכט די אויגן און באַלד ווידער גע־עפנט.

— דערציייל.

— ניט צופעליק האָט מען מיך אַריינגעוואָרפן אין זיין צעל. געווען דאָרטן עמעץ, וואָס האָט געדאַרפט הערן אונדז רעדן. זיין גורל איז שוין געווען געחתמעט, מיך האָבן זיי נאָך טאָג און נאַכט געשלעפּט צו דער אויספאָרשונג. געהאַלטן הונגעריק, אָן שלאָף. ווען איך פלעג ניט זיין אין צעל, האָט דוד גענומען פאַר מיר די ראַציע ברויט. אָן זיין לייב עס געוואַרעמט, עס זאָל ניט פאַרפרוירן ווערן.

מאָטל האָט גערעדט לאַנגזאַם, פאַרטראַכט, ווי ניט דאָ וואָלט ער געווען. ביז ער איז ווידער אַנטשוויגן געוואָרן. מאַריאַשע האָט מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם געוואַרט.

— דאָס האָט ער מיר געהאָלפן אויסהאַלטן — האָט ער אַליין ווידער אָנגעהויבן רעדן — נאָכאַנאַנד פאַרזיכערט אַז מען קען. און זעסט דאָך. איך לעב. איצטער מוז מען פון דאַנען אַוועקגיין, אַנטלויפן. איך וויל דיך דאָ ניט איבערלאָזן אַליין.

מאַריאַשע איז געזעסן אָן איינגעקאָרטשעטע מיט פאַרשטשי־מעטע ציין. זי האָט גאָרניט געזאָגט. אויך שפּעטער, ווען עס איז

שוין לאַנג טאָג געוואָרן, און זיי האָבן זיך געזעגנט, האָט זי נאָך אַלץ געשוויגן.

*

זענען שוין אַ פּאָר יאָר אַדורך. ערשט איצטער איז מאַריאַשע געקומען קיין אַמעריקע. זי איז מיד. איר איז גוט ביים געדאַנק, אַז דאָ אין לאַנד האָט זי מאַטלען, דאַרף איס נאָר אָפּזוכן. כאָטש פון לעצטן מאָל אָן, זינט זיי האָבן זיך געזען, אַ סך געטראַכט פון אים, האָט זי דאָך ניט אָנגעזאָגט איר קומען. געוואָלט אויך דאָס מאָל אים באַגעגענען, ווי תמיד, אומגעריכט. געטראַכט פון דעם מיט אַ ציטער. געוואַרט אויף דער מינוט.

דורכן טעלעפאָן האָט זי זיך שוין פאַרבונדן מיט איר קוזינע, מיט באַקאַנטע. איר געוועזענע שכנה פון לאָדזש איז שוין געווען אָפּגעעמען אַ גרוס פון איר שוועסטער. מאַטלס אַ פריינדין פון אַ מאָל, האָט דורכן טעלעפאָן דערציילט, אַז זייער אָפט זיצט ער אין קאַפעטעריע אויף איסט בראָדוויי. זי אַליין האָט אים ניט געזען, זינט זיי האָבן זיך אַריבערגעצויגן קיין לאָנג־איילאַנד.

שוין צוויי טעג, אַז מאַריאַשע וווינט אין האָטעל. און ווידער איז שוין נאַכט. לויט ווי דער באַלעבאָס האָט אָנגעזאָגט, האַלט זי איר טיר תמיד פאַרשלאָסן. מיידט אויס ביינאַכט אַרויסצוגיין אַליין.

פון יענער זייט ווענטל, איז עמעץ קראַנק. קרעכצט, הוסט. זי וואַרט אויף מאָרגן. וויל אַוועקגעבן דעם טאָג אויף צו געפינען מאַטלען. קלינגען צו פריינד, אָדער אַוועקגיין אין קאַפעטעריע און דאָרטן וואַרטן אויף אים.

פלוצלינג האָט זיך צעקלונגען דער טעלעפאָן. זי האָט אויפגעצאַפּלט. איר איז גלייך איינגעפאַלן, אַז דאָס האָט מאַטל דורך עמעצן זיך דערוווּסט, אַז זי איז דאָ.

געקלונגען האָט גאָר אַן אומבאַקאַנטע אין נאָמען פון איר קוזינע. אָנגעזאָגט אַ טרויעריקע בשורה, אַז איר קוזין איז פלוצלינג געשטאָרבן און אָנגעגעבן די שעה און אָרט פון דער לוויה.

מאַריאַשע האָט זיך געוואַקלט צו גיין. דעם קוזין, דעם מאַן פון איר קוזינע, האָט זי ניט געקענט. אינגאַנצן איז זי צוויי טעג אין לאַנד. אַלץ זעט איר דאָ אויס אומענדלעך ווייט און פרעמד.

אויף מאָרגן, אין לעצטן מאָמענט באַשלאָסן צו גיין נאָר אין לוויה־זאַל. געקומען איז זי פּאַרשפּעטיקט. אומזיכער אַריינגעפאַלן אין האַלב־טונקעלן זאַל. מען איז געזעסן אויף בענק און געהערט דעם ראַבאַי רעדן. גערעדט האָט ער ענגליש. פאַרשטאַנען האָט זי גאָרניט. ניט געוועזן אַפילו זיכער, אַז זי האָט געטראָפן צו דער לוויה אויף וועלכער זי דאַרף זיין.

ענדלעך האָט זי דערקענט איר קוזינע. אויף דער ערשטער באַנק איז זי געזעסן, דאָס פּנים פאַרדעקט מיט אַ דורכזיכטיקן, שוואַרצן וואָל. צו איר האָט זיך טאַקע אָפּט געוואָנדן דער ראַבאַי.

ער האָט געענדיקט. אַלע האָבן זיך גלייך אַ הייב געטאָן פון די ערטער. קיין באַקאַנטע האָט מאַריאַשע, צווישן עולם, ניט געזען. זי האָט געוואָלט אויסדריקן איר צער דער קוזינע. פון דאָרטן נעמען אַ טאַקסי און פאָרן צו דער קאַפעטעריע. עמעץ האָט זי אָבער פאַרהאַלטן. זיך פאַרגעשטעלט פאַר איר, געזאָגט אַז אים איז גוט באַקאַנט איר קורבהשאַפט מיט דער משפחה. פאַרגעלייגט מיטצו־פאָרן מיט אים אין זיין קאַר.

זי איז געפאָרן.

אין דרויסן האָט געדעגנט. דורך די פאַרגאָסענע שויבן פון וואָגן האָט מען געזען די נאַסע גאַסן, וואָס האָבן זיך געצויגן צווישן ריזיק הויכע געביידעס. די הייזער, ביימער, וועגענער, האָבן גרויע געשווינדלט פאַר די אויגן.

ביז זיי זענען געקומען אויפן אָרט, האָט דער רעגן אויפגעהערט. די קבורה האָט ניט לאַנג געדויערט. מאַריאַשע האָט קוים באַוויזן זיך אַרומצוקוקן, ווי גאָר ווייניק זענען געבליבן צו טרייסטן די אַלמנה, וואָס איז געשטאַנען ניט ווייט פון פרישן בערגל. בעתן דערזען מאַריאַשען איז זי אויף איר אַרויפגעפאַלן און האַרצרייסנדיק געוויינט.

— איך וועל קומען צו דיר — האָט מאַריאַשע פאַרזיכערט אַ צעקלעמטע — גאָר גיך וועל איך קומען.

זי האָט מיט די אויגן אָנגעהויבן זוכן דעם אומבאַקאַנטן, וואָס האָט געהאַט, ווי ער האָט געזאָגט, אַן אָרט אין קאַר. האָט אים

אָבער ניט געזען. בלית ברירה זיך פאַרנומען צום טויער. פון דאָרטן געוואָלט נעמען אַ טאַקסי און פאָרן צו דער קאַפּעטעריע.

דער וועג האָט געפירט צווישן קברים. פון אַ דערנעבנדיקער אַלייע האָט זיך דערטראָגן אַ שלוכצן. דאָרטן האָט מען געזען אַ רעדל אַרום אַ פרישן קבר.

אָפּגעוואַשענע פון רעגן, נאָך פייכטע, האָבן געבלישטשעט די מצבות. בולט זענען געווען די אויפשריפטן אויף זיי.

ווי תמיד, בעת מאַריאַשע געפינט זיך אויף אַ בית־עולם, האָט זי אויך איצטער גייענדיק, געלייענט די אויפשריפטן.

זי האָט באַמערקט קברים פון קינדער, אַלטע לייט. געלייענט ווידמונגען פאַר טאַטעס, מאַמעס. פון פרויען פאַר מענער.

פלוצלינג האָט זי זיך אַ וואַקל געטאָן.

— מאָטל ?

לאַנגזאַם, ווי אָפּצושלעפּן דעם גזר, איז זי צוגעקומען גאָר נאָענט.

„מיר געדענקען אונדזער טייערן מאָטל פיין.

אַ גרופּע חברים".

נישט אומצופאַלן, האָט מאַריאַשע מיטביידע הענט זיך גע־האַלטן אָן דעם שטיין. זי האָט נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל גע־לייענט די דאַטע פון געבוירן, די דאַטע פון טויט. און געהערט האָט זי זיינע לעצטע רייד צו איר: „דער עיקר איז דער זשאַוועער, וואָס לייגט זיך אויפן האַרצן. איך ווי דו האָבן קיינעם ניט. מיר זענען זיך נאָענט אַ לעבן לאַנג. לאָמיר זיך ראַטעווען. אַנטלויפן פון די רואי־נעס, פון חורבן".

ב

נאָכן שטורעם

נאַכט. בליצן שניידן די פינצטערניש. דונערן הילכן, קייקלען זיך אין די בערג. דער רעגן קלאַפּט אַלץ האַסטיקער. דאָס וואַסער שטראָמט פון די שיפּועס צו די פעלדער. פליסט ווי אַ טייך איבער דער איינציקער גאַס אין דערפל.

שוין לאַנג ווי די קינדער ליגן אין די בעטן. אין הויז איז שטיל. פון צייט צו צייט הערט מען דעם קליינעם אַלען רעדן פון שלאָף. אַלע נאַכט אַזוי. ער רופט, שרייט פאַרשטיקטע קולות.

שאַנטאַל הוסט. איר מאַטערט די אַסטמע.

— איך גיב איר רעגולער די טראָפּנס און עס העלפט ווייניק — זאָגט די פרוי האַנס אַ באַזאָרגטע — מסתמא זענען אָרעם אירע עלטערן, אויב זיי שיקן זי מיט אַזאַ שווערער אַסטמע צו אונדז אויף דער קאָלאָניע.

— און ווי מיינט איר, וואָלט זי געהאַט בעסער? — איז דינה ניט מסכים — די לופט איז דאָ גוט. רפואות נעמט זי רעגולער. דאָס זיין מיט קינדער איז זייער גוט פאַר איר. מיט צוויי יאָר צוריק האָבן מיר אויך געהאַט אַזאַ קראַנקע. אַ מיידעלע פון אַ יאָר צען. אַ ליב קינד, מיט גרויסע, אומעטיקע אויגן. יענע איז פאַרן קומען צו אונדז יעדעס יאָר געווען אין קורערטער. עס האָט ווייניק געהאָלפן. דאָרטן, ווי ביי אונדז, האָט זי געהאַט אַנפאַלן. איר אָטעם פלעגט אָנהייבן סיקען, ווי מען זאָל זעגן מיט אַ זעג.

„שרעקט אייך ניט — פלעגט זי מיר באַרויִקן — גייט שלאָפן. עס וועט מיר באַלד ווערן בעסער".

געדולדיק, ווי אַ דערוואַקסענע, האָט די קליינע געליטן. אָבער דער סרוב האָט זי זיך פריילעך געשפּילט מיט די קינדער.

ביידע פרויען זיצן אויפן אייזערנעם בעטל, הערן ווי דער רעגן אין דרויסן ווערט אַלץ שטאַרקער.

— איר זעט אויס מיד, פרוי האַנס — זאָגט דינה.

— איך בין אַ ביסל מיד. עס איז שווער דער טאָג מיט די קינדער. די פּאַריקע נאַכט שלעכט געשלאָפן. דינה, — זאָגט זי ניט דרייסט — רופט מיך שרה. איך הייס שרה.

— מען האָט מיר אייך פאַרגעשטעלט ווי פרוי האַנס, רוף איך אייך אַזוי — פאַרענטפערט זיך דינה.

שרה פאַרבייסט די ליפּן, ווי זי זאָל אַראָפּשלינגען עפּעס בי־טערס.

— מיין מאַן האָט געהייסן האַנס. ער לעבט ניט. איז אומגעקומען. איך טראַכט... ער איז אומגעקומען... וואָס מיר קומט אַלץ אויפן זינען... זי האַקט אָפּ און שווייגט לאַנג.

— אויך איך בין מיד — זאָגט דינה גלאַט אַזוי, איבערצורייסן דאָס שווייגן.

— פאַרשטייט — רעדט שרה נאַכטראַכטנדיק — ווען מיר האָבן זיך באַקענט, בין איך אַלט געווען ניינצן יאָר. ער פינף און צוואַנציק. אויף אַ באַל פון די אַנטי־פאַשיסטישע עמיגראַנטן זיך באַגעגנט. און געטאַנצט. אַ גאַנצע נאַכט געטאַנצט. שוין געווען טאָג, ווען מיר זענען ביידע... ניין. נישט דאָס איז דער אָנהייב. ער איז אַ סך פריער.

זי רייסט איבער. ביידע קוקן צו שאַנטאַלס צימער:

— זי הוסט ווידער.

— מען וועט דאַרפן מאָרגן אַרויסרופן דעם דאָקטער.

— בייטאָג האָט זי זיך גוט געפילט, געשפּילט זיך מיט אַלע.

— אַלץ וואָס עס מאַטערט, איז ביינאַכט ערגער — זאָגט שרה — אָבער זי הוסט ניט מער. מען דאַרף ניט צוגיין. אפשר וועט זי צוריק איינשלאָפן.

עס איז שטיל. מען הערט נאָר דאָס כליאַפּען פון רעגן. לאַנג־זאַם, ווי זי וואָלט געהאַלטן אין דערמאָנען זיך, הייבט שרה ווידער אָן צו דערציילן:

— פיר שוועסטער זענען מיר געווען. איך די יינגסטע. מיין טאַטן געדענק איך ניט. ער איז יונג געשטאָרבן. איבערגעלאָזט אַ שטוב מיט פרויען. מיין מאַמען זע איך תמיד אַלט און פאַרזאָרגט. מאָדנע. אָפט דאַכט זיך מיר, אַז איך בין נאָך גאָר יונג. איז דאָך

מיין מאַמע דעמאָלט געווען יינגער ווי איך בין איצטער. שוועס־טער האָב איך געהאַט שיינע. צו קיין איינער פון זיי בין איך ניט ענלעך. עס איז קיל געוואָרן — הילט זי זיך אין שאַל — איז אייך אויך קאַלט?

— מיר זענען מיד, שלעפעריק. דערציילט שרה, דערציילט — זאָגט דינה און רוקט זיך אַריין טיפער אין ווינקל פון בעט.

— אַן אומעטיקע שטוב געווען ביי אונדז. נאָר פרויען. ווען איך האָב געענדיקט די שול, איז שוין מיין עלטסטע שוועסטער, רייזל, געווען אַן אַלט מיידל. זי אַליין האָט שוין שלום געמאַכט דערמיט. אויפגעהערט אַרויסצורייסן די גרויע האָר, וואָס האָבן זיך געמערט. האָבן זיי ווי מיט איר הסכמה, זיך געוויזן אין גרויע פּאַסמעס, צווישן אירע שוואַרצע לאָקן. אַ גוטע, ווי אַ טויב, האָט זי מיט מאַמעשער ליבשאַפט באַדינט דאָבען, די יינגערע פון איר, וואָס איז אַוועקגעפאַלן קראַנק אויפן האַרצן. דאָבעס צאַרט פּנים האָט זיך אויפגעבלאָזן, געוואָרן מגושמדיק נאָר אירע איידעלע, דינע שטריכן האָבן דערמאָנט, אַז געווען איז זי שיין.

— איר הערט? — האָט דינה איבערגעריסן — אין יענעם ציי־מער שושקעט מען זיך.

— יאָ. זיי רעדן. שלאָפן ניט.

— האָט זיי אפשר דאָס דונערן אויפגעוועקט? — שרה לויפט גיך אַרויס און קומט באַלד צוריק — איך ווייס ניט ווער. זיי האָבן דערהערט מיך גיין און שטיל געוואָרן.

— ווילט איר אפשר גיין שלאָפן?

— צו וואָס זיך לייגן, אַפילו די קינדער קענען ניט שלאָפן אין אַזאַ נאַכט. מירן באַלד ווידער דורכגיין צווישן די בעטלעך. אויב עמעץ שלאָפט ניט, קען ער אויפוועקן דעם גאַנצן צימער. זיי דאַרפן נאָר דערפילן, אַז מיר זענען ניטאָ. זענט איר שוין לאַנג אין פראַנק־רייך, שרה?

— גלייך נאָכן ענדיקן די שול האָב איך אָנגעהויבן טראַכטן וועגן פאַרלאָזן מיין היים. די טעג אין שול זענען גוט געווען. עס האָט מיך געהויבן צו טאַנצן, צו שפּרינגען. אַ פרייד האָט אין מיר געשפּאַרט. ביינאַכט, אָבער, איבערגעדעקט מיט דער קאָלדרע, פלעג

איך וויינען. דעמאָלט איז אויך קראַנק געוואָרן מיין דריטע שוועס־טער, פייגעלע. זי איז געווען מיט אַ צוויי יאָר עלטער פון מיר.

— אין איינעם אַ פרימאָרגן זיך נישט געקענט אויפהייבן פון בעט. אַזוי שוין געבליבן ליגן וואָכן, חדשים. אָפט איז דער דאָק־טער געקומען אין שטוב. מען האָט אָנגעהויבן רעדן גאָר שטיל. קוקן מיט שרעק אין די אויגן. דערנאָך האָט מען זי אַוועקגעשיקט אין אַ סאַנאַטאָריע פאַר לונגען־קראַנקע.

דער ווינט טוט אַ יאָג, דער רעגן פּליוכעט קרום, גיסט ווי מיט אַ שעפל אויף די שויבן. פון די בליצן ווערט נאָכאַנאַנד ליכטיק אין צימער. הויך אין די בערג קייקלט זיך דאָס דונערן, ווי שטיינער זאָלן פאַלן.

— אין יאָר פינף און דרייסיק בין איך געקומען קיין פּאַריז, שוין פון בעלגיע. בין נאָך פריִער אַוועקגעפאָרן פון דער היים. ניט געוואָלט... יאָ, ניט געוואָלט זיין אַ פּערטע צו מיינע גוטע, טרויע־ריקע שוועסטער. די פרייד אין מיר איז שולדיק. ניט געקענט אַנ־דערש. ווי שיין מיין מאַמע מיט די שוועסטער האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען. ווי געטריי. שטיל געליטן און קיינעם קיין שלעכטס ניט געטאָן. קיינעם ניט. ביז מען האָט אַלע צוזאַמען אומגעבראַכט. איך בין דעמאָלט געווען דאָ. ער האָט זיך מאָביליזירט און נאָך דעם? וואָס איז געווען שפּעטער? איך ווייס מער גאָרניט. צוזאַמען מיט נאָך יידן בין איך געלאָפן פון פּאַריז. טויטשרעק, הונגער, עלנט. ער איז ניט צוריק געקומען. האָט ער זיך געשלאָגן קעגן היטלערן? און אפשר? האָט אַ ייד דערהרגעט אַ דייטש און געווען איז עס האַנס? איז ער ביזן טויט געבליבן דער זעלבער? איך ווער משוגע פון וועלן זיך דערטראַכטן. אין די נעכט זע איך זיינע ברידער, מיינע שוואָגערס... דאָרטן אין אונדזער היים... און האַנס?... איך ווייס ניט... איר פאַרשטייט? איך ווייס ניט...

ווידער האָט אַ בליץ אָנגעגאָסן דעם צימער מיט ליכט. אַ דו־נער האָט אַזוי שטאַרק און קורץ אַ זעץ געטאָן, אַזביידע זענען אויפגעשפּרונגען פון די ערטער.

— מיר וועלן דורכגיין די צימערן. אפשר שרעקן זיך די קינ־דער.

לאַנג פאַרהאַלטן זיי זיך אין פינצטערן קאָרידאָר. ביי די קינ־דער איז שטיל. זיי שלאָפן.

— מען דאַרף זיך גיין לייגן — זאָגט שרה — זאָל כאָטש מאָרגן ניט רעגענען. קיין פּיקניק, ווי מיר האָבן פאַראויסגעזען, וועט מען ניט קענען מאַכן.

— ווילן מיר רעפּעטירן מיט די קינדער. מיר דאַרפן צוגרייטן דעם יום־טוב. אַ סך נאָך געבליבן צו טאָן.

גייט שלאָפן, דינה. עס וואַרט אויף אונדז אַ שווערער טאָג.

אין דרויסן אַ צוויטשעריי. אַ געזאַנג פון פייגל. דורך די לאָדן־שפּאַלטן פאַלן פאַסן ליכט.

דינה פראַלט אויף די פענצטער. זי איז נתפּעל פון דעם צע־שטראַלטן פרימאָרגן. נאָך נאַסע גלאַנצן די בלעטער אויף די פאַל־מעס און טאַפּאַלן. רעגנטראָפּנס טריפן פון די נידעריקע קוסטעס. ווייט אין די אַלפּן. איבער די נאָדל־וועלדער, קנוילט נאָך אַ ווייסער נעפּל. זעצט זיך אַלץ נידעריקער. די שפּיצן בערג קומען אַרויס אויף דער ליכטיקער שיין.

דינה שטעלט אָן מוזיק אויפצוּוועקן די קינדער.

צעשמייכלטע עפענען זיי די אויגן, ציִען די גלידער און שפּרינ־גען פון די בעטן. עס ווערט אַ גערודער אין די קאָרידאָרן און וואַשצימערן.

מען וועט היינט אויך אויסנוצן דעם טאָג אויף שרייבן בריוו צו די עלטערן. זשיזעל האָט מזל. זי וועט ניט שרייבן. אירע טאַטע־מאַמע נעמען זייער אָפּרו נאָענט פון דאַנען, וועלן זיי קומען זי זען.

שוין נאָכן פרישטיק. אויפן הויף שפּילן חברה מיט אַ באַלעם. די רעפּעטיציעס וועלן פאָרקומען אין גרויסן זאַל. עסטעל, די רוי־מערין, פאַרענדיקט נאָר וואַשן די דילן. דער ריח פון מיטאָג, וואָס קאָכט זיך אין קיך, גרייכט אַזש אַהער, קיצלט אין נאָז און רייצט דעם אַפּעטיט.

— קינדער, ניט געטומלט. עס ווערט שפּעט. לאָמיר אָנהייבן!

— זשיזעל! ווו איז זשיזעל? מיר דאַרפן זי צום טאַנץ.

— אירע עלטערן זענען דאָ. זיי זענען געגאַנגען זען דעם צימער ווו זי שלאָפט. אָט גייען זיי צוריק.

פאַרן הויז דרייען זיך קליינוואַרג אין אַ הוראַ. אַלבערט, דער יונגהעלפער, האָט אָנגעשטעלט אַ דיסק מיט ישראל־לידער. דרייען זיך די קינדער ווי קליינע חסידימלעך. פאַרהייבן די קעפּ, לאָזן זיך אָפּ, פּאַטשן מיט די הענט און ווידער שליסן זיי אַ קרייז.

די שטיינמאַנס קוקן צופרידענע. זייערע ליפּן מורמלען מיט.

— זשיזעל! זשיזעל! קום אין גרויסן זאַל, מיר וואַרטן אויף דיר.

איילט זי. די עלטערן גייען איר נאָך.

אין די יונגע יאָרן האָט שטיינמאַן געהערט צו דער „באָיוווקע״ פון דער סאָציאַליסטישער יוגנט אין וואַרשע. געווען פון די וואָס זענען געפאָרן קיין פּזשיטיק, זיך אַנטקעגנשטעלן די פּאָגראָמשטשי־קעס. איצט שטייט ער אַ געבויגענער אין ווינקל פון זאַל. קלייבט נחת פון די צעשטיפטע קינדער. קען זיך גאָרניט זאַט אָנקוקן אויף זיין קליינער זשיזעל — דער נס נאָך אָשווינטשים.

דינה בעט זיין שטילער. גיט אַ צייכן.

— „אַ טאַנץ״, ליד פון אליעזר שטיינבאַרג — הייבט רייזעלע אָן און ווערט אַנטשוויגן. פאַרשעמט זיך. דניאל קרימט איר נאָך. אַלע לאַכן. רייזעלע איז גרייט זיך צו צעוויינען.

— נו, מאַר זיך ניט נאַריש — שטופּט זי איר גרעסער שוועסטערל.

— מיר וואַרטן! — זענען חברה אומגעדולדיק.

— פאַרהאַלט אונדז ניט, מיר ווילן גיין זיך שפּילן!

— „אַ טאַנץ״, ליד פון אליעזר שטיינבאַרג — הייבט זי ווידער אָן און קוקט צו קיינעם ניט. רעדט שטיל מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ:

„אויף אַ שטיין, זיצט אַ רעטער מיט אַ כריין.
זאָגט דער כריין: רעטער, פּעטער,
ס׳איז דער הימל אַזוי שיין,
לאָמירביידע טאַנצן גיין!״

הערט שטיינמאַן ווי פּערלדיק עס קלינגען די ווערטער אין רייזעלעס מויל. ער געדענקט גוט, ווי זיין אומגעבראַכט טעכטערל, זלאַטעלע, האָט עס רעציטירט. אַזוי פיל קינדער האָבן געקענט דאָס ליד... אַזוי פיל לערער... אַזוי פיל...

ער נעמט ניט אַרויס קיין טיכעלע. מיטן פינגער, אַז קיינער זאָל ניט זען, פאַרווישט ער די טרערן. חלילה צו צעשטערן דאָ די פרייד.

שרה גייט פאַרביי מיט אַ קעסטל עפּל. זי טראָגט עס צו דעם עסזאַל.

— עס איז שוין די מיטאָג־שעה, — דערמאָנט זי דינהן. — דער מיטאָג איז גרייט.

רייסט מען איבער.

— מאַדאַם האַנס! מאַדאַם האַנס! — רינגלען זי די קינדער אַרום — וואָס האבן מיר היינט אויף מיטאָג „פיורעי" צי „פּאָם־פריט?"

— מאַדאַם האַנס? — פרעגט שטיינמאַן איבער — האָב איך ריכטיק געהערט? מאַדאַם האַנס?

ער ווערט בלייך. זייערע בליקן באַגעגענען זיך. אַ רגע און שרה הייבט אָן גיך צו לויפן. פאַרשווינדט.

די קינדער עסן שוין געשמאַק. דינה באַמערקט אַז שרה איז ניטאָ אין זאַל און זי גייט זי זוכן.

אין איר צימער זי געפונען. אַ באַגאַסענע מיט טרערן זיצט זי איבער דעם ליידיקן קעסטל. די עפּל זענען צעשאָטן איבערן דיל.

— שרה — רעדט איר דינה אויס — באַרויִקט אייך. נישט אייך האָט ער געמיינט. עס האָט אים פאַרוווּנדערט. אפשר עפּעס דער־מאָנט?

— איך וויל וויסן ווי האָט אויסגעזען דער האַנס, ווען ער קען. איך מוז עס וויסן. — כליפּעט זי.

בײַם ים

— איך האָב געמוזט אַלץ ענדערן. מערער ניט געקענט אויס־האַלטן. פאַרשטייסט ?

בײדע זענען געזעסן אויף אַ באַלקאָן פון הילטאָן־האָטעל אין תל־אָביב. אַ לײַכט ווינטל האָט געקנײטשט, גערונצלט דאָס וואַסער אין ים, וואָס האָט געבלישטשעט אין טונקעלן בלוי. ווײַסע כוואַליעס שוים האָבן זיך געהויבן, געשפּריצט און צוגעפאַלן צום ברעג.

מירע האָט ניט געוווּסט, צי וואַרט מלכה אויף אַן ענטפער. געזען אירע אָפענע אויגן, ווי זיי זאָלן קוקן ווײַט פאַר זיך.

— פאַרשטייסט ? — האָט זי איבערגעחזרט — מײַן צעגײן זיך מיט גרישען... אונדזער לעצטע באַגעגעניש... אָבער, אַנטשולדיק. פאַררעדט זיך און דיר ניט געענטפערט. ווען האָט זיך עס אָנגעהויבן? איך ווייס ניט. איצטער פאַרשטיי איך, אַז איך האָב תמיד געזען ווײניקער ווי אַלע. עמעץ האָט געזען אַ סך אויטאָס אויפן בול־וואַר. איך, נאָר די, וואָס זענען געווען נאָענט פון מיר און באַ־וויזן זײַ אויסצומײַדן. איך האָב געוווּסט וואָס איך זע, אָבער קיין מאָל ניט געוווּסט, וואָס איך זע אַלץ ניט.

זי האָט גערעדט לאַנגזאַם, ווי זי זאָל אַליין נאָכטראַכטן, צי איז עס טאַקע אַזוי געווען.

— דאָך — האָט זי ווידער אָנגעהויבן — פאַראַן אַ טאָג, וואָס איך זע אים אַנדערש ווי אַלע. ווען דו, מירע, ביסט געווען אין אַמעריקע, האָב איך שוין געזען ווײניקער. פאַרטריבן דעם געדאַנק פון זיך און דער עיקר אים באַהאַלטן פון פרעמדע.

— ביסט דעמאָלט געווען אַזוי געמיטלער, אַזוי פרײלער — איז מירע איר אַרײַנגעפאַלן אין די רייד — איך געדענק די שפּאַ־צירן בײַם איסט־ריווער, פאַזע די הויכע טאָפּאָלן. די צעשפּילטע וועווערקעס דאָרטן. פאַר די פיס פון די דורכגײער האָבן זײ זיך

געפלאָנטערט און ווידער אַרויף אויף דיביימער. איך האָב קיין מאָל נאָך ניט אָנגעטראָפן אויף אַזעלכע היימישע וועווערקעס.

— אויך איך געדענק. געדענק — האָט מלכה געכאַפּט מירעס האַנט — דעמאָלט האָב איך אויך געזען. אָבער נאָך דיין אַוועקפאָרן, איז עס גיך אַוועק צום ערגערן.

— איך זע, ווי איצטער זאָל עס געשען: די געסט זיצן אין זאַל. גרישע אויך. יעדן טאָג פלעגט ער קומען. גליקלעך בין איך געווען. דאָס גליק אָבער איז געווען געגנבעט. געהאַט דאָס געפיל, אַז צוזאַמען מיט אונדזער טאָכטער לי, זענען מיר ליאָוועס אייגנטום. בין נאָך אַליין אַזוי יונג געווען. ממש ווי אַ קינד, אויסגערעכנט אויף ליאָוועס חסד. ער זאָל וועלן זיין אָפּגענאַרט. איך האָב אַליין ניט געפילט, ווי מיין בליק איז תמיד געהאָנגען אויף גרישען. געכאַפּט זיך ערשט דעמאָלט, ווען איך האָב באַמערקט ליאָווען מיר נאָכקוקן. אוי, האָב איך געציטערט. זיינס אַ וואָרט, אַ זשעסט, איז געווען מסוגל אַלץ צו צעשטערן. ער אָבער איז געווען גוט צו מיר.

ווידער האָט זי זיך פאַרטראַכט און טרויעריק צוגעגעבן — איצטער פאַרשטיי איך ווי גוט ער איז געווען. דאָס גאַנצע לעבן געווען גוט.

אַנטקעגן, ביים נייעם האָטעל „פּלאַזאַ", אין העל־בלויען באַסיין, האָט געשוויבלט מיט מענטשן. זיי זענען אַריין און אַרויס פון וואַסער. זייער טומל און רעש האָט זיך דערטראָגן אַזש אַהער.

— הערסטו מירע? זאָל איך ווייטער דערציילן?

— געוויס.

— די שטימונג ביי די געסט איז געווען אַ היימישע. איך בין אַריינגעקומען מיט אַ גרויסן טעלער פּרוכט. אין גאַנג זיך פאַרטשעפּעט אָן אַ פּאָטעל און געפאַלן.

— „ווידער?" — האָט ליאָווע אויסגעשריִען.

שוין עטלעכע מאָל פריִער געהאַט זיך פאַרטשעפּעט. בין דאָך ניט געפאַלן. דאָס מאָל אָבער געבליבן ליגן אַזוי שווער, אַז מען האָט מיך געמוזט אויפהייבן.

— „וואָס טוט זיך מיט דיר? וואָהין קוקסטו?" — האָט ליאָווע זיך גאָר ניט געקענט באַרויִקן.

— „איך זע דאָך ניט״ — האָט דער צולהעכיס אין מיר אָפּ־געענטפערט. איך געדענק די צעטומלטקייט ביי אַלע און ווי גרישע, באַגאָסן מיט אַ רויטקייט קלייבט די פּרוכטן פון פּאַדלאָגע. איינציקוויז, לאַנגזאַם, צו בלייבן וואָס לענגער געבויגן. אַ דערשראָקענער ברענגט מיר ליאָווע אַ נאַסן האַנטער, צוצולייגן צום צעקלאַפּטן פּוס. מירע טייערע, איצטער אָבער זע איך. ער האָט זיך ניט נאָר דערשראָקן. ער האָט זיך אויך פאַרשעמט. אים האָט פאַרשעמט מיין אומגעלומפּערטקייט.

זי כאַפּט מירען ביי דער האַנט, ניט צו לאָזן זיך איבערשלאָגן.

הער, הער, די פאַרשעמטקייט האָב איך אויך דערקענט אין אים שפּעטער.

— דאָס דאַכט זיך דיר נאָר. ליאָווע האָט דיך זייער ליב געהאַט.

— עס איז ניט אַזוי ווי דו טראַכסט. אינגאַנצן ניט אַזוי. ליאָווע האָט מיך ליב געהאַט. ער האָט זיך אָבער אויך געשעמט. פאַרשטיי. עס געשעט אַ ווייב האָט אַ האַרצפעלער, רעוומאַטיזם, איז זי קראַנק. זיין בלינד, איז האָבן אַ מום, אַ חסרון.

— דאָס האָסטו זיך צוגעטראַכט, מלכה.

זי האָט ניט גלייך געענטפערט. אין דער לופטן האָט זיך צעטראָגן אַ וואָיעניש. אַזאַ יאָמערדיק געשריי, אַז זיי האָבן זיך אַזש פאַרקרימט. דאָס האָט אַ סאַניטאַר־קעטשל פאַרבייגעיאָגט, דערווייטערט זיך, איז געוואָרן שטילער.

— מענטשן וואָס זענען, — האָט זי צעצויגן די ווערטער, ווי זי זאָל זיך יישובן עס צו זאָגן — דערשרעק זיך ניט, מירע. מענטשן וואָס זענען זענען ברוטאַל. זיי ווייסן דאָס ניט. עס איז אָבער אַזוי. איך האָב שוין געהאַט גענוג צייט עס צו דערפילן. בלינדע האָט מען ניט ליב צו האָבן צווישן זיך. קען זיין פאַר מורא זיי זאָלן ניט אומפאַלן, עפּעס צעברעכן. אפשר גאָר צוליב רחמנות? צו וואָס טאַקע זיין מיט זיי, פּונקט דעמאָלט ווען מען וויל זיך אָפּרוען? אַ ביסל צעשטרייען, פאַרווילן? ליאָווע האָט עס אַלץ צוגעזען און אָפּט געווען פאַרשעמט. איך פיל ביסט ניט מסכים. פון וואַנען קענסטו עס ויסן? האָסטו אַ מאָל געהאַט אַזאַ דערפאַרונג? און

גרישע? האָט ער מיך ניט פאַרלאָזט, ווייל איך בין בלינד? איך פאַרענטפער אים. ווייל עס איז ניט לייכט. ער שרייבט אָפּט. בעט מיר גיין צו דאָקטוירים. אַנומלטן זיך ניט געקענט דערוואַרטן אויף מיין ענטפער און געקלונגען פון אויסלאַנד. ווידער געראָטן מיר גיין צו אַ פּראָפעסאָר. איך וועל גיין, האָב איך קורץ געזאָגט. איך האָב אים אָפּגענאַרט. איך וועל מער צו קיינעם ניט גיין. די לעצטע אָפּעראַציע האָט גאָרניט געגעבן. דער פּראָפעסאָר האָט מיר אָפּן געזאָגט: איך מוז געפינען אין זיך דעם כוח צו לעבן אַזוי. דו ווייסט וואָס נאָך? — האָט זי ביטער געשמייכלט — ער האָט מיר פאַר־זיכערט, אַז מיינע אויגן זענען שענער געוואָרן. אמת, איך זע ניט אויס ווי אַ בלינדע? גרישע זאָגט אויך דאָס זעלבע. פאַרשפּאָרן מענטשן אויף מיר אַ ביסל פון זייער רחמנות. ווּעסט לאַכן. איך וווּנדער זיך אַליין. עס טרעפן טעג, ווען איך פריי זיך דערמיט. פיל זיך אַזוי שיין ווי אַמאָל. עס איז אויך אמת, אַז זינט איך האָב שלום געמאַכט, בין איך רויִקער, בעסער ווי פריִער. בין אַ גוטע מאַמע. וואָלט אויך געקענט זיין אַ גוטע ווייב. פאַרפאַלן.

זי האָט אָפּגעהאַקט, ווי זי זאָל שוין האָבן אַלץ דערציילט.ביידע האָבן לאַנג געשוויגן.

— גרישעס אַוועקגיין — האָט זי ווידער אָנגעהויבן שטיל און פאַרטרוילער, דריקנדיק מירעס האַנט אין אירער — יאָ, זיין אַוועק־גיין האָט מיך אינגאַנצן צעטרייסלט. איך האָב געמוזט אָנקומען צו אַ פּסיכיאַטאָר. שעהען פלעג איך זיצן און רעדן פאַר אים. האָט ער מיך געהערט?

עס האָט אויסגעזען, זי וויל עס דערגיין. אויפכאַפּן דעם ענטפער אין דער לופט.

— מירע, הערסטו אַלץ וואָס איך רעד? דאָס זיצסטו אַזוי מיט מיר און הערסט וואָס איך דערצייל? — האָט זי נאָך פעסטער גע־דריקט איר האַנט.

— פאַר וואָס פרעגסטו אַזוי? וואָס פאַלט דיר איין, מלכה?

— אַנטשולדיק מיר. איך בעט דיר, אַנטשולדיק. ווילסטו אפשר אַ טרונק?

— ניין. זאָל איך אפשר דיר געבן צו טרינקען?

מלכה האָט זי צוגעהאַלטן, ניט געלאָזט איר זיך רירן פון אָרט. פון אונטן האָט זיך דערטראָגן אַ בילעריי. אַ הונט איז פאַרביי־געלאָפן. עמעץ הינטער אים האָט גערופן הויך, געפּיפן, געשריִען.

— זיי ניט בייז, מירע. איך בין געגאַנגען צום פּריכיאַטאָר. לאַנג געגאַנגען. ביז נאָך איינעם אַ סעאַנס, בעתן אַרויסגיין, זיך פאַרטשעפּעט אָן אַ פּאָטעל. ווידער אַ פּאָטעל. איך בין געבליבן שטיין אַ פאַרלאָרענע. מאָדנע שטיל איז געווען. מיר איז איינגע־פאַלן, אַז קיינער איז אין צימער ניטאָ. „ווו זענט איר?" — האָב איך הויך געשריען, אַז דער דאָקטער זאָל ערגעץ דערהערן. גיך איז ער צוגעקומען. זיך פאַרענטפערט, אַז ער ווייסט מיין געפיל, פון וועלן זיין זעלבסשטענדיק און ניט געווען זיכער, אַז זיין הילף וועט מיך ניט באַליידיקן. איך אָבער בין שוין צו אים מערער ניט גע־גאַנגען. זאָג אַליין, מירע. ווי אַזוי קען ער מיר העלפן, מיך פאַר־שטיין, אַז ער איז קיין מאָל בלינד ניט געווען? גיב מיר, טייערע, אַ ביסל וואַסער. אויפן בופעט שטייט. אין ישראל דאַרף מען טרינ־קען. דאָקטוירים הייסן אַ סך טרינקען.

— יענער טאָג האָט מיך אַ סך געלערנט — האָט זי ווייטער דערציילט, גלייך נאָכן צוריקגעבן די גלאָז — איך האָב אָפּגערופן לי, ווי נאָר זי איז צוריקגעקומען פון דער אַרבעט. געוויינט אין טעלעפאָן. איר פאַרגעוואָרפן ניט גינציקייט. וויי, וויי, מיין גאַנצן טרויעריקן געמיט אויסגעלאָזט צו איר, נעבעך.

— „ווי לאָזט מען עס אַ מאַמען אַזוי אַליין אין דער פינצ־טער?" — האָב איך געשריִען. גאָט מיין איינציקער, וואָס איך האָב אַלץ אַריינגעשריִען אין טרייבל. ביז איך האָב זיך געכאַפּט, אַז פון יענער זייט איז שטיל. „לי! לי! — האָב איך גערופן. און גאָרניט. קיינער האָט ניט געענטפערט. „לי, דו שרעקסט מיך!" — בין איך געוואָרן פאַרצווייפלט.

— „שרעק זיך ניט מאַמע, האָט זי געהעשעט, ביסט גערעכט".

— שטעלסט זיך עס פאָר, מירע? זי האָט אַזוי ביטער געוויינט און איך האָב ניט אויפגעהערט זיך צו בעטן ביי איר. געזאָגט, אַז מיר איז איינגעפאַלן אַ משוגעת, האָב איך זיך צעפּלוידערט.

— „עס איז ניט קיין משוגעת — האָט זי שוין פריי געבליפּעט

— ביסט גערעכט. איך גיב זיך נאָר ניט קיין עצה. די אַרבעט, די שטוב, דאָס קינד. איך באַוויַיז ניט. וואָס טוט מען? איך באַוויַיז ניט! — האָט זי גאַרניט געקענט זיך באַרויִקן.

— מען קען טאַקע מערער ניט באַוויַיזן, האָב איך זי געטרייסט. און אין דער אמתן? איז עס ניט אַזוי? וואָס קען זי מיר העלפֿן, אַז איך זע ניט? און מענטשן וואָס זעען, זענען שוין גליקלעך? ווײַ, ווײַ, וויפֿל אומגליקלעכע זענען דאָ אויף דער וועלט. בין איך דען איינע? און ווי אַזוי לעבן אַלע בלינדע?

פּלוצלונג האָט זי זיך שטיל צעוויינט.

— איך וויין — האָט זי זיך פֿאַרענטפֿערט — עד היום פֿאַרדריסט עס מיר. אוי, ווי מיר פֿאַרדריסט.

עס איז געוואָרן גאָר הייס. די צווייַגלעך אויף די ביימער האָבן זיך לייכט באַוויגן. די פֿלאַנצן אין די טעפּ געציטערט. מען האָט אָבער דאָס ווינטל ניט געפֿילט.

— אַ העליקאָפּטער פֿליט — האָט מלכה פֿאַרהויבן דעם קאָפּ. אַנגעכאַפּט זיך אָן דעם איבערצוברעכן די דערדריקטע שטימונג.

גאָר נידעריק איבערן ים האָט געראַוישט אַ העליקאָפּטער.

— דאָס היט ער די אַלע, וואָס שווימען — האָט מירע זיך אָנגערופֿן. דאָ איז זייער שיין, מלכה. דער ים איז טונקל־בלוי. דאָס גראָז אַרום האָטעל איז כלערליי גרין. אַ ממטרה באַגיסט עס, שפּריצט ווי מיט זילבער. און די זון אַזאַ ליכטיקע. אָבער זי בריט. פֿילסטו, מלכה, ווי הייס עס איז געוואָרן? פֿון אַלע בענק אין גאָרטן איז מען זיך שוין צעגאַנגען. זיי שטייען ליידיקע.

— אַלע זענען אין וואַסער. אַזאַ היץ איז גוט אין וואַסער. קוק פֿאַר זיך, מירע. זעסטו פֿון דאַנען אַ האַלב־אינדזל? דאָס איז יפֿו. דער קעלנער, וואָס ברענגט אַרויף מיטאָג האָט עס מיר געזאָגט.

— איך קוק און ווייס טאַקע ניט אַז דאָס איז יפֿו. דאָרטן ביים ברעג באַוועגן זיך שיפֿלעך. איינס נאָכן אַנדערן לאָזן זיי זיך אויפֿן ים און די זעגלען פֿאַרשיידנפֿאַרביקע: ווייסע, בלויע, געלע און רויטע.

— אַ דאַנק דיר מירע. דאַכט זיך עס מיר? הערסטו אויך וויינען אַ קינד? זעסטו דאָ נאָענט אַ קינד וואָס וויינט?

— יאָ, אַ קליין מיידעלע, שטייט דאָ ניט ווייט און וויינט. שרייט קולות. די מאַמע שטייט אָבער דערנעבן. זי וויל קאָנטיק ניט צוגיין ביז דאָס קינד וועט אויפהערן אַזוי צו שרייען. זיי וועלן שוין דורכ־קומען.

— און די זעגל־שיפלער? קומען זיי נענטער אַהער?

— ניין. זיי דערווייטערן זיך. גייען אַוועק אַלץ טיפער אין מיטן פון ים.

— עס איז מיר אַזוי גוט צו זיין מיט דיר אויף אַזאַ שיינעם אָרט. איך וועל וועגן דעם שרייבן צו לי מיט יאַקובן און זייער ליכטיק זונעלע. דייווי הייסט ער. הערסטו מירע? דאָס האָט מיין דעמלטיק שרייען אויף לי געבראַכט מיר אויפן געדאַנק צו קומען אַהער. צו פאַרריכטן עפּעס, וואָס עס האָט זייער ניט געטויגט. עס איז טאַקע הייס געוואָרן. קום, מירן אַריינגיין אין צימער.

זי האָט זיך אויפגעהויבן פאַרנומען זיך צו דער טיר. אָנגע־טאַפּט די קליאַמקע און געעפנט. מירע איז נאָכגעגאַנגען.

— ווילסטו אפשר זיך אָפּרוען? צולייגן?

זי אַליין האָט זיך אויסגעצויגן אויפן בעט.

— ביסטו אפשר שלעפעריק? — האָט זי ווידער געפרעגט — איך קען ניט, אָבער אין ישראל שלאָפט מען בייטאָג.

— דו ליג אַזוי. איך וועל זיצן נעבן דיר. ס'איז דאָ קיל.

— איך טראַכט — האָט זי אָנגעהויבן און אויסגעזען ווי אירע אויגן זאָלן קוקן צום באַלקן — צי וואָלט איך געקענט פאַר דיר אַזוי רעדן, ווען איך זע דיך אָנטקעגן זיך. שטעלסט זיך גאָר ניט פאָר ווי גוט מיר איז אַז דו ביסט מיט מיר. איך פיל, איך ווייס, אַז דו הערסט אַלץ וואָס איך דערצייל. מירע, ניט תמיד בין איך אַליין. אָט בין איך היינט מיט דיר. ווען איך האָב באַשטימט אַוועקצופאָרן האָבן די קינדער מיך אָפּגערעדט דערפון. לי האָט עס זייער ניט געוואָלט. זיי זענען ווילע קינדער.

איך בין געזעסן מיט לי. געהאַלטן איר האַנט אין מיינער, אַזוי ווי איך האַלט איצטער דיינע, און איר דערציילט, ווי מיר וועט גוט זיין צו לעבן צווישן יידן. אַז דאָ אין לאַנד איז ליכטיק און וואַרעם. מירע, איך וואָלט געקענט שווערן אַז אין יענעם מאָמענט האָב איך

זי דערזען. געזען איר פּנים, אירע דערשראָקענע פאַרווייַנטע אויגן. אמת, נאָר אַ רגע האָט עס געדויערט, אַן אויגנבליק. שפּעטער, איידער זיי זענען געקומען מיך זען, האָב איך ממש געפּיבערט. געהאָפט, אַז מיין בענקשאַפט, מיין צעצאַפּלטקייט וועט ווידער גורם זיין אַ נס. אוי, ווי איך בענק. אָבער, דאָס האָב איך דאָך געוואָלט אַזוי. געקענט זיין לעבן זיי. זיי הערן רעדן, לאַכן. זיי אָנרירן מיט די הענט. פאַר זיי אָבער וואָלט געווען אַ סך שווערער. בין איך אַוועקגעפאָרן ווייט. בייטאָג איז לייכטער. איך הער אַלץ אַרום זיך. ביינאַכט אָבער איז פינצטער. אַ סך פינצטערער. עס טרעפט, די שטילקייט רייסט מיר אויף פון שלאָף, באַפאַלט מיך אַ ווילן אָריינ־צורופן די דינערין און בעטן איר מאַכן דעם טעלעפאָן־נומער צו לי. איך וויל זי פרעגן: לי, זעסטו גוט? זאָג מיר דעם אמת, דו זעסט ווי פריִער? און דייווי? גיי, מיין טאָכטער, מיטן קינד צו אַ פּראָ־פעסאָר. דו דאַרפסט גיין.

בייס איך מיר די פינגער. אַ באַגאָסענע מיט שווייס שטעל איך מיר פאָר ווי דער טעלעפאָן קלינגט ביי לי אין דער היים. זי ווייסט, אַז ביי מיר איז אינמיטן דער נאַכט. זע ווי צעטומלט זי איז, דער־שראָקן פון מיין פרעגן. דאָס האַלט מיך אָפּ. בלייב ליגן ווי אַ גע־בונדענע ביז איך דערהער די רוימערין זיך באַוועגן אין קאָרידאָר, ווייס איך, אַז עס איז שוין טאָג. גיי אַרויס אויפן באַלקאָן. הער פאַרבייגיין צום ים זיך באָדן. שפּעטער שטעל איך אָן מוזיק. און חזר איבער אין זיך נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל אַז פאַר די קינ־דער דאַרף איך זיין אַ געמיטלעכע, אַ גוט געשטימטע. אַזאַ, וואָס קען זיך אַליין אַן עצה געבן אין לעבן. ווייל פאַר וואָס קומט עס זיי? עס איז אַ שטראָף פון גאָט צו האָבן אַ בלינדע מאַמע.

מלכה האָט מער גאָרניט געזאָגט. מיד געוואָרן. פּלוצלינג זיך אויפגעזעצט:

— אָפּגעלעגן די האַנט — האָט זי אַ קרעכץ געטאָן — די גאַנצע צייט געלעגן אויף איר.

זי האָט אַ צי־אויס געטאָן די הענט. עס האָט דערלאַנגט אַ קלאַפּ. מאָמענטאַל איז זי געבליבן אומבאַוועגלעך. איינגעהערט אין דעם וואָס עס קומט פאָר.

— עס איז גאַרניט — האָט מירע זי באַרוּקט — דאָס טישל האָט זיך אַ רוק געטאָן, איז אַראָפּגעפאַלן דער לאָמפּ. ער האָט זיך ניט צעבראָכן. שוין, עס איז אין אָרדענונג — האָט זי גערעדט, איינשטעלנדיק אַלץ צוריק אויפן אָרט.

— איך בעט דער רוימערין שטעלן דאָס טישל ווייטער פון בעט. און זי טוט דאָס איריקע. פאַרגעסט. אַזוי איז עס. וועלן מיר אפשר אַרויסגיין צוריק אויפן באַלקאָן?

— קום.

מלכה איז אַראָפּ. געלאָזט זיך צו דער טיר. מירע איז איר נאָכגעגאַנגען.

— איך וועל נאָך היינט דיקטירן דעם מיידל, וואָס שרייבט מיר די ענגלישע בריוו. אַלץ וועל איך זיי שרייבן. דערציילן וועגן וווּנדערבאַרן טאָג, וואָס מיר פאַרברענגען צוזאַמען. וועגן בלויען הימל דאָ. מען זאָגט, אַז אין ערגעץ איז דער הימל ניט אַזוי בלוי. איך האָב עס אויך געהערט זינגען אין אַ ליד. איך וועל זיי דער־ציילן וועגן גרינעם גראָז דאָ, דיביימער. וועגן די שיפלעך אויפן ים. זייערע זעגלען זענען רויטע, געלע, ווייסע. האָסט דאָכט זיך געזאָגט, אַז אויך בלויע זענען פאַראַן.

— יאָ, מלכה, אויך בלויע זענען פאַראַן. זיי קומען ערשט נענטער אַהער.

— זאָלן די קינדער אויך וויסן ווי שיין דאָ איז. זיי וועט עס זיכער פרייען. איך וועל אַלץ באַשרייבן, ווען זיי זען ווי גוט מיר איז.

נאָכן לעצטן חשבון

אין אָפּרו־הויז הינטער פּאַריז איז סוזאַן אַן אייגענע. אויסגע־קאָכט מיטן גאַנצן פּערסאָנאַל. זיבן אָפּעראַציעס איז זי שוין אַדורך. גלייך פון שפּיטאָל ברענגט מען זי מיט אַן אַמבולאַנס אַהער. און דאָ לעבט זי אויף.

— וואָס? אין דער היים, אַליין מיטן הונט, איז מיר בעסער?

— פרעגט זי אַלע וואָס רינגלען זי אַרום. — אַ שאָד עס וועט דויערן נאָר איין חודש. איך וואָלט געקענט בלייבן לענגער. אַוועק־פאָרן פון דאַנען שטאַרק ווי אַ שאַנק פון „לעוויטאַן". די שכנים מיינע נעמען אָבער זייערע פעריען, וועט ניט זיין ווער עס זאָל געבן דעם הונט עסן.

זי איז דאַר, הויט און ביינער. ס'פּנים צעקאַרבט. די האָר קורץ געשוירן, פאַלן גלייך און שטייף. זעט אויס ווי זי וואָלט נאָר וואָס אַראָפּ פון אָפּעראַציע־טיש.

אַלע ווייסן שוין, אַז זי איז אַן אַלמנה. אירע צוויי קינדער לעבן, ווי זי, אין קאָלאָמב. זענען רייך, מיליאָנערן. האָבן אָבער ניט גע־קענט דורכקומען ווער עס זאָל אויסהאַלטן די אַלטע מאַמע, וויל זי' זיי ניט קענען. זי האָט פאַרקויפט דעם פּאַוויליאָן, דעם גאַנצן פּלאַץ אַרום הויז. אויף דעם חשבון קריגט זי יעדן חודש צום לעבן. און זאָל פאַר זיי ניט בלייבן קיין ירושה.

זי פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס און ביז די רוימערין ענדיקט וואַשן דעם קאָרידאָר וואָס פירט צום עסזאַל, דערציילט זי פאַר די ניי־געקומענע:

— איין מאָל, גייענדיק צום מאַרק, האָב איך באַגעגנט די טאָכטער. די פיס האָבן מיר אָנגעהויבן ציטערן, די פרוכטן אויף די טישלער טאַנצן פאַר מיינע אויגן. בין איך אַוועק אַן אַ זייט, זיך אָנגעהאַלטן אַן אַ פּלויט ניט אומצופאַלן. קוים דערשלעפּט זיך צוריק אַהיים.

די הויפּט־שוועסטער דערמאָנט, מען זאָל גיין עסן פרישטיק, זאָגט אַז דער פּערסאָנאַל איז געשטערט אין דער אַרבעט. סוזאַן אָבער וויל פאַרענדיקן און נייגעריקע, אַרום איר רירן זיך ניט פון אָרט.

— יענע נאַכט בין איך ניט געשלאָפן. אויף מאָרגן געפילט זיך בעסער. אַ קוק געטאָן אין שפּיגל. „סוזאַן, זאָג איך, עס טויג ניט״.

איך האָב זיך געשטאַרקט, אָנגעטאָן, אַוועק אין דער מערי און אַוועקגעשענקט מיין קערפּער פאַר מעדיצינישע צוועקן. זאָלן מיינע קינדער ניט נאָכגיין מיין לוויה. שוין באַקומען די באַשטעטיקונג, אַז מען וועט מיין קערפּער פאַרברענען. אַלץ דערליידיקט. ניטאָ מער קיין פּראָבלעמען, קיין דאגות. דער לעצטער חשבון איז געמאַכט. כ׳קען שוין לעבן ווי אַ פייגעלע אין נעסט. — פאַרענדיקט זי, פאַרנעמט זיך צום עסזאַל, אונטערזינגענדיק אַ לידל.

אַלע זיצן שוין ביים פרישטיק. ביי זייער טישל האָט פאַרנומען איר אָרט די פרוי מיט די ווייסע, שיינע האָר. אויך די גריכין. זיי עסן. סוזאַן זעצט זיך, לייגט אַוועק איר פּעקל פּאַפּיראָסן נעבן זיך און קוקט צו דער טיר.

— שלאָפט נאָך די געפּיעשטשעטע מאַדאַם — זאָגט זי צו קיינעם ניט. טוט אַ נעם די פּאַפּיראָסן, דערמאָנט זיך אָבער, אַז מען טאָר דאָ ניט רויכערן און לייגט זיי אַוועק צוריק.

די שכנות זעען איר אומגעדולדיקייט. דאָס פעלט איר מאַרגאַריט, די פערטע ביי זייער טישל.

מאַרגאַריטס אַריינקומען באַמערקן אַלע. זי וואַקלט זיך אין גאַנג ווי אַ פאַרשלאָפן קינד.

— גוט־מאָרגן. ניט געקענט שלאָפן די נאַכט. אַ קאָמאַר געווען אין צימער.

זי איז קליין, דאַר. די האָר ווייס, פאַרדרייט אין אַ סך לעקעלער. ווי אַלע איז זי נאָך אין שלאָף־ראָק און שוין געפאַרבט די בעקלער, געשמירט אונטער די אויגן און באַלייגט מיט איר גאַנצער צירונג. דער האַלדז, די הענט, ווי צום גיין אויף אַ באַל.

סוזאַן באַגעגנט זי מיט אַן אַרויסרופנדיקן שווייגן. באַטראַכט

זי פון קאָפּ ביז די פיס מיט חוזק. קוקט אַזוי לאַנג ביז אַלע דער־זעען עס.

— איך בין תמיד געווען שיין — זאָגט מאַרגאַריט פאַרשעמט פון איר קוקן אַזוי — נאָר אַ שאָטן איז פון מיר געבליבן. זעט, אין גאַנצן מיט צען יאָר צוריק האָב איך אויסגעזען אַזוי — באַקומט זי שנעל אַרויס אַ פאָטאָ פון איר קיישל און טראָגט זיי אונטער.

— האָסט דאָך שוין געוויזן — ענטפערט בייז די פרוי מיט די ווייסע, שיינע האָר. איין גאָט ווייסט פאַר וואָס זי איז תמיד בייז.

— שוין געזען — זאָגט העפלעך די גריכין און עסט ווייטער.

— עס בעסער, מאַרגאַריט — נעמט זיך סוזאַן צו איר קאַווע — ביסט שוין אַזוי אויך פאַרשפּעטיקט.

און אַז קיינער וויל ניט זען איר פאָטאָ, קוקט זי אַליין. קוקט מיט אַ מינע ווי זי זאָל שטיין פאַר אַ שפּיגל.

— אוי, ביסטו קאָמיש — שאָקלט סוזאַן מיטן קאָפּ.

מאַרגאַריט הייבט אויף אַ פרעגנדיקן בליק. עפּעס האָט זי יאָ און ניט געהערט. נאָכן לעצטן אַטאַק הערט זי שלעכט. זי לייגט אַריין די פאָטאָ אין קיישל און נעמט זיך צום פרישטיק.

איבערן זאַל טראָגט זיך אַ גערויש. ביי יעדן טישל פאַרברענגט מען.

— דער פּאַרק איז דאָ זייער שיין — וויל מאַרגאַריט אויך פאַרפירן אַ שמועס — שיינעביימער. אַ שאָד עס איז אַזאַ היץ. זיי ליידן. דאָס גראָז אונטער זיי איז ממש פאַרברענט.

קיינער לייגט ניט קיין אַכט אויף דעם וואָס זי זאָגט.

— אין דער היים האָב איך אויך געהאַט אַ גאָרטן. זינט מיין מאַן איז געשטאָרבן צענעמען זיך מיר ניט די הענט עפּעס צו טאָן. עס איז זייער טרויעריק. אַלץ וועט דאָרטן שטאַרבן. איך פאָר ניט מער אַהיים. פון דאַנען נעמט מיך מיין זון צו זיך.

— ביסט גוט געפּיעשטשעט — זאָגט סוזאַן מיט ביטול.

— אין גאַנצן ניט. בעת דער מלחמה צוזאַמען מיט מיין ערשטן מאַן געווען אין דער רעזיסטאַנץ. די דייטשן האָבן אים דערשאָסן. פיר יאָר איז דעמאָלט אַלט געווען אונדזער זון. ווען איך האָב חתונה געהאַט צום צווייטן מאָל איז ער שוין געווען אַ בחור פון

צוואַנציק. ניט לייכט געווען אַלע יאָרן. געדאַרפט אויפהאָדעווען אַ יינגל אָן אַ טאַטן. אים מאַכן פאַר אַ מענטש.

אירע בלויע ליפּן ציטערן. בעתן עסן איז אַראָפּ פון זיי די פאַרב. לאַנגזאַם און איינטאָניק רעדט זי ווייטער. דערציילט איר גאַנץ לעבן. אַ בייזע הייבט זיך אויף און גייט אַרויס די פּרוי מיט די שיינע האָר. דיסקרעט שאַרט זיך אַוועק די גריכין. מאַרגאַריט קומט שוין צו, אין איר דערציילן, צו דעם לעצטן האַרץ־אַטאַק. ביי איר טישל זיצט מער קיינער ניט. אירע אויגן פאַרלאָפן מיט טרערן קוקן צו די וואָס גייען פאַרביי. געשעט אַז עמעץ פאַרהאַלט זיך, בלייבט שטיין.

— איך געדענק קוים. אין שפּיטאָל: די הענט מיט נאָדלען, אין נאָז אַ רערל און איבער מיר מיין זשיראַרדס פּנים. „מאַמע, מאַמעלע, די געפאַר איז פאַרביי. שוין קיין מאָל וועל איך דיך נישט לאָזן אַליין״.

איבערחזרנדיק זיינע רייד, צעכליפּעט זי זיך הויך אויפן קול. וויל דערציילן נאָך, עפּנט דאָס מויל און קען ניט אַרויסברענגען קיין וואָרט. אַרום איר ווערט אַ רעדל.

— זי פילט זיך ניט גוט?

— מען דאַרף רופן די קראַנקן־שוועסטער!

— זי איז קאָמיש! — דערטראָגט זיך צו איר סוזאַנס הויך רעדן פון נעבן דער טיר.

— עס קען דאָך ניט זיין זי זאָל עס מיינען מיך, טראַכט מאַרגאַריט. און עפּעס דאַכט זיך איר, אַז זי זאָל עס שוין האָבן געהערט.

עטלעכע מאָל אין דער וואָך קען מען וויזיטירן די קראַנקע. אין די וואָכעדיקע טעג קומט זעלטן ווער. מענטשן אַרבעטן. זונטיק איז דער פּאַרק פול מיט געסט. די קראַנקע ליגן אויף די אויסלייג־שטולן און אַרום זיי, אויפן גראָז, זייערע מענער, קינדער, פריינד.

צו סוזאַנען קומט קיינער ניט. קוים געפינט זיך עמעץ וואָס על פּי צופאַל איז מען צו יענער אויך ניט געקומען, שפּאַצירן זיי צוזאַמען אין דער אַלייע הינטערן הויז. ביידע גייען געאָרעמט און

שמועסן. סוזאַן דערציילט גאָרניט. אויפמערקזאַם הערט זי אויס דער פרויס צרות. ווען יענע האָט זיך שוין גוט אָראָפּגערעדט פון האַרצן, אַלץ דערציילט, צינדט זי אָן אַ נייעם פּאַפּיראָס אָן דעם וואָס זי פאַרענדיקט. פאָלגט נאָך מיט פאַרזשמורעטע אויגן דעם רויך וואָס זי לאָזט קונציק אַרויס דורך דער נאָז און רופט זיך אָן נאָכטראַכטנדיק.

— טייערע, עס קען תמיד זיין ערגער. מען דאַרף זיין שטאַרק. קענען אויסהאַלטן.

בעת יעדן וויזיט באַווייזט זיך מאַרגאַריטס זון מיט אַ פּעקעלע אין האַנט. זיצט מיט דער מאַמען ביז מען דערמאָנט אים, אַז עס איז שפּעט, מען שליסט שוין דאָס הויז. געזעגנט ער זיך און איילט אַוועק. זונטיק נוצט ער אָבער תמיד אויס די מעגלעכקייט צו קו־מען פריִער. שוין ביים פרישטיק דערציילט מאַרגאַריט, אַז היינט נעמט זי אַרויס דער זון אין אַ רעסטאָראַן אויף מיטאָג.

סוזאַן טוט זיך אַ כאַפּ צו דעם פּעקל פּאַפּיראָסן.

— אוי, ביסטו קאָמיש — שאָקלט זי דעם קאָפּ מיט באַדויער.

— איך? — איז מאַרגאַריט אויסער זיך — דאָס זאָגסטו אויף מיר?

— אויף וועמען דען, פּרינצעסין?

מאַרגאַריט טוט זיך אַ הייב פון אָרט. אָן אַ וואָרט איילט זי אַרויס פון עסזאַל, זעצט זיך אויף דער טעראַסע פונקט אַנטקעגן וועג. אַ צעקלעמטע טרייסט זי זיך מיטן וואַרטן אויפן זון.

די פרויען זיצן שוין אין גאָרטן, קוקן אויס זייערע משפּחות. סוזאַן מיט זיי. פון צווישן דיביימער זעט זי ווי מאַרגאַריט גייט מיטן וועג. אַ שטאָלצע, אַ צופרידענע האַלט זי דעם זון אונטערן אָרעם. ער, דעם קאָפּ איינגעבויגן צו איר, הערט אויפמערקזאַם וואָס די מאַמע דערציילט.

פאַר זעקס דעם זייגער קומען זיי צוריק. דער זון שטעלט אָפּ דעם וואָגן ביים טויער, מיט דער אַלייע באַגלייט ער די מאַמע צום סאַמע טיר פון הויז.

סוזאַן פון ווייטן קוקט זיי נאָך.

— אָט גייט זי די צעפּיעשטשעטע דאַמע.

— זי איז זייער קראַנק — נעמט זיך עמעץ אָן פֿאַר איר.

— איין מאָן האָט זי געפּיעשטשעט. שפּעטער דער צווייטער און איצטער פּיעשטשעט זי דער זון.

— עס איז דאָך איר זון. וואָס האָסטו קעגן דעם?

— גאָרניט — האָקט סוזאַן אָפּ.

ס׳איז דער שבת אויף דער נאַכט, פֿאַר מאַרגאַריטס אָוועקפֿאָרן. ווי יעדע וואָך טאַנצט מען אין גרויסן זאַל. אַ טאָג פֿריִער איז סוזאַן געווען ביים שערער. די נייע פֿריזור מאַכט איר פּנים ווייכער. מען שטעלט אָן מוזיק און די פּרויען דרייען זיך, מיט ערנסטע מינעס וואָס זאָגן: „אַז איך קען שוין טאַנצן, דאַרף איך זיין צופֿרידן״. טייל ווידער שפּילן אַ צולהכעיס מיטן גורל: אָט, טאַנץ איך, כאָטש איך ווייס אַז ס׳וועט לאַנג ניט אָנהאַלטן׳.

שוין צום ווײַפּלטן מאָל עס טאַנצן סוזאַן מיט מאַרגאַריטן. סוזאַן איז דער קאַוואַליער. מאַכט איר דאַמע זיך דרייען, בייגן. מאַרגאַריט שטייט ניט אָפּ. מיט שיינע, גראַציעזע באַוועגונגען פֿירט זי אויס די געפֿאָדערטע פֿיגורן. בייגט זיך רעכטס, לינקס, אַהינטער. אָפּגעטאַנצט פֿירט סוזאַן, מעשה קאַוואַליער, מאַרגאַריטן צום פּאָטעל.

— זיץ, פּרינצעסין.

מאַרגאַריט טוט אַ פֿאַל, האַלט די הענט ביים האַרצן און אָטעמט שווער.

אויף מאָרגן, גאַנץ פֿרי, אָן אויסגעפּוצטע, באַלייגט מיט בראַסליעטן און קייטלעך, זיצט שוין מאַרגאַריט לעבן איר צוגעגרייטן באַגאַזש. איר שטול אָוועקגעשטעלט פּונקט אַנטקעגן דער אַלייע, קוקט זי אויס צום וועג, וויל דערזען דעם זון, ווי נאָר ער וועט זיך באַווייזן אין טויער.

סוזאַן פֿאַרענדיקט איר פּאַפּיראָס, נעמט אַ שטול און זעצט זיך אַוועק לעבן איר. ביידע קוקן צום וועג און שווייגן. עס געדויערט לאַנג.

— זאָג מיר מאַרגאַריט — רופט זיך ענדלעך אָן סוזאַן — איז דיין זון ענלעך אויף דיר? דאָס האָט ער דיין כאַראַקטער?

— מיין זשיראַרד? — פאַרטראַכט זי זיך — אפשר אַ ביסל. איך ווייס? ער איז אַ גוטער מענטש. איך טראַכט, ער איז אַזוי ווויל, אַז מסתמא איז ער מער ענלעך אויף מיין מאַן. ערלעך, פיין געווען זיין טאַטע. אין דער רעזיסטאַנץ אומגעקומען. זיי האָבן אים דערשאָסן, די „באָשן״.

אירע געפאַרבטע ליפּן ציטערן. די אויגן צעגלאַנצן זיך, פאַר־לויפן מיט טרערן.

סוזאַן פאַררויכערט. בעתן אַרויסלאָזן דעם רויך, טרייבט זי אים מיט דער האַנט, ער זאָל ניט גיין אויף מאַרגאַריטן.

ביידע זיצן, רעדן מער גאָרניט.

מאַרגאַריט ווישט אויס די טרערן, קוקט צום וועג. סוזאַן מרו־זשעט די אויגן פאַר זיך, רירט זיך ניט פון אָרט ביז זשיראַרד באַ־ווייזט זיך אין טויער. דערזען אים, טוט זי זיך האַסטיק אַ שטעל אויף און געזעגנט מאַרגאַריטן. זיי צעקושן זיך.

— איך וועל בענקען נאָך דיר — זאָגט סוזאַן שטיל און איילט אַוועק.

דער פּאַרק איז פול מיט פרויען. סוזאַן קוקט ניט צו זיי. איינע אַליין פאַרנעמט זי זיך הינטערן הויז און לאָזט זיך אַוועק מיט דער אַלייע, פאַרגייט גאָר ווייט, ווי קיין מאָל ניט.

דער אורח

ביי די קאָרנפעלדס זעצט מען זיך שוין צום טיש. צייט צו עסן מיטאָג. אומגעריכט אַ קלונג אין טיר.

— לאַזאַר! — שרייט אויס די פרוי קאָרנפעלד בעתן עפענען

— אַ געזונט אויף דיר! גוט דו ביסט געקומען. גיי, גיי צום טיש!

אַליין כאַפּט זי זיך אַריין אין קיך צו ברענגען נאָך אַ טעלער.

— הער נאָר, הער דעם מי שברך, וואָס די בעל־הביתטע מאַכט דאָרטן עמעצן — לאַכט בורשטיין און צעזינגט זיך אויפן קול: מי שברך אַברהם יצחק ויעקב, הוא יברך, ס׳קאַצל־קומט, איך ווייס ניט וועמען!

אַריינגעקומען אין עס־שטוב אויף אַזאַ געזאַנג פון אינגאַנצן אַן אומבאַקאַנטן מענטשן, קוועטשט לאַזאַר מיט די פּלייצעס. קוקט אויף די קאָרנפעלדס, אויפן גאַסט און ווידער אויף די קאָרנפעלדס. וויל דערגיין אַז ווערטער מיט וועמען גייט ער עס צום טיש.

— זייט באַקאַנט — זאָגט קאָרנפעלד — דאָס איז דער דיכ־טער לאַזאַר פינקעל.

— און איך הייס בורשטיין. שמחה בורשטיין.

— זייער אַנגענעם.

זיצן שוין אַלע ביים טיש.

— ווילסטו דאָך וויסן לאַזאַר, ווער עס איז דער־אַ ייִד. ווייסטו שוין, אַז הייסן הייסט ער רב שמחה בורשטיין. איז נעם זיך דו צום גאָפּל־מעסער און הער ווייטער. קיין סך דיר דערציילן האָב איך ניט וואָס. דעם ייִד ערשט נעכטן ביינאַכט באַקענט, בעתן גיין אַהיים.

„איר זענט, זאָגט ער, דער שרייבער קאָרנפעלד, ווי איך ווייס. איך לייען אייך. איר קענט מיך נישט. איך בין אַ פּראָווינצער. קום אַהער פון צייט צו צייט. וווין דאָ אין אַ האָטעל ניט ווייט פון אייך.

גוט איך האָב אייך געטראָפֿן. איך טראַכט טאָקע מאָרגן אַרויפֿקומען צו אייך אויף מיטאָג".

קאָרנפעלד דערציילט באַריכות. בורשטיין עסט בעת־מעשה דעם פּאָרשפּייז. שמייכלט אין טעלער אַריין און שאָקלט צו מיטן קאָפּ. „ס'איז אַזוי" הייסט עס. לאַזאַר איז צעשמייכלט. קאָנטיק עס געפעלט אים די מעשה און קאָרנפעלד זעצט פאָר:

— „מהיכא תיתי, זאָג איך. וואָס אַן אמת זאָג איך, איז מאָרגן אַ וואָכעדיקער טאָג. ווי נישט שייך איז מען דאָך פאַרנומען. וואָלט אפשר גלייכער געווען איר זאָלט אַרויפקומען פּרייטיק צו נאַכט. עס איז געמיטלעכער, רויִקער און מען פאַרברענגט דעם אָוונט צוזאַמען".

— מאַכט אייך ניט קיין צרות — פּאַלט בורשטיין אַריין אין די רייד — איך וועל קומען פרייטיק צונאַכט אויך.

ער פאַרקוקט זיך כלומרשט צום באַלקן. זיין גרוי צוגעשוירן בערדל ציט פאָרויס. זיין גאַנצער אָנשטעל זאָגט אַן ווערטער: טראַכט פון מיר וואָס איר האָט חשק. זאָל זיין.

ביים טיש ווערט הייטער. לאַזאַר לאַכט מיט הנאה. זיין לאַכן ציט דעם גאַסטס אויפמערקזאַמקייט.

— ביסטו אַ פּאָעט — ווענדט ער זיך צו אים — גאָר פיין. איז פון וואַנען נעמסטו זיך אַהער? דאָס ערשטע מאָל אַז איך זע דיך פאַר די אויגן. איך קום דאָך אָפט קיין פּאַריז. קען דאַכט זיך דאָ אַלע טשודאַקעס.

— ניט לאַנג ווי איך לעב אין פראַנקרייך.

— פון וואַנען קומסטו?

— פון מזרח — ענטפערט לאַזאַר אומגערן — ער האָט ניט ליב אַז מען נעמט אים אויפן פאַרהער.

— פון דאָרטן טאָקע. מען לאָזט דאָך ניט אַרויס.

— אַז איך בין דאָ, האָט מען מיר אַרויסגעלאָזט.

— עס איז לאַגיש — נעמט בורשטיין אָן דעם ענטפער און ווערט גאָר ווייניק נתפעל פון לאַזאַרס בולטן באַגער ער זאָל אים אַראָפּלאָזן פון אויג. בורשטיין קוקט אויף אים צודרינגלעך און פאָטאָגראַפירט אים אָפּ.

— אַ יונגער ביסטו, נאָך אַ צוציק, געקומען אַזש פון דאָרטן און אַ ייִדישער פּאָעט דערצו, ביסטו דאָך אויף צרות. ווי באַלד אַזוי, ביסטו דאָך מיינער אַ ברודער, ווייל איך אַזוי ווי איר זעט מיך בין אויך אַ פּאָעט.

— איר שרייבט לידער?

— מיט אַ גאָפּל אויפן וואַסער.

דער עולם לאַכט און ער לאָזט זיך ניט שטערן, רעדט ווייטער.

— אָבער דאָס איז קיין בייז ניט. קיינער האָט דערפון ניט קיין היזק. אַלץ איינס זענען פּאָעטן מיינע מענטשן. איר זעט דאָס הייזל? — נעמט ער אַרויס אַ קאָרטל און ווייזט אַ בילדל אויף דעם — דאָס איז מיינס. איך זאָג אייך אַ צאַצקע! קוקט! אין שטעטעלע איקס שטייט עס. און דאָס שטעטעלע אַליין אַ שיינקייט. אַ קוראָרט איז דאָרטן. ווייסט וואָס? קום אַרויס, לאַזאַר, צו מיר אויפן זומער. וואָס קוקסטו אַזוי? קענסטו דען עפּעס צולייגן דערצו? וואָס קען עס דיר ניט לוינען? דיינע געשעפטן וועלן דאָרטן גיין פונקט אַזוי ווי דאָ. וואָס דאַרפסטו דען מער? וועסט שרייבן לידער. דאַרפסט נאָר אָנקוקן די בערג — רעדט ער אים צו — זען ווי דער וואַר־דאַן פאַלט פון זיי. כ׳בין זיכער, וועסט גלייך אָנשרייבן אַ ליד פון דעם וואַסער. שרעק זיך ניט, פון וואַסער אַ ליד קען אויך אַ מאָל טויגן. אויב עס זאָל דיר דווקא גיין אין דעם וועל איך דיר לאָזן פון מיר אויך מאַכן אַ ליד.

— מיט וואָס... — פּרוּווט לאַזאַר אַריינוואַרפן אַ פראַגע. בורשטיין לאָזט זיך אָבער ניט איבעררהאַקן די רייד.

— איין זאַך איז וויכטיק, דו מוזט זיך צואיילן. דעם ווערדאַן, וואָס פאַלט אַזוי שיין פון די בערג און גייט פאַרביי אונדזער שטע־טעלע, גייט מען אָפּלענקען. עפּעס וועט מען שוין צוטראַכטן צו מאַכן אַ תל פון דער שיינקייט דאָרטן. און אויב מיינסטו טאַקע צו מאַכן אַ ליד פון מיר, דאַרפסטו עס אויך ניט אָפּלייגן. בין איך דאָך שוין אַריבער די שבעים. גיי ווייס וואָס גאָט טראַכט. הכלל, טו ווי איך זאָג דיר. קום אַרויס טאַקע דעם זומער. וועסט זיך מחיה זיין. איך וועל דיך גוט צוזען. דער קינסטלער... ווי הייסט ער דאָרטן? איז שוין אַ פּאָר מאָל געווען ביי מיר. איר וואָלט געדאַרפט אָנקוקן

די בילדער וואָס ער האָט ביי מיר געמאָלן. יעדן קוסט ביים וועג האָב איך דערקענט, יעדעס צווייגל. נאָך אַ מאָלער איז געווען. פֿאַרגעסן ווי מען רופט אים. האָט ער געמאַכט דעם קלויסטערל מיטן גלאָק, פֿינקטלעך. איך זאָג אייך אין גאַנצן פֿינקטלעך. ער האָט נאָך דעם גלח אויך געמאָלן, נאָר ער איז אַ גרויסער פּאַס־קודניאַק, דער גלח.

— איז וואָס טוט אַזאַ ייִד ווי איר — באַווייזט קאָרנפֿעלד אַריינצוּוואַרפֿן אַ פֿראַגע — מיט וואָס באַשעפֿטיקט איר זיך?

— מיט וואָס איך באַשעפֿטיק זיך, — מאַכט בורשטיין אַ קליינע פּויזע, ווי ער זאָל זיך דאַרפֿן דערמאָנען — איך בין אַ „פּוריער". מיט פּוטערוואַרג פֿאַרנעם איך זיך. דו כאַפּ מיר טויזנט מייז, וועל איך מאַכן אַ פּוטערל פֿאַר דיין אייניקל.

דער עולם ווערט אַלץ הייטערער. לאַכט.

— און צוליב וואָס גייט מען אַפּלענקען דעם ווערדאַן?

— געשעפֿטן, ברודער. עפּעס האָט עס צו טאָן מיט אַן עלעק־טראָוניע. ביזנעס. די גאַנצע וועלט איז פֿול מיט געשעפֿטן. איין גרויסער יריד איז די וועלט.

בורשטיין דערפֿילט די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון אַלע און איז צופֿרידן. אים איז גוט אַזוי. איצט צערעדט ער זיך אויף אַן אמת באַריכות וויל ער באַווייזן, אַז ער רעדט ניט סתם. דערציילט וועגן זיינע אייגענע געשעפֿטן. מיט וויפֿל איניציאַטיוו און בריהשאַפֿט ער האָט זיי אויפֿגעבויט. וואָס אַלץ פֿאַראַ אידייען ער האָט געהאַט. און פּונקט ווי אויף צו להכעיס פֿלעגט זיך דער ס'רוב באַקומען קאַפּויער. ווי אַזוי ער אַליין מיט זיינע אייגענע הענט האָט געקענט אין איין ווייַלע מאַכן צו גאָרניט פּרעכטיקע פּלענער.

ער פֿאַרטראַכט זיך, ווי ער אַליין וואָלט עס ביז איצטער ניט געוווּסט, אינגאַנצן ניט באַמערקט.

— נו, איצטער פֿאַרשטייט איר שוין? גלייבט איר אַז איך בין אַ פּאָעט? נאָך אַ נס מיין ווייב, עליה השלום, איז געווען אַ לייט. אַ בריה, אַן אויפֿטוערקע. און אַ סוחרטע איינע אין דער וועלט. אוי, האָט זי זיך אויסגעטויגט! איך וואָלט געקענט אין שלאָפֿצימער אויפֿהענגען אַ שפּיגל פֿון זעקס מעטער, וואָלט זי אים ניט באַ־

מערקט. דערפֿאַר אַ קונה אויף אַ פּוטער האָט זי דערפֿילט פֿאַר מיילן. אָבער אַ שיינע איז זי געווען, אַ שאַנקייט — ער רעדט וואָס ווייטער אַלץ שטילער, פֿאַרטראַכטער, ווי פֿאַר זיך אַליין. — נו, האָט מען אָפּגעלעבט אַ לעבן. און אַז איך וועל אייך דערציילן, אַז זי האָט קיינמאָל צו מיר נישט קיין שמייכל געטאָן, וועט מען עס גלייבן? יאָ, קיינמאָל ניט. — האָט ער זיך אַליין געפּרוּווט דער־מאָנען. — און טרויעריק איז עס געווען אַזוי ווי אין אַ ליד. ווייל איך האָב זי ליב געהאַט. פֿאַרשטייט איר מיך, אַזוי אָפּצולעבן אַ לעבן דאַרף מען האָבן אַן אייגענע פֿילאָזאָפֿיע. אַ גאַר באַזונדערע, אינגאַנצן אַן אייגענע.

ער האָט דערפֿילט די שטילקייט. עס האָט אים גענומען שטערן דאָס וואָס אַלע קוקן אויף אים. האָט ער זיך האַסטיק אַ הייב גע־טאָן פֿון אָרט. זיך אויסגעגלייכט, ווי ער וואָלט געוואָלט זיך אָפּ־שאָקלען פֿון אַלץ, וואָס ער האָט נאָר וואָס אָנגערעדט.

— אָבער עס איז אַזוי ווי איך האָב אייך געזאָגט. דאָס שטע־טעלע איז אַ שיינס. זייער אַ שיין שטעטעלע. קומט צופֿאָרן, וועט איר אַליין זען. איך וועל אייך אַלע זייער גוט אויפֿנעמען. וואָס אַרט עס אייך? איר וועט הנאה האָבן און איך וועל האָבן מיט וועמען אויסצורעדן אַ וואָרט.

אַ בילד צווישן בילדער

ביידע זיצןביים טיש, קעגנאיבער זיך.

זי האַלט אונטער דעם קאָפּ מיט די הענט. די אויגן אַראָפּגע־לאָזט צום בוך וואָס ליגט פאַר איר.

ער זיצט גלייך. דעם קאָפּ הויך. זיין אָדלער־פּנים — פול מיט סוד. די שמאָלע ליפּן — פעסט פאַרמאַכט, ווי זיי וואָלטן פאַר־זיגלט אין אים דאָס שווייגן.

מיט אַן אויטאָמאַטישער האַנט־באַוועגונג פאַריכט ער פון צייט צו צייט דעם בערעט אויפן קאָפּ. זאָל ער זיין אַ ביסעלע קרומלער. אַזוי טראָגט ער אים אַלע יאָרן.

זיין בליק איז אָנגעשטרענגט אויף די בילדער אָנטקעגן.

אויף אַלע ווענט הענגען בילדער: פּייזאַזשן, נאַטורמאָרטן, פּאָרטרעטן.

זי טוט אַ הייב דעם קאָפּ און לאָזט אים באַלד אַראָפּ צוריק. ער פילט, אַז זי האָט אויף אים אַ קוק געטאָן. זייער טרויעריק קוקט זי.

ביז ניט לאַנג צוריק האָט זי אים פאַרגעלייגט אַראָפּצוגיין אויף מאָנפּאַרנאַס. צו מאָל האָט ער נאָכגעגעבן. אָבער אַלץ זעל־טענער. ביז ער האָט אינגאַנצן אויפגעהערט.

— ניטאָ צוליב וואָס.

— וועסט זען מאָלערס, דוד. קענסט דאָרט טרעפן חיימען. שוין לאַנג פון זינט מיר האָבן אים ניט געזען.

ער האָט אויפגעהערט צו ענטפערן.

— דוד, וואָס טוט זיך מיט דיר? זיי ניט אַזוי... מען קען דאָך חלילה... — זי האָט ניט פאַרענדיקט און אָנגעהויבן בעטן: — מען מוז דאָך עפּעס טאָן, טייערער. איך בעט דיך. טאָר מען אַזוי זיצן? פאַר וואָס זאָלסטו זיין אַזוי...

פּאַמעלעך האָט ער אויסגעדרייט צו איר דעם קאָפּ. זי אָנגע־

קוקט. אַ געצווונגענער שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף זיינע ליפּן. ער האָט ווידער געשוויגן.

איין מאָל, אומדערוואַרט, האָט ער ברוגזלעך אַ זאָג געטאָן:

— ווי אַזוי ווילסטו איך זאָל זיין? דו פאַרשטייסט ניט, אַז אויב איך בין אַזוי קען איך ניט זיין אַנדערש?

מיט אַן אומגעדולדיקער באַוועגונג האָט ער מבטל געמאַכט אירע רייד. דערנאָך האָט ער זיך אויפגעהויבן און איז לאַנג אַרומ־געגאַנגען איבערן צימער.

פון זינט דעמאָלט האָט חנה אויפגעהערט צו מאָנען. זי שווייגט, איז אָבער געוואָרן טרויעריקער.

דוד ווייסט; מען קען ניט אָפּשטעלן די צייט. צו וועמען האָבן טענות? ער מוז אָננעמען דעם גזר און טראָגן זיין גורל: כסדר פאַרגעסן און ניט קענען אַרבעטן. ווען ער זאָל קענען מאָלן, וואָלט אים שוין ניט געאַרט צו פאַרגעסן אַלץ, אַפילו אין זיך אַליין.

ווי לאַנג איז שוין פון זינט איך בין ניט אַרויף אין אַטעליע? — פּרוּווט ער זיך דערמאָנען — ווי גלייך אַ סטרונע וואָלט גע־פּלאַצט אינמיטן שפּילן.

דער פאַרגלייך איז אים געפעלן געוואָרן. אַגב, דערמאָנט ער זיך דווקא אַז אַ מאָל האָט ער ליב געהאַט צו שפּילן פידל. די באָבע פלעגט זאָגן, אַז ער וועט זיין אַ גרויסער פידלער. אַ קלעזמער אויף ייִדישע חתונות. שוין דעמאָלט האָט זי זיך געגרייסט מיט דער פרייד וואָס ער וועט ברענגען אויף ייִדישע שמחות.

— זעסטו — טראַכט ער אויף אַ קול — איך בין גאָר געוואָרן אַ מאָלער.

— דערמאָן זיך — רעדט חנה מיט מילדקייט צו אים — יעדע רגע איז דאָך געווען טייער ביי דיר. דו ביסט דאָך אַ קינסטלער פון גאָטס גענאָד. דו טאָרסט ניט זיצן אַזוי.

ער שווייגט. ער ווייסט אַז דאָס וואָס ער וועט זאָגן קען זי נאָך טרויעריקער מאַכן. פאַר זיך טראַכט ער אָבער ווייטער: צי וועל איך שוין קיין מאָל מער ניט קענען מאָלן? האָט ס׳פייער אין מיר זיך פאַרלאָשן? אויב אַזוי איז צו וואָס די רייד?

— צוליב וואָס זאָל איך אַרויפגיין אין אַטעליע?

— הער אויף צו פרעגן. איך בעט דיך. — פלאַצט חנה אַרויס מיט אַ געצוימטן פאַרדראָס און גייט, ווי געוויינטלעך, באַלד איבער אין אַ בעטן זיך: — פּרוּוו, דוד. מעגסט דאָך פּרוּוון.

ער קוקט אויף איר. עס קלעמט אים דאָס האַרץ פון גרויס רחמנות אויף איר. אויף זיך אַליין. ער וויל וויינען און קען ניט. ער דערמאָנט זיך אַז אַ מאָל ווען ער איז געווען אַ קינד, האָט ער געקענט וויינען. די באָבע, עליה השלום, האָט אים איין מאָל פאַר אַזאַ צעוויינען זיך אַריינגעזעצט אין אַ שטייג מיט עופות. ס'איז אים געווען אַזוי גוט מיט די הינער אין שטייג. ער האָט זיך תיכף באַרויִקט.

ער פילט אַז חנהלע קוקט ווידער אויף אים. עס אַרט איר וואָס ער זיצט אַזוי. איר צוליב הייבט ער זיך אויף. זי הערט זיך צו צו זיינע טריט. אָט איז ער ביי די טרעפּ פון אַטעליע. זי האַלט איין דעם אָטעם. וואַרט. ער גייט אָבער פאַרביי פּונקט ווי נעבכטן, ווי אייערנעכטן. ער שאַרט זיך פּאַזע די ווענט, באַטראַכט די בילדער פון גאָר נאָענט. באַטאַפּט זיי מיט די פינגער.

— דאָס ביסטו, חנהלע? — פאַרהאַלט ער זיך פאַר איר פּאָר־טרעט. עס דאַכט זיך אים, אַז זיין קול קומט פון זייער ווייט.

זי קוקט אויפן פּאָרטרעט, אויף דודן, און ווידער אויפן פּאָר־טרעט.

— דאָ בין איך נאָך גאָר יונג, געדענקסט? האָסט מיך געמאָלן באַלד נאָך אונדזער חתונה.

— נאָך אונדזער חתונה?

— שוין אַזוי פיל יאָרן — רעדט זי ווייטער — און דאַכט זיך ווי נעבכטן וואָלט דאָס אַלץ געווען.

זי זעט זיך זיצן אַנטקעגן אים ווי פאַר אַ יונגן גאָט. ער בישופּט מיט זיינע הענט. קוקט אין איר דורכדרינגלעך, ער נעמט זי ממש אַדורך מיט זיין בליק און אויפן לייוונט באַווייזט זיך איר געשטאַלט. אַזוי ניסימדיק־שיין.

— האָב איך טאַקע אַזוי אויסגעזען? — פרעגט זי. — נאָר דו האָסט מיך געקענט אַזוי זען. ביסט אַ גרויסער קינסטלער. בלויז לעבן דיר האָב איך געקענט זיין אַזוי שיין.

זי דערקענט ניט אויף אים צי ער הערט זיך צו וואָס זי רעדט. זי דערמאָנט זיך אין דער צייט ווען אַלע האָבן אים באַוווּנדערט. ער האָט עס אַפילו ניט באַמערקט, אַזוי פאַרנומען איז ער געווען מיט זיין מאָלן.

עס עקבערט זי פון דאָס ניי די שאלה: ווי אַזוי איז עס מעגלעך, אַז נאָך אַזוי פיל יאָרן פון פרייד זאָל יעדער אויסטראָגן זיין צער אַליין? צי איז דער ווייטיק פון ניט קענען שאַפן פונקט אַזוי גרויס ביים קינסטלער ווי זיין כוח צו שאַפן? איך וויל אים דאָך העלפן.

עס שרעקט איר זיין זיצן אַזוי. זי מוז עפּעס טאָן אים צו ראַטעווען.

ער גייט לענג־אויס די ווענט, לעבן די בילדער, אַ גלייכער, אַ פאַרטיפטער, אַ שווייגנדיקער. ער קוקט אין גאַנצן ניט אין איר זייט. ווען עס זאָל ניט זיין אַזוי שטיל — טראַכט ער — וואָלט זי ניט געווען אַזוי אומעטיק. אַ מאָל, ווען איך האָב געמאָלן, האָט זי פאַרשטאַנען מיין שווייגן. איצט איז אַנדערש. די גאַנצע שטוב איז פול מיט אַ קלעמענדיקער שטילקייט.

לאַנג קענען צוויי מענטשן ניט זיצן אַזוי. זיי מוזן רעדן.

— חנהלע — רופט ער זיך אָן מיט אַ צאַרטקייט אין קול — ווען איז געשטאָרבן מיין באָבע?

זי פאַרבייסט די ליפּן.

— מיט דרייסיק יאָר צוריק — באַמיט זי זיך צו ענטפערן.

— מיט דרייסיק יאָר צוריק? און וויפל איז זי אַלט געווען?

— זיבעציק יאָר.

— ווו איז דאָס בילד פון מיין באָבען וואָס איך האָב געמאָלן?

— הענגט אויף יענער וואַנט.

— דאָרט זאָגסטו? איך בין פאַרבייגעגאַנגען און ניט באַמערקט. פאַרטראַכט זיך, ווייזט אויס.

— צוליב וואָס דאַרפסטו דאָס בילד?

— איך וויל אַ קוק טאָן אויף דער באָבען. זי איז דער ווונדערלעכסטער מענטש וואָס איך האָב געקענט. ווען זי האָט חתונה געהאַט איז זי קוים אַלט געווען עלף יאָר. צו צוועלף האָט

זי געבוירן מיין טאַטן. אַ בן־יחיד געווען ביי איר. ווען איך בין געבוירן געוואָרן איז זי שוין געווען אַ רייפע פרוי. איך בין געוואָרן איר צווייט קינד. זי איז באמת געווען אויסערגעוויינטלעך.

— איך ווייס.

— אַוודאי, איך האָב עס שוין מסתמא דערציילט. מיין באָבע פלעגט אָוועקלייגן איר קינד, מיין טאַטן הייסט עס, אין הויף און זיך שפּילן מיט די חברטעס אין שפּרינגלקעס. ווען דאָס קינד האָט זיך צעוויינט, האָט זי עס גיך אָנגעזויגן און ווידער געגאַנגען זיך שפּילן. וויפל זאַגסטו איז זי אַלט געווען ווען זי איז געשטאָרבן?

— זיבעציק יאָר — זיפצט זי אָפּ.

— און ווו זאָגסטו הענגט איר בילד?

— הער אויף צו פרעגן, דוד, האָב רחמנות, הער אויף.

— וואָס אַרט דיך, חנהלע. מען רעדט אַזוי. איך פרעג. דאָס איז דערפאַר ווייל איך פאַרגעס. פאַרשטייסט?

— איך פאַרשטיי.

ער זעט ווי טרויעריק־רעזיגנירט זי לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ. ווידער זיצט ער ביים טיש. איצט קוקט ער אויפן פּייזאַזש. ער וויל זיך דערמאָנען ווי עס הייסט דער קאָלעקציאָנער וואָס איז דאָ נעבכן געווען און געוואָלט קויפן דאָס בילד, ווי סוחריש ער איז צוגעשטאַנען, אים איינגערעדט. אַרויסגעוויזן אַז ער איז גרייט צו באַצאָלן טייער. דוד האָט זיך פאַרקרימט. ער געדענקט ניט גענוי צי דאָס איז טאָקע געווען נעבכן. ער געדענקט נאָר אַז חנהלע האָט געקוקט אויף אים און געפרעגט אָן ווערטער צי ער איז מסכים. אים איז אָבער אַלץ געווען דערווידער. ער האָט געקוקט אויפן סוחר, אויפן בילד און דאָס האַרץ האָט אים געקלעמט. ער האָט גאָרניט ניט געקענט זאָגן, נאָר געדרייט מיטן קאָפּ אויף ניין.

ער האָט מסתמא אַ ביסל צו לאַנג געדרייט מיטן קאָפּ. דער־פאַר האָט אים חנהלע דיסקרעט אַ דריק געטאָן ביי דער האַנט. גע־וואָלט ער זאָל אויפהערן. איצטער וויל ער זיך דערמאָנען ווי דער סוחר הייסט.

— און וואָס איז עס וויכטיק — פאַרענדיקט ער זיין טראַכטן אויפן קול.

— וואָס זאָגסטו, דוד?

— גאָרניט. איך טראַכט אַז עס איז באמת ניט וויכטיק.

זי קוקט ווידער אַריין אין בוך. ער — צום בילד. ווו האָב איך געמאָלן אָט דעם פּייסאַזש? ער דערמאָנט זיך, געדענקט אָבער ניט מיט וויפל יאָר צוריק.

פּלוצעם דערפילט דוד אַ פרייד און עס ווערט אים וואַרעם אויף דער נשמה. די אויגן צעגלאַנצן זיך. דאָס בילד האָט זיך גאָרניט געעלטערט. אַזוי האָב איך עס געדאַרפט מאָלן. נאָר אַזוי. ווי לאַנג איז שוין פון דאַמאָלט? מאַטיס איז שוין געהאַט אַוועק פון די פאָוויסטן. ווי לאַנג האָט בכלל ביי אים געדויערט אָט דער פּעריאָד. אין וועלכן יאָר איז ער אַוועק?

דוד איז צערודערט. ער וויל שוין אַרויפגיין אין אַטעליע אַ זורך טאָן אין זיין ביבליאָטעק. ווי קען מען אַזוינס פאַרגעסן.

— חנהלע — פּלאַצט ער אַרויס און פילט, אַז ער האָט זי אי־בערגעשראָקן. צו האַסטיק זיך אַ הייב געטאָן פון שטול און צו הויך געפרעגט. ער זעט עס אין אירע אויגן.

— גאָרניט, גאָרניט — זעצט ער זיך פּאַמעלעך צוריק — איך קוק אַזוי אויפן בילד. וועגן מאַטיסן האָב איך געטראַכט. וואָס קוקסטו אַזוי אויף מיר? איך האָב דיך איבערגעשראָקן? ביסט בייז?

— פאַר וואָס זאָל איך זיין בייז? וואָס פאַלט דיר איין, דוד?

זי נעמט זיין האַנט אין אירע און פילט ווי קאַלט זי איז.

— פילסטו זיך גוט?

— איך ווייס ניט. אַז נאָר איך פאַרגעס. עס פאַרדריסט אויף זיך אַליין. ווי קען מען אַזוי פאַרגעסן? אָט האָב איך דיך געוואָלט פרעגן... — ער פאַרענדיקט ניט. פאַרקוקט זיך אויפן בילד. אַ לייכ־טער שמייכל שוועבט איבער זיין פּנים.

— עס איז גוט, חנהלע, פאַרשטייסט? נאָר אַזוי האָב איך עס געדאַרפט מאָלן.

ער זעט איר שטוינענדיקן בליק אָבער קען זיך ניט אָפּרייסן פון דעם פּייזאַזש. עס איז אים איצט אַזוי טרויעריק גוט, אַזש עס קלעמט אים דאָס האַרץ פון דעם.

— האָסט עפּעס געוואָלט פרעגן, דוד.

— יאָ, איך וויל פרעגן; וואָס מען טוט אַז דאָס האַרץ איז אַזוי פול. עס ווילט זיך וויינען און מען קען ניט.

חנהלעס פּנים טוט אַ צוק. זי פאַרבייסט די ליפּן. אירע אויגן אָבער צעגלאַנצן זיך, טוען אַ פלייץ מיט טרערן. זי איז אָנמאַכטיק, זי קען ניט אַנדערש. די טרערן קייקלען זיך איבער אירע צע־קנייטשטע באַקן. זי לאָזט טיפער אַראָפּ דעם קאָפּ. פאַלן די טרערן אויפן בוך.

— דו וויינסט? ווין ניט חנהלע, איך פאַרגעס. דו ווייסט דאָך אַז איך פאַרגעס. איך האָב דיר געוואָלט זאָגן, אַז דאָס בילד זעט מיר אויס צו זיין גוט. הער אויף, טייערע, הער אויף וויינען.

— ביסט מיד, דוד, לייג זיך צו, דו דאַרפסט רוען.

— מיד? וואָס טו איך דען? איך מאָל דאָך ניט. איך בין מיד פון רוען. מיר פעלט דער אומרו. דער ברענדיקער אומרו פעלט מיר און גיט מיר ניט קיין רו.

מיט די פינגער ווישט זי אירע פייכטע באַקן. פאַרקוועטשט די אויגן צו פאַרהאַלטן די טרערן. זי האַלט זיין קאַלטע האַנט אין אירער און קוקט אַריין אין בוך, דערוועגט זיך ניט אויפצוהייבן דעם בליק.

דוד זיצט אַ גלייכער, אַן ערנסטער. פון געוווינהייט פאַרריכט ער דעם בערעט אויפן קאָפּ, ער זאָל זיצן קרומלער. אַ ביסל אָנ־געשטרענגט, קאָנצענטרירט, קוקט ער אויפן פייסאַזש.

ער זעט אים איצט אין ליכט פון דער פאַרגייענדיקער זון, וואָס פאַלט דורכן פענצטער.

אַ שמחה

מרימען האָט שטאַרק געלאָקט צו זיין אויף דער שמחה אין מושב. די געגנט דאָרט איז זייער אַ שיינע, אויפן גליל. דער חתן איז בשלום געקומען פון דער מלחמה, איז נאָך דאָפּלט די שמחה. וועט זי זיך פרייען צוזאַמען מיט אירע פריינד.

געקומען אין מושב, אויפן אָרט, איז זי דורכגעגאַנגען אַ טויער געפלאָכטן פון פרישע פּאַלמען־צווייגן מיט בונטן זאַנגען. דער טויער האָט עס טאַקע געפירט צו דעם חתונה־פּלאַץ.

צווישן פאַרשיידנפאַרביקע טישלער זענען געשטאַנען הויכע קוישן בלומען פון כלערליי מינים און קאָלירן. אין דער לופטן זענען געהאַנגען שנורן מיט עלעקטרישע לעמפלעך, זיך געצויגן איבערן גאַנצן פּלאַץ פון בוים צו בוים. הויכע טאָפּאָלן האָבן אָפּ־געגרענעצט דעם שטח פון די גרינע פעלדער, וואָס זענען געלעגן ווייט פאַרשפּרייט, ביזן האָריזאָנט.

פון אַ דערבייִיקער שטוב זענען אַנטקעגן געקומען די מחותנים.

— עמוס! — האָט די מאַמע גערופן — אַ גאַסט פון חוץ לארץ!

דער חתן, נאָך אין די כאַקי־הויזן, מיטן האַמער אין האַנט, האָט געהאַלטן אין צופעסטיקן אַ קויש בלומען אויף דער וועראַנדע. אויך די כלה איז נאָך געווען אין וואָכעדיקן אָנטועכץ.

— איך בין צו פרי געקומען — האָט זיך מרים פאַרענטפערט נאָכן באַגריסן זיך.

— עס שאַדט ניט. אַהער קומט מען ווען דער אויטאָבוס ברענגט. קען מען דען אויסרעכענען גענוי? אַגב איז שוין טאַקע ניט פרי. חברה, איר דאַרפט זיך שוין איבערטאָן. מען וועט שוין אַלץ פאַר־ענדיקן אָן אייך. עס איז דאָ, קיין עין הרע, ווער עס זאָל טאָן. — האָט זי אונטערגעיאָגט חתן־כלה.

פאַרשמייעטע האָבן יונגע בחורים און מיידלעך געטראָגן קוישן און טאַצן עסנוואַרג צו די לאַנגע טישן, פאַזע דיביימער. דאָרטן האָט מען עס געגרייט די בופעטן.

— זייט ניט געשטערט צוליב מיר — האָט מרים געזאָגט — איך זע איר האָט נאָך צו טאָן, וועל איך מיר דאָ שפּאַצירן אַ ביסל, באַקענען אייער דאָרף.

זי האָט זיך פאַרנומען מיט דער דערנעבנדיקער שמאָלער אַלייע.

— מיר זעען זיך אָבער גיך! — האָט די מחותנסטע נאָכגע־שריִען.

— געוויס. איך בין דאָך דאָ.

זי איז געגאַנגען אין שאָטן פון איילבירטן־ביימער. ביים זייט זענען געשטאַנען גרויסע פאַרצוימונגען מיט יונגע קעלבלעך. אַנטקעגן, פאַר איר, ווו די אַלייע האָט זיך געענדיקט, איז געלעגן אַ פעלד. ממטרות האָבן דאָרטן געדרייט, געשפּריצט מיט וואַסער. עס איז איר איינגעפאַלן צו דערגיין ביז אַהין און פאַרשנעלערט דעם טראָט.

אַ ביסל ווייטער, ביי די פאַרצוימונגען האָט זי זיך פאַרהאַלטן. געשטאַנען און געקוקט מיט חידוש, אויף די אינדיקעס, ווי זיי שטופּן זיך איינער אויפן אַנדערן און האַלדערן.

די אַלייע האָט זיך געענדיקט. אַ וועג מיט סימנים פון אַ דורכגייענדיקן טראַקטאָר, האָט געפירט צום פעלד. פון דאַנען האָט אָבער דאָס פעלד אויסגעזען צו ליגן אַ סך ווייטער. זי האָט זיך אַרומגעקוקט. אויך דער חתונה־פּלאַץ איז שוין געווען ניט נאָענט. דאָרטן האָט מען געזען די כלה, שוין אין דער ווייסער חופּה־קלייד, זיך באַגריסן מיט אָנקומענדיקע געסט. האָט זיך מרים פאַרנומען אויף צוריק.

ביים אָנהייב פון דער אַלייע זענען איר אַנטקעגנגעגאַנגען צוויי עלטערע פרויען. שפּאַצירנדיק האָבן זיי זיך פאַרקוקט צום גאָרטן, געשאָקלט מיט די קעפּ און עפּעס גערעדט צווישן זיך. האָט אויך מרים געקוקט ווו זיי. דערווייל האָבן זיך אַלע דערנענטערט

צו אַנאַנדער. צוזאַמען זיך אָפּגעשטעלט, פאַרקוקט אין דער זעל־בער ריכטונג.

— דער וואָס גייט דאָרטן, איז דאַכט זיך דער חתן? — האָט זיי מרים פאַרטשעפּעט.

— יאָ. דאָס איז דער חתן. ער גייט צו אַ חבר — האָט איינע זייער ערנסט געענטפערט — איר זענט דאָס דער גאַסט פון חוץ לארץ. איך הייס רחל. בין אַ שכנה פון די מחותנים. אָט דאָ אין דעם הויז וווין איך. און דאָס איז מיין חברטע עלקע.

עס איז געווען הייס. די זון נאָר אַ ליכטיקע, האָט זיך גערוקט צו מערב. פון אַלע זייטן האָט מען געזען אָנקומען געסט. פאַר־ברוינטע מושבניקעס, יונגע און עלטערע. מיט אויסגעלייגטע, ווייסע קאָלנערס. פרויען עלעגאַנט געקליידט. צווישן אַלעמען זענען גע־לאָפן קינדער. געשפּילט זיך, אַרומגעיאָגט.

— קוקט נאָר ווי גיך דער עולם האָט זיך צונויפגעקליבן — האָט עלקע זיך געוווּנדערט — עס וועלן זיין אַ סך געסט. אַ גרויסע און רייכע חתונה, קיין עין־הרע.

— יאָ — איז רחל מסכים געווען — איר קומט פון פּאַריז?

— האָט זי זיך צוריקגעקערט צו דעם שמועס מיט מרימען — די מחותנסטע האָט מיר טאַקע דערציילט, אַז אירע אַ פריינדין, פון אויסלאַנד, וועט זיין אויף דער שמחה. געדענקסט עלקע? מיר זענען געווען אין פּאַריז.

— צי איך געדענק? אַוודאי געדענק איך. האַרט פאַרן קומען אַהער זענען מיר ביידע געווען אין פּאַריז.

— גיט נאָר אַ טראַכט, שוין מער ווי פיר צענדליק יאָר אַוועק. דאָ, אין דעם מושב זיי אָפּגעלעבט. פאַרשיידנס געהאַט. ניט אַזוי? עס טרעפט און עס פאַלט איין, אָט, מען וועט דאָס לעבן איבער־קליגן. חלילה! — האָבן געציטערט אירע פאַרהאָרעוועטע, אַלטע הענט — היט זיך טאַכטער, היט זיך דאָס צו וועלן. דאָס לעבן רעכנט זיך אָפּ מיט דעם וואָס וויל זיין קליגער פון אים. שווייג איך. צייל ניט די קינדער, ניט די אייניקלעך. פיר זיך „סטאַטעטשנע". בין געהאַרכזאַם צו דעם גורל. אָבער גלייבן גלייב איך ניט קיינעם — האָט זי פלוצלינג אַרויסגעפּלאַצט מיט רייד, וואָס האָבן זיך ניט

געלאָזט פאַרבינדן מיט איר פילאָזאָפירן — איך גלייב ניט אַמע־ריקע, ניט ענגלאַנד, ניט פראַנקרייך. קיינעם אין דער וועלט ניט. נאָר אונדזערע יינגלעך. אויף אונדזערע קינדער פאַרלאָז איך זיך. אַז אַך און וויי, ווי גוט מיר איז, אָבער — האָט זי צעפירט די הענט — אין ברירה. שאַ, אַט איז זיין מאַמע.

ביידע פרויען האָבן זיך איבערגעקוקט און אַראָפּגעלאָזט די קעפּ. באַלד האָבן זיי דערפילט מרימס שטוינען און עלקע האָט אַ ביסל האָפּערדיק צוגעגעבן:

— יפה גייט שוין צו דער חופּה. דער עולם קלייבט זיך.

אַלע דריי האָבן איר נאָכגעקוקט. ניט ווייט פון זיי איז זי פאַר־בייגעגאַנגען. זיך פאַרנומען מיטן וועג וואָס איז געווען ליידיק.

אַ שלאַנקע, מיט אַ פאַרהויבענעם קאָפּ, איז זי געגאַנגען פאָרויס, ווי זי זאָל קיינעם ניט זען. דאָס לאַנגע קלייד האָט זי געמאַכט אויסזען גראַציעז. דער ווינט האָט געטריבן אירע בלאַנדע האָר, וואָס זענען געווען נאָכלעסיק פאַרנומען אויפן נאַקן.

— אַ שיינע פרוי — האָט מרים באַמערקט.

— יאָ — האָט רחל אָפּגעזיפצט — זי גייט עס צו דער חופּה.

אַ סך טישלעך זענען שוין געווען באַזעצט מיט געסט. מען איז אויך געשטאַנען אין רעדלעך און געשמועסט צווישן זיך. טייל זע־נען געקומען פון דערנעבנדיקע ישובים. איז געווען וואָס צו פרעגן, דערציילן.

לעבן בחור, וואָס האָט געהאַלטן די חופּה־שטאַנגען, האָבן זיך געקליבן קינדער, געקלעפּט צו אים.

— יוחנן, לאָמיר אויפשטעלן די חופּה — האָבן זיי זיך גע־בעטן.

— באַלד — האָט ער געענטפערט געדולדיק — דער רב איז נאָך ניטאָ. וואָס איילט איר אַזוי? עס וועט שוין ניט געדויערן. אורי איז אַוועקגעפאָרן ברענגען דעם רב.

די פרויען האָבן זיך דערנענטערט צום עולם. אין גאַנג האָט די אַלטיטשקע רחל דערציילט:

— דאָ אין מושב רופט מען מיך די באָבע. באָבע רחל. איך

האָב קיין עין־הרע, אַ היפּש ביסל אייניקלעך. מיין זון... דער יינגסטער...

זי האָט אָפּגעהאַקט, ווי פאַרטראַכט זיך, צי רעדט זי שוין ניט אַ ביסל צו פיל. עלקע האָט זי טאַקע אַזוי אָנגעקוקט. זי אָבער האָט עס ניט געזען.

— איר האָט געוויס געהערט וועגן קאָמאַנדיר, וואָס איז געפאַלן אויף רמת הגולן? — האָט זי זיך אָנגערופן — אַכט און דרייסיק יאָר איז ער אַלט געווען. איך שווייג, זאָג גאָרניט. שאַ. חלילה... — זי האָט פאַרביסן די ליפּן. מיט אירע ציטערנדיקע פינגער פאַרשטעלט זיך דאָס מויל.

זיי זענען אַלע געבליבן שטיין. געקוקט אויף אַנאַנדער און ניט אַרויסגעזאָגט קיין וואָרט.

— קומט אַרויף צו מיר — האָט זי אָנגענומען מרימען ביים אָרעם — קומט, איר וועט זען זיין פּאָטאָ.

זי האָט זיך פאַרנומען צו איר הויז. מרים איז מיטגעגאַנגען.

— איך גיי צו דער חופּה — האָט עלקע געזאָגט און געגאַנגען ווייטער — זעסט דאָך, דאָרטן זענען זיך שוין צוזאַמענגעקומען אַ סך געסט.

— גיי טייערע, גיי. מיר וועלן נאָר אַ קוק טאָן אויף צביקהן. מיר קומען שוין.

זי האָט פאַרשנעלערט איר טראָט. אָנגעהויבן איילן, גערעדט גיך.

— וויפל וועט עס געדויערן? נאָר אַ פּאָר מינוט. מיר קענען נאָך באַווייזן אים צו זען. אָט גלייך וועלן מיר אַראָפּגיין. קומט, קומט גיך. זיין עלטסטע טאָכטער זהבהלע זיצט איצט דאָרטן.

זי האָט זיך אַ דריי אויס געטאָן, געוויזן צו דעם הויז, איבערן גאָרטן און בעת־מעשה אויך דערזען דעם חתונה־פּלאַץ. ער איז שוין טאַקע געווען פול מיט מענטשן. אַ צער האָט דורכגעשוועבט איר אַלט, צעקנייטשט פּנים. זי איז געבליבן שטיין אַן אַנטוישטע.

— דער רב איז שוין קאָנטיק געקומען — זי האָט שטאַרק אָנגעשטרענגט איר בליק — יאָ, יאָ. ער איז דאָ. איך זע אים. מוזן

מיר שוין אויך זיין דאָרטן. לאָמיר גיין. מיר קענען נאָך חלילה פאַרשפּעטיקן די חופּה.

אַרום די טישלער, וווּ מען איז געזעסן ביי פּרוכטן און גע־טראַנקען, האָט מען זיך געהויבן פון די ערטער. אַלע האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אין איין ריכטונג, אַרומגערינגלט די חופּה.

— אַ שיינע כלה.

— אַלע כלות זענען שיין. זאָל נאָר איר מזל שיינען.

— קיין עין־הרע, זי האָט מזל אויך.

מיטן גאָרטן איז געגאַנגען אַ יונג מיידל. אָפּט זיך אָפּגע־שטעלט, ווי זי זאָל ניט זיין זיכער מיט דעם וואָס זי טוט. פּלוצלינג ווי אומגעריכט דערזען די חופּה, שוין אַן אויפגעשטעלטע און פאַרשנעלערט איר טראָט.

— קוקט גברת, דאָרטן גייט מיין זהבהלע. זי קומט אַהער. דאָס איז זי — האָט רחל אָנגעוויזן.

עס איז געוואָרן שטיל. מען האָט געהערט דעם רבס קול. גאָר הויך אין די ביימער האָבן געזונגען די פייגל.

מרים מיט רחלען זענען צוגעקומען נאָענט, געהייבן זיך אויף די שפּיצן פינגער. אַלעמענס בליקן זענען געווען געווענדט צו דער צערעמאָניע. אויפן פּנים פון הויכן מאַן, ועמען מען האָט אַרויס־געזען צווישן עולם, פון דער אַנדערער זייט חופּה, איז פּלוצלינג אויפגעקומען שרעק. ענערגיש האָט ער צעפירט די הענט, גע־שטופּט די אַלע, וואָס זענען געשטאַנען נאָענט לעבן אים. באַלד האָט ער זיך איינגעבויגן און מען האָט אים מערער ניט געזען. דאָרטן אָבער האָט מען זיך גערוקט, געביטן די ערטער אין אומרו און צעטראָגנקייט. מרים האָט זיך דערשראָקן. דאָס ערשטע איז איר אויפגעקומען, אַז מען דאַרף לויפן. זי האָט אַ פאַרלוירענע געקוקט אַרום זיך. ביי אייניקע טישלער זענען געזעסן עלטערע, מידע מושב־ניקעס. פון ווייטן רויק געקוקט צו דער חופּה. מען האָט ווי פריִער געהערט דעם רב לייענען די כתובה. עס איז אויך ווי פריִער גע־ווען שטיל. אָבער אין שווייגעניש האָט ניט אויפגעהערט דאָס באַ־וועגן זיך אויף דער אַנדערער זייט. צוגעשפּיצט צו דעם וואָס

דאָרט קומט פאַר האָט מרים זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט, געוואָלט אַריבערגיין אַהין. רחל האָט זי אָנגעכאַפּט ביים אָרעם.

— זעט דאָרטן — האָט מרים געפּליסטערט — וואָס איז געשען ?

— ש־ש־שאַ, יפה האָט געחלשט — איר ציטערנדיקע האַנט האָט ווי אַן איר וויסן, פאַרשטעלט זיך דאָס מויל. מיט אַ ווונק האָט זי געוויזן, אַז מען דאַרף שווייגן, ניט שטערן די צערעמאָניע.

דער רב האָט געענדיקט די ברכה. צוגעטראָגן דעם בעכער צו דעם חתנס מויל, דערנאָך צו דער כלהס.

— מזל טוב ! צעבראָכן דאָס גלאָז.

— מזל־טוב ! — האָט דער עולם געענטפערט.

— מזל־טוב ! — האָבן גערופן די געסט ביי די טישלעך, הייבנ־דיק זיך פון די ערטער.

אומבאַמערקט איז געוואָרן טונקל. הונדערטער פאַרשיידנפאַר־ביקע לעמפּלעך האָבן זיך אָנגעצונדן, באַלויכטן דעם פּלאַץ און דעם יום־טובדיקן עולם. גאָר הויך אונטערן אויסגעשטערנטן הימל איז געשוווּמען אַ גרויסע, אַ קיילעכדיקע, די לבנה.

— עס איז קיל.

— יאָ, אַ ווינטל קומט פון די בערג.

— טאַנצט מען ניט ביי אייך דעם מצוה־טאַנץ נאָך דער חופּה ?

— האָט מרים אַ פרעג געטאָן.

רחל האָט אָפּגעזיפצט שווער.

— מען טאַנצט, מען טאַנצט — האָט זי באַלד זיך געכאַפּט צו ענטפערן — אוי, קענען זיי טאַנצן, אונדזערע קינדער. ברוך השם, זיי קענען.

די מחותנים האָבן פאַרבעטן די געסט צו די בופעטן.

יעדער איז צוגעקומען, זיך סערווירט מיט וואָס זיין האַרץ האָט געגלוסט און געטראָגן עס צו אַ טיש, ווו ער איז נאָך פריִער גע־זעסן מיט פריינד און געשמועסט.

— ווילט איר צוגיין צום בופעט ? — האָט רחל געפרעגט.

— ניין, ניט גלייך.

— איז לאָמיר זיך זעצן דאָ ביי אַ טישל. איר זעט, אויף דעם איז אויך דאָ כיבוד.

זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט.

פון דערנעבן זענען צו זיי דערגאַנגען אָפּגעריסענע רייד.

— עמוס מיט שושנהען פאָרן שוין אַוועק די טעג.

— פאַריקע וואָך זענען זיי דאָרטן געווען, זיך צוגעגרייט אַ דירה.

— עס וועט זיי זיין שווער.

— נאָך ווי. אַ נייער מושב. זיי דאַרפן אָנהייבן פון גאָרניט.

— זע נאָר דאָס געוויין — האָט זיך אַריינגעמישט אורי מאַכנ־דיק אַן איבערגעטריבן טרויעריקע מינע — שווער! זייער שווער! האָט אַברהם אָבינו זיין קאַריערע אָנגעהויבן לייכטער?

חברה האָבן אויסגעשאָסן אין אַ הילכיק געלעכטער.

זייער לאַכן האָט געצויגן די אויפמערקזאַמקייט. פון שכנישן טישל האָט מען זיך אומגעדרייט צו זיי און געקוקט פאַרוווּנדערט.

— אַזוי איז דאָס לעבן — האָט איינער אָפּגעזיפצט.

— וואָס קען מען וועלן? יונגע חברה, שפּאַרט פון זיי די פרייד.

אין סאַמע לאַכן האָבן די חברה דערפילט ווי מען קוקט אויף זיי און אויפגעהערט.

מרים איז געוואָרן אָנגעשטעקט מיט אומרו. מיט די אויגן האָט זי געזוכט אירע פריינד. דעם חתנס מאַמען האָט מען געזען אין דער אַנדערער זייט פּלאַץ. זי איז געגאַנגען צווישן די טישלעך, נאָכגעקוקט צי די געסט פילן זיך גוט.

— רחל — האָט זי ניט דרייסט געבעטן — מיר קענען אַרויפ־גיין צו אייך, ווי איר האָט פריִער פאַרגעלייגט.

— מיר וועלן גיין. מיר וועלן אַ קוק טאָן אויף מיין צביקהס פּאַטאָ. איר האָט געזען מיין זהבהלען? פון איר חתן איז זי געקו־מען צו דער חופּה — האָט זי פאַרטרויט מרימען.

זי איז געבליבן זיצן אַ פאַרטראַכטע און נאָך אַ לאַנגן שווייגן גאָר שטיל אָנגעהויבן:

—ביידע יִינגלעך זענען אין זעלבן עלטער. איך געדענק ווען

זיי זענען געבאָרן געוואָרן. ביז יענער צייט זענען מיר שוין אַדורכ־געגאַנגען קאַלט און וואַרעם. אַט די אַלע הייזער וואָס איר זעט האָט מען טאַקע דעמאָלט אויסגעבויט. אַרבעט איז געווען אַ סך. ניט אַרויסצוקריכן. האָבן מיר געהאָרעוועט ווי די פערד. אוי, האָט מען געהאָרעוועט. נו געוויס, מען איז נאָך געווען יונג. פון די גוייִשע גימנאַזיעס, אוניווערסיטעטן געקומען. פון ייִדישקייט גאָר־ניט געוווּסט. אויף אַן אמת גאָרניט. הכלל מען האָט זיך גענומען אויך צו לערנען און דווקא דעם תנ״ך. איר מיינט וואָס? מיר זענען אַזוי פאַרשוואַרצט געוואָרן, אַז עס איז אונדז גוט געווען מיט די רייד פון די נביאים. ווי זאָגט דער נביא עמוס? „אָט קומען טעג און עס וועלן זיך דערנענטערן דער אַקער מיטן שניטער. דער וויינ־טרויבן־טרעטער מיטן זייער״ אוי, איז דאָס געווען אַ צייט, שווער געווען. און שפּעטער האָבן מיר אַליין, מיט אונדזערע אויגן אָנ־געהויבן צו זען ווי זיינע רייד ווערן מקוים. און אינמיטן דערינען אַזאַ פרייד, אַזאַ מזל־ברכה. צוויי ייִנגלעך אין איין וואָך. צוויי מושבניקעס צוגעקומען. האָט מען זיי ביידע אַ נאָמען געגעבן עמוס. ווי דער נביא הייסט. ווי איצטער וואָלט עס געשען, זע איך עס פאַר די אויגן. אין איינעם אַ טאָג זענען זיי ביידע פאַרפאַלן געוואָרן. נאָך פּיצלעך געווען. אפשר אַ יאָר דריי? ווי האָבן מיר זיי דע־מאָלט ניט אויסגעזוכט? דעם גאַנצן מושב געשטעלט אויף די פיס. שוין גאָר שפּעט פאַרנאַכט האָט מען זיי געפונען צווישן די ציגן. גאָר ווייט. ביי די עקאַליפּטוסן. אויסגעוואַקסן צוויי בחורים — דעמבעס. נו, איז געווען אַ מלחמה.

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן. ווי זי זאָל שוין האָבן אַלץ אויסדער־ציילט.

די געסט, געקומענע פון אַנדערע ישובים, האָבן זיך שוין אָנגעהויבן קלייבן אין וועג.

— מיר האָבן נאָך ווייט צו פאָרן — האָבן זיי זיך פאַרענט־פערט.

— מאָרגן דאַרף מען פרי אויפשטיין צו דער אַרבעט.

זיי האָבן זיך געזעגנט און אַוועק.

עס איז געוואָרן שיטערער.

אינמיטן פון פלאַץ האָבן חברה זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד. דער חתן, די כלה, חברים. גאָר שטיל האָבן זיי אָנגעהויבן זינגען.

מדיתנא לך לחברך לא תעשה.

עס האָבן זיך אויך צוגעזעצט פעטערס, מומעס. דער קרייז איז כסדר געוואָרן גרעסער. עס זענען אויך צוגעקומען אַלטע מושב־ניקעס. גרויע פרויען האָבן זיך צוגערוקט מיט זייערע שטולן. אויך רחל מיט מרימען האָבן זיך דערנענטערט. קינדער האָבן זיך אַריינגערוקט אין סאַמע מיטן.

וואָסער ליד עס איז געקומען אויפן זכרון, האָט מען פאַרצויגן און דער גאַנצער עולם האָט עס אונטערגעכאַפּט.

אורי האָט זיך אַריינגעשטופּט אין דער מיט, מיט אַ גאַרמאָש־קע. אין לעבן איז אים געגאַנגען עס זאָל זיין פריילעך. ער האָט צוגעשפּילט, געאַרבעט מיטן גאַנצו גוף, מיט די הענט, מיט די פיס. מיט אַלע כוחות.

אַט האָט מען געזונגען „ערב באהבה" און באַלד „ירושלים של זהב". עמעץ האָט אָנגעהויבן „ערבה". געענדיקט דאָס, האָט ווער זיך דערמאָנט „עם יש עוד פלמחניק כדודו".

איין ליד האָט זיך געפּלאָכטן אין דער אַנדערער. דאָס גע־זאַנג האָט זיך געגאָסן אַלץ העכער, התלהבותדיקער. חברה זענען אַריין אין חסידישן ברען, מען האָט שוין געזונגען מיטן גאַנצן האַרצן, מיט פאַרמאַכטע אויגן. פאַרדבקהט זשעסטיקולירט מיט די הענט אין דער הויך. האָבן הענט זיך באַרירט, באַהאָפטן, גע־האַלטן פעסט צוזאַמען און ווידער זיך אָפּגעלאָזט. זייערע גופים האָבן זיך געוויגט, געדרייט אין עקסטאַז, ווי עס וואָלט זיי געהויבן אין דער לופטן. אַט־אַט און זיי לאָזן זיך אַוועק אין אַ טאַנץ. אַלע זענען אָבער געבליבן צוגעשמידט צו די ערטער, ווי די ערד אונ־טער זיי, זאָל זיי צוציִען ניט צו קענען זיך אָפּרייסן פון איר.

— איז געווען אַ מלחמה — האָט רחל אָנגעהויבן דאַרטן ווו זי האָט געלאָזן דעם שמועס — זענען זיי אַוועק די ייִנגלער.

און ווידער האָט זי אָפּגעהאַקט. געשאָקלט מיטן קאָפּ, באַוועגט מיט די ליפּן, ווי זי זאָל טרויעריק מיטזינגען.

— אָמר רבי עקיבא — האָט עמעץ פאַרצויגן.

— „ואהבת לרעך כמוך!" — האָבן אַנדערע געזונגען.

נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל ניואַנסירנדיק דעם ניגון, איבערגע־חזרט די ווערטער און רחל האָט שטיל מיטגערעדט.

— עמוס מיט שושנהן האָבן חתונה. איז אַ שמחה, גאָט צו דאַנקען. אונדזערע צוויי קינדער. מיר האָבן זיי געהאָדעוועט, גע־זען וואַקסן, ווערן מענטשן, אַרבעטן. עמוס איז צוריקגעקומען אַהיים, ברוך השם. איצטער גייען זיי בויען זייער אייגן לעבן. עס איז אַ פרייד, טאָכטער. אַ גרויסע פרייד. זהבהלעס חתן... אַ וווּנ־דער אַז זיין מאַמע האָט געחלשט? וויפל צער קען אַ מענטש אויס־שטייגן?

— „ואהבת לרעך כמוך!" — האָבן אַלע אונטערגעכאַפּט.

רחל איז שטיל געוואָרן. עס האָט איר פאַרפעלט אָטעם. איינ־געהערט אין געזאַנג האָבן ביידע פרויען געקוקט פאַר זיך. גאָר נאָענט, אַרום דעם באַלויכטענעם פלאַץ, איז געלעגן אַ געדיכטע פינצטערניש.

— זיי זינגען... דאַנקען גאָט דערפאַר... זאָלן זיי זיך אויסזינ־גען... פאַרשטייסט? עס איז געווען אַ מלחמה... וויי, וויי וויפל קינ־דער עס פעלן... און מיין צביקה, ער איז ניט צוריקגעקומען פון רמת הגולן.

זי האָט געפּליסטערט שטיל, מיט לאַנגע פּויזעס. נאָכטראַכטנ־דיק. און געדאַכט האָט זיך, אַז דאָס געזאַנג אַזוי תפילהדיק, פאַר־דבקהט באַגלייט עס אירע ווערטער.

— זהבהלעס עמוס האָט מען פון פייער אַרויסגעצויגן. מען האָט אים געראַטעוועט. אַלץ געטאָן. נו, וואָס? ער ליגט אַ געליימ־טער אויף זיין בעט. קען ניט באַוועגן מיט קיין אבר. ניט אַרויס־ברענגען קיין וואָרט. רעאַגירט לחלוטין ניט. אָבער דאָס האַרץ קלאַפּט און די אויגן קוקן. אוי, די אויגן... גרויסע, ברייט־צעעפנטע קוקן זיי שטאַר אין דער וועלט אַריין. די וועלט...

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן. פאַרטראַכט זיך.

ג

צוויי פּוד ברויט

וואַסיל איז געזעסן אויף אַ זעקל קאָרן, פּאַרטיפט אין זיין אַר־בעט. ער האָט געשניצט אַ שטעקן. דעם צווייג האָט ער אָפּגעהאַקט פון אַ בוים ביים וועג, ווען דער עשאַלאָן האָט זיך געהאַט אָפּגע־שטעלט.

— אַבי מען פאַרנעמט זיך די הענט — האָט ער אַרויסגע־קרעכצט.

געזאָגט האָט ער עס מסתמא צו דער קאַפּיטאַנאָווע מיט האַנען, וואָס זענען נאָר וואָס אַריינגעקומען פון דרויסן.

אַ גאַנצן טאָג זענען ביידע אַרומגעקראָכן איבערן דאָרף. מידע געקומען אויף דער באַזע און געבליבן שטיין אין די מאַנטלען, אַזוי ווי אויף אַ וואָקזאַל. גענוג זיי נאָר אָנצוקוקן און זען ווי קאַלט עס איז.

— ניט מעגלעך צו קויפן — האָט האַנע גערעדט ווי צו זיך אַליין. — זיי ווילן ניט פאַרקויפן. מען זאָגט אַז עס וועט נאָך ווערן טייערער.

— געוויס וועט ווערן טייערער. עס לייגט זיך אויפן שכל, אַז מען דאַרף קויפן אַ ביסל ווייץ — האָט וואַסיל אָפּגעענטפערט ניט אָפּרייסנדיק דעם קאָפּ פון דער אַרבעט.

— דאָס זאָג איך דאָך. נו, איז ניטאָ ווו צו קריגן.

אין די ווינקלען און ביי די ווענט אין באַזע, האָט מען פונ־דעסטוועגן אָנגעשטעלט פיל טאָרבעס, זעקלעך פון פאַרשיידענער גרייס. דאָס האָבן די פאַרשיקטע געקויפט ווייץ ביי די קאָלכאָזני־קעס. אָוועקגעגעבן דערפאַר מלבושים, וועש, בעטגעוואַנט, וואָס נאָר עס האָט זיך געלאָזט.

שוין עטלעכע מאָל האָט אויך אסתר אַ טראַכט געטאָן אַרויס־צוגיין אין דאָרף. זי וואָלט גערן אָוועקגעגעבן איר זומער־מאַנטל. נאָך אַ גוטער מאַנטל. די שרעק פאַרן הונגער מאַכט אומרויִק. אָן

אמתע פּאַניק צווישן די פּאַרשיקטע. קען זי אָבער ניט לאָזן איטעלען. דאָס קינד איז קראַנק. זיך פּאַרקילט אין וועג און ליגט מיט גרויסן פּיבער. שוין עטלעכע מאָל געווען דער פעלדשער פון דער קאָל־כאָזנער באָלניצע.

יעדעס מאָל וואָס ער קומט, קוקט ער מיט מיטלייד. זעט אויס אַליין באַאומרויִקט.

— איך ווייס ניט וואָס עס איז — זאָגט ער קוקנדיק אַריינגע־געטראַכט אויף דער קליינער.

וואַניושקעס טויט האָט נאָך מער געשראָקן אַלעמען אויף דער באַזע. מען האָט מורא געהאַט פאַר נאָך אַ פאַל פון דיפטעריט. קיין איינשפּריצונגען זענען ניט געווען. אסתרן האָט עס פאַר־צווייפלט.

— עס זעט דאָך ניט אויס — האָט געזאָגט דער פעלדשער — זי הוסט ניט, אין האַלדז איז ריין.

ער גייט אַוועק און זאָגט־צו צו קומען גאָר גיך. מען שמועסט, אַז ער אַליין איז אויך אַ פּאַרשיקטער.

אין אַ מאָמענט, ווען די קליינע איז געשלאָפן, האָט זיך אסתר דאָך אָנטשלאָסן אַרויסצוגיין.

פונקט אַנטקעגן דער באַזע האָט געוווינט דער „יעדנאַליטש־ניק" סטיעפּאַנאָוו. דער טויער ביי זיין הויף, וואָס איז דער העכסטער אין דאָרף, איז שטענדיק פאַרהאַקט.

שכנים זאָגן, אַז סטיעפּאַנאָוו איז אַ שטרענגער, אַ בייזער. אַז אַפילו זיין אייגן ווייב און קינדער ציטערן פאַר אים. פון קאָלכאָז האַלט ער ניט. איז אים מבטל. ער וויל פון אים ניט הערן, דער־מאָנט אים קיין מאָל ניט, ווי אַזאַ זאַך וואָלט לחלוטין ניט עקזיס־טירט.

אסתר איז אַרויס אין גאַס. אַ צעטראָגענע געשטאַנען פאַר דער באַזע און ניט געהאַט דעם מינדסטן אַנונג וואָהין צו גיין. זי האָט אָנגעקלאַפּט אין נאָענטסטן טויער, ביי סטיעפּאַנאָון.

געעפנט האָט אַן עלטערע פויערטע מיט אַ רעשעטע אין די הענט. זי האָט פונקט געשאָטן קערנער פאַר די עופות.

— וואָס דאַרפסטו? האָט זי נאָכלעסיק געפרעגט.

— איך ווין דאָ אַנטקעגן, אויף דער באַזע. איך וויל אייך פרעגן, אפשר קריג איך ביי אייך ווייץ צו קויפן.

— מיין באַלעבאָס, מיין מאַן, האָט מיר געזאָגט: „גענוג!". מער קיין ווייץ זאָל איך ניט פאַרקויפן. פריִער האָבן מיר יאָ פאַר־קויפט, אויסגעביטן. מען קומט אָבער נאָכאַנאַנד מיט וועגענער פון שטאָט. אַלע זוכן ברויט. די פאַרשיקטע קלאַפּן אָפּ די שוועל. ניט פאַרקויפן — האָט מיין באַלעבאָס אָנגעזאָגט. ניין, ניטאָ קיין ווייץ.

האָט זיך אסתר פאַרנומען צוריק.

אין טיר פון פירהויז האָט זיך אַריינגעשטעלט אַ באַיאָרטער מאַן.

— ווייב, וואָס וויל די פרוי?

— ווייץ — האָט די אַלטע געענטפערט.

אסתר האָט זיך מיט אים באַגריסט.

— פון וואַנען קומסטו?

— פון פוילן.

— אַ פאַרשיקטע?! — האָט ער האַלב געפּרעגט און האַלב זיך אַליין געענטפערט.

— יאָ. דאָ אַהער אויף דער באַזע האָט מען מיך געבראַכט. איך ווין דאָ אַנטקעגן.

— דיין מאַן אין טורמע, ווי עס פירט זיך. דו זוכסט ברויט. ביסטו אַליין?

— ניין. מיט אַ קינד.

— פאַרוואָס האָסטו זיך אַזוי שפּעט אויסגעקליבן?

— דאָס קינד איז מיר קראַנק. דער קאָפּ ניט דערביי.

— וויפל ווילסטו ברויט?

— איך וואָלט געקענט קויפן אַ צוויי פּוד. פאַר געלט. איך האָב אויך אַ מאַנטל אויסצובייטן.

— האָסט אַ זעקל. וועג אָפּ צוויי פּוד ווייץ — האָט ער באַ־פוילן דער ווייב.

— ניין, באַלעבאָס, קיין זעקל האָב איך ניט. איך וויל אייך

באַצאָלן און שפּעטער, אַז מיין קינד וועט זיך פילן בעסער, וועל איך קומען מיט אַ זעקל נאָך דעם. וויפל דאַרף עס קאָסטן?

— וויפל האָבן מיר דעם לעצטן מאָל אָפּגעלייזט פאַר אַ פּוד?

— האָט ער זיך געוואַנדן צו זיין ווייב און באַלד, נישט געוואַרט אויף איר ענטפער — אַכט רובל, ווי איך געדענק. קיין געלט דאַרפסטו מיר איצטער ניט געבן. ווען דו וועסט קומען זוכן דאָס ברויט, וועסטו ברענגען געלט. קום מיט זעכצן רובל און פאַרגעס ניט צו ברענגען אַ זעקל. איך וועל דיר באַרגן אַ וועגעלע דאָס צו־צופירן.

אסתר האָט זיך אַליין ניט געגלייבט, אַז עס איז אַזוי גיך און גוט געשען. גיך דערליידיקט, איז זי געלאָפן צוריק אַהיים.

אויף דער באַזע האָט זי קיינעם ניט געטראָפן. איין האַלינע איז געזעסן אויף איר פּאַק בעטגעוואַנד און געשריבן. כסדר זי שרייבט בריוו.

איטעלע איז נאָך אַלץ געשלאָפן. זי האָט אויסגעזען רויט, די ליפּעלעך פאַרטרינקט. קאָנטיק אַז די היץ איז געשטיגן.

אַ הילפלאָזע, אַ באַזאָרגטע האָט זיך אסתר איינגעמאָשטשעט צופוסנס פון בעטל. דעם קינדס שלאָפן האָט איר געשראָקן.

אַ צעקלעמטע האָט זי אויך איינגעדרעמלט.

געזען האָט זי, גאָר מאַשקען טאָפּטשען אויף האַלינעס פּעק. פּלוצלינג איז זי פון זיי אַראָפּגעשפּרונגען און אַן אויפגערעגטע געבליבן שטיין אינמיטן שטוב. פון איר גאַנץ וועזן האָט געיאָגט אַ פאַרדראָס. מיטן פוס האָט זי געשטופּט, געבראָכן האַנעס מולטער. זי האָט געשריגן, געוואָלדעוועט. אָבער קיינער האָט איר ניט גע־הערט. אסתר האָט געדענקט אַז זי ליגט אויפן בעט. עס האָבן איר געשראָקן מאַשקעס ווילד געוואָרענע אויגן. האָט זי אַלץ טיפער און טיפער געגורעט זיך אין קישן געוואָלט בלייבן אומבאַמערקט. מאַשקע האָט זי יאָ דערזען און מיט געביילטע פויסטן געלאָזט זיך צו איר.

— וואָס האָט איר געהאַט צו מיר? — האָט זי געוויינט אין איר פאַרצווייפלונג — ערגער ווי גזלנים זענט איר! ווער האָט עס אַזוי פיל פאַרמעגנס? אַזוי פיל גוטס ווי איר? פּריצים. בורזשויען! ווי

ברענגט מען עס אַן אַזוי פּיל קישנס און פּערענעס? דער טייוול האָט אייך געבראַכט אַהער. מיט קעלט, מיט פראָסט, מיט אומגליק אין אייער רייכטום, אין אייער האָב און גוטס, זענט איר געקומען אויף מיין בידנער דאָליע. אָנגעשלעפּט אַ קעלט און קראַנק געמאַכט וואַניושקען. פאַרקילט מיין אָרעם יינגעלע. אַ ליכאַ! אַ ליכאַ! וואַניושקע, טייבעלע מיינס! — האָט זי געבליפּעט.

אויף כוח האָט זיך אסתר געריסן פון בעטל. שווער איינגעשלאָפן, געהאַט אַ קאָשמאַר.

איטעלע איז געלעגן אַ צעפּלאָמטע מיט פאַרטריקנטע ליפּעלעך. אין דערבייאיקן צימער איז נאָך אַלץ האַלינע געזעסן אויף אירע פּעק און געשריבן בריוו.

*

אין איינער אַ נאַכט האָט אסתר אין שלאָף דערפילט אַ נאַסקייט אונטערן קאָפּ. דאָס האָט איר אויפגעוועקט. זי האָט אָנגעטאַפּט איטעלען. די קליינע איז געווען קאַלט. אַ צעטומלטע האָט זיך אסתר אָנגעבויגן איבער איר און געהערט אַ שוואַך אָטעמען.

אָנגעצונדן דאָס ליכטל, האָט זי געזען אַז דאָס גאַנצע קישן איז באַגאָסן מיט אַ געלער קלעפּיקייט. איטעלע איז געלעגן בלייך און אויסגעשעפּט. פון איר אויערל איז גערונען ראָפּע.

— דו האָסט גליק — האָט נאַטאַליע אויף צומאָרגנס אין איר אַריינגערעדט — ווען די ראָפּע צעגיסט זיך אין קעפּל, איז שוין נאָך איר. איצטער איז שוין גוט. זי וועט שוין לעבן. זאָיקע, מיין יינגסט אייניקל, האָט געהאַט פּונקט אַזאַ חתונה צום יאָר. פּונקט אַ יאָר איז זי דעמאָלט אַלט געווען. איצטער איז זי שוין צוועלף. אַ מויד — אַ ריז. וואָס זאָל מען טאָן? פון די אויערן רינט נאָך אַלץ. טויב איז זי ווי די וואַנט. עס איז אָבער גאָרניט — אַ „זאָלאָטוכע".

*

דער ווינטערדיקער טאָג איז קורץ. די קעלט עסט זיך איין אין די ביינער. פאַרנאַכטלעך איז אסתר געקומען נאָך דער אַרבעט פון

„זאַגאַטזיערנאַ". געפּרווּוירן און מיד. אין שטוב האָט זי געטראָפן נאָר אַגאַפיען מיט איטעלען.

— ווּ איז חנה? — האָט זי געפרעגט.

— חנה האָט אַוועקגעאײַלט מיט חיימקען צו מאַנטעראָווען אין קעלער. זיי זענען אַוועקגעגאַנגען איבערקלײַבן דאָס ביסל קאַרטאָפל, וואָס איר האָט דאָרטן ליגן. געוועז מישקע אָנזאָגן, אַז זיי ווערן פאַרפרווירן. מען קען עסן געפרווירענע אויך — האָט זי גלייך צוגעגעבן — זיי טאָרן נאָר ניט אָפּגיין. — אַזוי ווי זיי זענען פאַרפרווירענע, האַרטע, דאַרף מען זיי באַגיסן מיט קאַלט וואַסער און צושטעלן צום פייער, בלייבן זיי ווייס. קוים לאָזט מען זיי אָבער פריִער אָפּגיין, ווערן זיי ווי קישקעס און בלייבן שוואַרץ נאָכן קאָכן.

— אַבי מען קען עס נאָר עסן — האָט אסתר אַ גלײַכגילטיקע צוגעשטימט. און באַלד אָנגעהויבן דערציילן אַגאַפיען, אַז זי האָט געהערט פון די גרוזשטשיקעס, ביי דער אַרבעט, וועגן אַרעסטן אין דאָרף און אין ראַיאָן.

— מען האָט אַרעסטירט דעם פּרעדסידאַטעל פון קאָלכאָז, דעם פּרעדסידאַטעל פון „סיעל-פּאָ" און אַנדערע פון דער געגנט אַרום. מען ווייסט וועגן מיסברויכן מיט ברויט. וועגן אַ וואַגאָן צוקער, וואָס איז אַרויס פון פּעטראָפּאַוולאָווסק. צום אָרט איז ער ניט דערגאַנגען, אין וועג ניט געבליבן, און צוריק ניט געקומען.

— ווער ווייסט אָבער צי די וועמען מען האָט איינגעזעצט זענען טאַקע די שולדיקע — האָט אַגאַפיע באַמערקט גאָרניט איבערראַשט — שוין אָפּגעקילט דער איווון אין שטוב. אַ ביטערע קעלט — איז זי גלייך איבערגעגאַנגען צו ענינים וואָס דאַקוטשען איר.

— אַגאַפיע! אַגאַפיע. ביסט דאָ? — דאָס האָט באַיאָווע אַן עפן געטאָן די טיר און זי גערופן — אַגאַפיע, ווילסט זיך אויספּאָרען? עס איז געהייצט ביי מיר די באָד! פאַראַן נאָך וואַסער אין קעסל. נאָך אָנגעגליט די שטיינער. גיי, וועסט הנאה האָבן.

דורך דער אָפענער טיר האָט זיך אַרײַנגעריסן אַ קעלט. אַגאַפיע איז טאַקע גיך אַנטקעגן געלאָפן באַיאָווען.

— שטיל זיי, בוריק, — האָט זי זיך געבעסט אויפן בילנדיקן

הונט — דערקענסט שוין ניט קיין שכנה. באַלד האָט זי געכאַפּט דאָס פּעלצל אויף זיך און אַוועקגעלאָפן צופרידן פון דער אַזוי־גוטער געלעגנהייט.

אסתר האָט אַרויסגענומען די עטלעכע קאַרטאָפל וואָס זענען אַ גאַנצן טאָג געשטאַנען אין אויוון. דאָס ביסל ציקאָריע, אין טשי־הונטשיק, איז נאָר אויך געבליבן לעבלעך. זי האָט זיך געזעצט מיט איטעלען צום טיש.

— עס, טעבטערל, עס — האָט זי געמונטערט דער קליינער

— הער נאָר, בורעק בילט שוין ווידער. ווער קען עס איצטער גיין צו אונדז?

אין דער נידעריקער טיר האָט זיך באַוויזן אַ הויכוווקסיקער מאַנצביל.

— גאָט־העלף! — האָט ער געזאָגט, אָפּטרייסלענדיק דעם פּראָסט פון פּעלץ — ביסטו טאַקע דאָ. דערקענסט מיך ניט, ווי איך זע. סטיעפּאַנאָוו בין איך. דערמאָנסטו זיך שוין?

— אַהאַ, יאָ. איך דערקען אייך. געוויס קען איך אייך. זיצט. זעצט אייך. עס איז שוין טונקל אין שטוב. קוים מען זעט טאַקע.

— און אַז דו האָסט ביי מיר געקויפט ווייץ, דערמאָנסטו זיך אויך? געדענקסט דאָס קינד איז דיר דעמאָלט קראַנק געווען? דאָס איז זי? שוין אַ היפּש מיידל. זאָג מיר נאָר, פאַר וואָס ביסטו ניט געקומען נאָכן ווייץ?

אסתר, אַן איבערראַשטע, האָט געקוקט אויף אים און גע־שוויגן.

— וואָסי? דו האָסט אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז דו האָסט גע־קויפט ביי מיר ווייץ?

— יאָ. דעמאָלט... שוין לאַנג צוריק... — האָט זי געשטאַמלט — איך בין געווען ביי אייך... — זי האָט ניט געוווּסט וואָס אים צו זאָגן — יאָ, יאָ, ווען דאָס קינד איז מיר קראַנק געווען. און נאָכ־דעם... ביז איך האָב זיך אַרומגעקוקט, איז דאָס ברויט אַזוי מורא־דיק געשטיגן... באַצאָלט האָב איך ניט... איז... האָב איך ניט גע־וואַגט...

— טשוראַטשקע — איז סטיעפּאַנאָוו איר אַריינגעפאַלן אין

די רייד — און ווען ווייץ זאָל ווערן אַ מיליאָן אַ פּוד, וואָלט סטיעפּאַנאָוו געביטן זיין וואָרט? דו האָסט דאָך מיר געוואָלט באַ־צאָלן, דערמאָנסט זיך? דאָס האָב איך דאָך געזאָגט, אַז ווען דו וועסט קומען נאָכן ווייץ, וועסטו ברענגען דאָס געלט. זעכצן רובל דאַכט זיך, נישט אַזוי?

— יאָ — האָט אסתר געקוקט אויף אים ניט זיכער מיט דעם וואָס זי הערט.

— שוין לאַנג ווי איך זוך דיך אַרום. געזען דו ווייזט זיך ניט, האָב איך געמיינט מען האָט דיך פאַרשיקט אין „טרוד־אַרמיע". שפּעטער דערמאָנט זיך אַז דו האָסט דאָך אַ קינד. קוים זיך דער־קליבן צו דיר. איך פרעג ווו איז די פּאָליאַטשקע מיטן קינד? זאָגט מען מיר, אַז אַזאַ איז ניטאָ. מסתמא מיין איך עס די יעווריקע מיטן קינד. זע איך אַז עס איז ניט צו דערגיין קיין טאָלק, זאָג איך זיי קורץ: זאָל זיין אַ פּאָליאַטשקע, זאָל זיין אַ יעווריקע. מיט איין וואָרט, איך זוך אַ פאַרשיקטע מיט אַ קינד. ווו איז זי? האָט מען מיר אָנגעוויזן אַהער. זעסטו, אַזוי פיל צייט שוין אַוועק. אָבער פאַרט דיר געפונען. קום מאָרגן, ברענג זעכצן רובל און נעם צו דיין ווייץ. זינט דו ביסט געווען שטייט עס אָפּגעוויגן.

סטיעפּאַנאָוו האָט זיך איבערגעצלמט אַנטקעגן דער איקאָנע, אין ווינקל. געזאָגט אַ גוטע נאַכט. שוין ביי דער טיר, האָט ער זיך פאַרהאַלטן.

— פאַרגעס ניט צו ברענגען אַ זעקל — האָט ער אָנגעזאָגט און איז אַוועק.

שרעק

חנה איז איינע אַליין געווען אין דרויסן. קיינעם האָט מען ניט געזען. זי איז געגאַנגען מיטן קאָשיק, פּאַזע דעם געפלאָכטע־נעם פּלויט און געקליבן די דינע ריטלער וואָס זענען פון טריקעניש אָפּגעפאַלן.

דער טאָג האָט זיך געשטעלט אַ ליכטיקער. אַ בלויער, לויטערער הימל איז געהאַנגען איבערן דערפל. אין דער דורכזיכטיקער לופט האָט נאָך שוואַרצער אויסגעזען דער פינצטערער רויך, וואָס האָט געיאָגט פון קורילקעס קוימען. מען האָט דאָרטן געהייצט מיט מיסט.

חנה האָט געקליבן די שפּענדלער פּאַמעלער, מיושבדיק. די קינדער זענען נאָך געשמאַק געשלאָפן. אסתר איז שוין געווען אַוועק אויפן „זאַגאָט־זיערנאָ״. נאָך גאָר פרי געווען, האָט זיך חנה ניט געאיילט.

מיטן אויג האָט זי געמאָסטן די ריטלער אין קאָשיק. געזעז אַז קיין גרויסעס וועט זי פון דעם ניט האָבן, האָט זי זיך געלאָזט גיין צום טיפן ראָוו, וואָס איז געלעגן ביי דער אַנדערער זייט ברונעם.

די ערד אין ראָוו איז געווען געשפּאָלטן פון טרוקנקייט. חנה האָט זיך אַראָפּגעבויגן אונטן, האָט מען זי אינגאַנצן ניט אַרויסגעזען. זי האָט דאָרטן געזוכט שפּענדלער.

אין פרילינג, ווען דאָס וואַסער פון צעגאַנגענעם שניי אויף די פעלדער טראָגט זיך דורך דאַנען, שלעפּט עס מיט שפּענער, צווייגן, פּלעקלער. מיטן פאַלן פון וואַסער לייגן זיי זיך אויך אָפּ אויפן גרונט, טריקענען איין. די שכנים ווייסן עס און קומען קלייבן. חנה אַליין האָט שוין אויך דאָ ניט איין מאָל געזוכט. דאָך לאָזט זיך נאָך עפּעס געפינען.

אַרום און אַרום איז געווען שטיל. מיט אַ מאָל האָט זיך פון דער הינטערשטער גאַס דערהערט אַ קייקלען פון רעדער.

עס פאַרט שוין דער בריגאַדיר צונויפנעמען די אַרבעטער צו די באַזעס אין סטעפּ, האָט זי פאַרשטאַנען. אַז דער וואָגן האָט זיך דערנענטערט, האָט זי זיך אויפגעהויבן, אַרויסגעקוקט און גלייך זיך אַראָפּגעלאָזט צוריק גאָר נידעריק. דאָס קוישל איז איר אַרויסגעפאַלן פון האַנט, די שפּענדלעך זיך צעשאָטן.

אין בריטשקע איז גאָר געזעסן דער פּרעדסידאַטעל און נעבן אים אַן ענקאַווערדיסט. זיי האָבן פאַרבייגעיאָגט אין דער ריכטונג צום „סעל־סאָוויעט״.

— טפו, טפו, טפו — האָט חנה דריי מאָל אויסגעשפּיגן — אַ באַגעגעניש אויפן סאַמע פרימאָרגן. באַהיט זאָל מען ווערן.

גיך האָט זי צונויפגענומען די שפּענדלעך צוריק אין קאָשיק און אַוועק צו דער שטוב.

אין פירהויז האָט זי געטראָפן איטעלען. די קליינע האָט זיך איבערגעוועקט, געזען אַז די מאַמע איז ניטאָ לעבן איר, איז זי אַרויס זי זוכן.

— קום, איטעלע, מירן מאַכן ציקאָריע. איך וועל אויפלייגן פייער, וועסטו מיר דערלאַנגען די שפּענדלעך. די מאַמע וועט באַלד קומען. זי איז ביי דער אַרבעט.

איטעלע איז איר נאָכגעגאַנגען אַ פאַרשלאָפענע, געשטעלט זיך נעבן פּריפּעטשאָק. אַ גאַנצן פרימאָרגן איז שוין די קליינע ניט אָפּגעטראָטן פון חנהן. צוזאַמען האָבן זיי געוועקט חיימלען, ער זאָל גיין אין שולע. צוזאַמען געגעסן פרישטיק.

אויפן „זאַגאָט־זיערנאָ״ האָט די אַרבעט געיאָגט. דעם געלופּטערטן ווייץ האָט מען געלאָדן אויף לאַסט־אויטאָס. עס איז געגאַנגען צום פראָנט.

צווישן די גרוזשטשיקעס איז געווען אסתר. זי איז לעצטנס זייער דאַר געוואָרן, ברעכט זיך ממש אונטערן זאַק. מאַרוסיע שיט די מעסטלעך תבואה אין די זעק. אַ זייער פאַרליטענע און טרויעריקע די מאַרוסיע. דאָס יִנגעלע אירס האָט בעת דער באָמבאַרדירונג אין לענינגראַד זיך אַזוי דערשראָקן, אַז ער האָט פאַרלוירן דאָס לשון. דאָקטוירים זאָגן אַז עס וועט בעסער ווערן און ער וועט

נאָרמאַל רעדן. דערווייל אָבער איז ניטאָ קיין שום ענדערונג. דער־צו לײדן זיי נאָך ביידע הונגער. איר מאַן איז אויפן פראָנט.

ווען אסתר שטעלט אונטער איר זאַק, כדי מאַרוסיע זאָל אים אָנפילן, קוקט זי מאַרוסיע אָן מיט מיטלייד. זי גיט זיך מאָדנע אַ בייג איין ווי זי זאָל זיך אויסהיטן פון צו קריגן אַ קלאַפּ. זי קוקט זיך אַרום, טוט אַ זיפץ אָפּ און גאַר גיך שיט זי אַריין אסתרן ניט קיין פולע מעסטלעך.

אסתר בייגט זיך אָבער אַלץ איינס אונטער דער משא. פילט אַפילו ניט אַז זי טראָגט ווייניקער ווי די נאָרמע איז. זייער שווער דער זאַק.

אַ געבויגענע, אַ פאַרטראַכטע אין זיך, דערזעט זי אָבער שטענדיק פון ווייטן ווי קאַטיע, די ברייטטרעגערין, גייט אַרויס פון פּאָסט מיטן רענצל ברייוו אויפן אַקסל. און שטענדיק האָט זי דעם זעלבן באַגער: אַ וואַרף טאָן דעם זאַק און צולויפן פרעגן אויב זי האָט פאַר איר אַ בריוו.

פון דער היים האָט שוין אסתר לאַנג ניט דערוואַרט קיין בריוו. פאַרנומען זייער שטעטל פון דייטש. זינט דעמאָלט האָט זי נאָך פיבערדיקער אויסגעקוקט אַ בריוו פון מנחמען. זי זוכט אים אַרום. פון די אַלע אָנפראַגעס וואָס זי האָט צעשיקט אין לאַגערן, צו פראָ־קוראָרן, האָט זי נאָר איין מאָל באַקומען אַ שריפטלעכן ענטפער. עס האָט איר געשריבן דער פּראָקוראָר, אַז מנחם איז פאַרשיקט אין אַרכאַנגעלסקער ראַיאָן אָן אַ גענויעם אַדרעס. זינט דעמאָלט האָט זי שוין געשריבן צו אַ סך לאַגער־עלטסטע פון יענער געגנט און יעדן טאָג וואַרט זי אויף אַן ענטפער.

אסתר האָט אַפילו צוגעגרייט אַ פעלץ פאַר מנחמען, און גלייך ווי נאָר זי וועט וויסן וואָהין, וועט זי אים איבערשיקן.

פאַרן פעלץ האָט זי אָנועקגעגעבן צוויי נאַכטהעמדער. אמת, ער איז אַ ביסל אַ צוגעלעגענער, איז פול מיט לעכער און שמעקט מיט אַ טוכלען ריח. גאַוורילע האָט אים געהאַט ערגעץ באַהאַלטן. פאַרגראָבן אין דער ערד בעת די קאַמפן זענען דאָ אָנגעגאַנגען. אסתר וואָלט געווען גליקלעך ווען זי קען מנחמען איבערשיקן דעם

פעלן. זי שטעלט זיך פֿאָר ווי ער פּרירט דאָרטן, האָט זי אָבער ניט קיין אַדרעס.

פֿון ווייטן זעט זי קאַטיען מיטן פֿולן רענצל בריוו און גלייבט, אַז איינער איז דאָרטן פֿאַר איר. אין איר צעהיצטער מחשבה זעט זי ווי די בריווטרעגערין גיט עס אָפּ חנהן, און חנה וואַרט שוין אַן אומגעדולדיקע, אַז זי, אסתר, זאָל קומען פֿון דער אַרבעט.

בעת די איבעררייסן אין דער מיטאָג־שעה, האָט אסתר אויפֿגעהערט צו בלייבן מיט די אַרבעטער. ווי נאָר זי באַקומט דעם „פּאַיאָק" לויפֿט זי אַהיים. טאָג איין טאָג אויס אַזוי. דאָס ערשטע וואָס זי דערוויסט זיך אין שטוב, איז, אַז קאַטיע איז שוין פֿאַרבייגעגאַנגען און גאָרניט ניט איבערגעלאָזט.

איטעלע אָבער איז זיך מחיה מיט דער פּאָרציע ברויט וואָס די מאַמע ברענגט. אין איילעניש כאַפּט אסתר אויך עפּעס איבער און לויפֿט גיך צוריק.

די זון איז שוין געשטאַנען גאָר הויך. זי האָט געבאַקן. דער שטויב פֿון ווייץ האָט זיך אָפּגעלייגט אויפֿן גומען, אין האַלדז און געשטיקט. די קופּעס קערנער איבער וועלכע זיי האָבן געטאָפּטשעט האָבן זיך אָנגעגליט אַז עס האָט ממש געבריט די באַרוועסע פֿיס, און אַז דער זייגער ביי דער הויכער זאַשען האָט געוויזן צוועלף, האָבן אַלע אַ וואָרף־געטאָן די זעק און זיך געזעצט וואַרטן ביז וואַנדע וועט ברענגען די פּאָרציעס ברויט. אסתר איז געלאָפֿן אַהיים.

אַריינגעפֿאַלן אין שטוב, האָט זי זיך צוגעזעצט אויפֿן באַנק און ערשט איצטער נאָך שטאַרקער דערפֿילט די מידקייט. אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ צווישן די אַקסלען איז זי געזעסן, געטרונקען די ציקאָריע וואָס חנה האָט איר דערלאַנגט מיט מאַמעשער גוטסקייט און צוגעביסן פֿון דעם ברויט.

— נאָך וואַרעם די ציקאָריע ? — האָט חנה געפֿרעגט באַזאָרגט.

— יאָ.

שוין עטלעכע מאָל האָט חנה זיך אויפֿגעהויבן פֿון אָרט און צוריק זיך אַראָפּגעלאָזט. זי האָט אויסגעזען צעטראָגן.

— וואָס איז אייך חנה?

— גאָרניט. פאַר וואָס? — זי האָט האַסטיק זיך אויפגעהויבן און אַרויס פון שטוב.

— איר האָט שוין אָפּגעגעסן, אסתר? — איז זי באַלד צוריק אַריינגעקומען.

איטעלע נעבן דער מאַמען האָט אָן אויפהער גערעדט. דער־ציילט אַז געגעסן האָט זי שוין מיט דער מומע חנהן, נאָר ווייל דאָס ברויט איז אַזוי געשמאַק, וויל זי נאָך. אַז בוריק ליגט הינטערן שטעלכל מיט אַן אויסגעשטרעקטן צונג, ווייל אים איז זייער הייס.

—קוק! אַ פלאַטערל! — האָט זי פּלוצלינג אויסגעשריען — שוין אַוועקגעלאָפן. עס וועט באַלד צוריקקומען. אמת, עס וועט צוריקקומען?

— יאָ, מיין קינד. איך מוז שוין גיין. ניט אויף לאַנג. נאָר ענ־דיקן די אַרבעט און שוין. איר דאַרפט עפּעס פון מיר, חנה? איך האָב נאָך אַ פּאָר מינוט.

— איך וועל אייך זאָגן... יאָ, עס איז נאָך ניט שפּעט... ווו איז איטעלע?

ביידע האָבן אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער. געזען די קליינע לויפן מיט דער מעזשע אויפן גאָרטן.

אָפּגעקערט זיך פון פענצטער, האָט אסתר אָנגעקוקט חנהן און ווידער גאָרניט באַנומען.

— אסתר — האָט חנהס קול געציטערט — איר האָט נאָך אַ ביסל צייט... איר... איר מוזט אָבער צוגיין אין „סיעל־סאָוויעט".

— אין „סיעל־סאָוויעט?" נאָך וואָס?

— איך ווייס ניט, אסתר. מען האָט אייך געשיקט רופן.

— געשיקט רופן. ווער?

— ענקאָוועדע. שרעקט אייך ניט אסתר. אפשר איז עס גלאַט אַזוי...

— ענקאָוועדע האָט מיך געשיקט רופן?

— יאָ, זיי זענען היינט דאָ. איך האָב אַליין געזען איינעם פאַרבייפאָרן. וואָס קען עס זיין? — האָט שוין חנה מער ניט באַ־האַלטן איר שרעק.

— ווען האָבן זיי מיך גערופן?

— שוין גאָר פרי איז פּיעטראָוויטש געווען. געזאָגט אַז זיי האָבן באַפוילן איר זאָלט גלייך קומען.

— גלייך קומען.

אסתר איז געשטאַנען אַ בלייכע. עס איז איר אויפגעקומען איר נעכטיקער שמועס מיט האַלינען. זי האָט איר אָנגעזאָגט, אַז מען דאַרף זיך היטן פאַר האַנקען, און געזען ווי חנה פאַרוואַרפט די פּאַטשיילע אויף זיך.

— קוק מאַמעלע, קוק! — איז איטעלע געקומען צו לויפן פון גאָרטן — דאָס האָב איך געבראַכט פאַר דיר. אַלע זענען שוין שוואַרצע! האָט זי געשטופּט דער מאַמען אַ שטענגל „בזניק" אין האַנט.

אסתר האָט קוים אַ שמייכל געטאָן צום קינד.

— וואָהין גייט איר, חנה?

— מירן אייך צופירן — האָט זי אָנגענומען איטעלען ביי דער האַנט.

דעם וועג זענען זיי געגאַנגען שווייגנדיק.

— געדענקט, חנה — האָט אסתר פּלוצלינג זיך אָנגערופן מיט אַ פאַרשטיקטן קול — דאָס קינד... איטעלע האָט ניט קיינעם חוץ אייך.

חנה האָט גאָרניט געענטפערט. געווישט זיך די אויגן.

זיי זענען צוגעקומען צו דער צעשטערטער צערקווע. זיך אָפּגעשטעלט הינטער איר, נאָענט פון סיעל־סאָוויעט. אסתר האָט געקושט איטעלען, חנהן און שטיל געפליסטערט איר אין אויער אַריין:

— געדענקט חנה, איטעלען לאָז איך ביי אייך...

— איטעלע איז מיר ווי אַן אייגן... — זי האָט ניט פאַרענדיקט. טרערן האָבן געשטיקט איר קול.

פון גאַנעק פאַרן „סיעל־סאָוויעט", האָט נאָך אסתר צוריקגעקוקט. אַנטקעגן, לעבן דער באָלניצע זענען געשטאַנען עטלעכע פורלער. געבראַכט פון די אַאולן קראַנקע צום פעלדשער. וואַסיליכע האָט געטראָגן אַן עמער וואַסער פון ברונעם. אַ גליקלעכער מענטש האָט זי אויסגעזען וואַסיליכע. זי איז געגאַנגען מיטן עמער

וואַסער צו זיך אַהיים. אויך דער ברונעם, וועלכן אסתר איז שוין אַזוי פיל מאָל גלייכגילטיק פאַרבייגעגאַנגען און אַפילו אים ניט באַמערקט, האָט איצטער אויסגעזען מאָדנע היימיש און גוואַלדיק אַ שאָד איז איר געוואָרן אים מערער ניט צו זען. זי האָט נאָך אַ מאָל אַ קוק געטאָן צו איטעלען, וואָס איז געשטאַנען, דאָס קעפּל פאַרהויבן צו חנהן. עפּעס געזאָגט. חנה האָט געהערט און בעת־מעשה אַריבערגעקוקט צו אסתרן.

אַריינגעקומען אינעווייניק האָט דער אַלטער סעקרעטאַר זי אָנגעקוקט פול מיט מיטלייד.

— וואָס איז, סערגיי איוואַנאָוויטש?

ער האָט אַ הייב געטאָן מיט די אַקסלען, אַרויפגעלייגט אַ פינ־גער אויפן מויל און אָנגעוויזן די פאַרמאַכטע טיר.

אסתר איז אַריין.

פון דער אַנדערער זייט טיש, פאַרן גרויסן סטאַלין־פּאָרטרעט, איז געשטאַנען אַ מאַן פון אַ יאָר עטלעכע און צוואַנציק, אין אסתרס עלטער. די בלוזע אַרומגענומען מיט אַ גראַבן, לעדערנעם פּאַס. אויף אַ רימענדל איז נאָכגעהאַנגען אַ נאַגאַן. זיין היטל איז געלעגן אויפן פאַרהאַנגענעם פענצטער.

דערהערט עפענען די טיר, האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון די פּאַפּירן וואָס זענען געלעגן פאַר אים אויפן טיש. לאַנג און דורכדרינגלעך האָט ער געקוקט אויף אסתרן.

— דאָס זענט איר אסתר סלאָנימסקאַיאַ?

— יאָ.

— זיצט — האָט ער אָנגעוויזן דעם שטול אַנטקעגן אים — איר קומט פון די באַפרייטע געביטן, פון ווייס־רוסלאַנד. איר אַר־בעט ווי אַ גרוזשטשיק, איר האָט אַ קינד. און אייער מאַן ווו איז?

— האָט ער הויך געפרעגט און אָפּגעהאַקט.

— איך ווייס ניט.

די ערשטע שרעק ביי אסתרן איז שוין אַדורך. זי האָט שוין געהאַלטן ווייטער, געוואָלט הערן וואָס מען וואַרפט איר פאָר און פעסט באַשלאָסן, אַז מען מוז לייקענען. צו גאַרניט זיך מודה זיין.

— אייער מאַן איז אַרעסטירט ווי אַ שונא פון פאָלק און איר ווייסט ניט ווו ער איז?

— ניין. איך ווייס ניט.

— איר ווייסט ניט... יאָ, יאָ... איר ווייסט ניט. און איר ווילט וויסן... איר ווילט עס דווקא וויסן און איר זוכט אים אַרום...

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן און לאַנג געקוקט אויף אסתרן.

זי האָט געוואַרט.

— גאָרניט קען איך אייך זאָגן — האָט ער דורכגעזיפּט דורך די ציין.

אסתר האָט ניט פאַרשטאַנען. זי האָט צוגעשפּיצט געוואַרט ער זאָל שוין זאָגן דאָס וואָס מען וואַרפט איר פאָר, ער אָבער האָט געשוויגן. נאָך אַ לאַנגער פּויזע אויפגעהויבן זיין קאַלטן בליק און קוקנדיק אסתרן גלייך אין די אויגן, אַריינגערעדט אין איר פּאַ־מעלער, וואָרט ביי וואָרט:

— איר האָט געשריבן צו דעם פּראָקוראָר. יאָ... יאָ... איר האָט צו אים געשריבן.. ענטפערט ער, בירגערין, אַז ער ווייסט ניט. דער פּראָקוראָר ווייסט ניט ווו אייער מאַן איז און...

ער איז ווידער אַנטשוויגן געוואָרן. אַראָפּגעלאָזט די אויגן אין די פּאַפּירן. פּלוצלינג האָט ער זיך אויסגעגלייכט און נאָכקוקנ־דיק זייטיק באַפעלעריש געמאָלדן:

— און... און איר קענט גיין.

ניט זיכער האָט זיך אסתר אויפגעהויבן. עס האָט איר אויס־געזען אַז ער רייצט זיך מיט איר. שפּילט זיך אַזוי. אַ מינוט, און ער וועט זי צוריקרופן. זי איז געגאַנגען צו דער טיר. אַרויסגעגאַנ־גען. אויפן גאַנעק האָט זי אַ דריי געטאָן דעם קאָפּ אַהינטער. קיי־נער האָט זי ניט צוריקגערופן. שוין אין דרויסן האָט זי אָנגעהויבן זיך אַרומצוקוקן. איטעלען מיט חנהן האָט מען ניט געזען. באַלד אָבער האָט זי זיי באַמערקט. אויף די קלעצער וואָס זענען געלעגן ביי דער וואַנט פון „סיעל־סאָוויעט”, זענען ביידע געקראָכן צום פענצטער. געפרווט אַריינבליקן אינעווייניק.

— מאַמע! מאַמעלע!

האָט די ערשטע איטעלע דערזען אסתרן און אַ צופרידענע איר אַנטקעגנגעלאָפן.

— נו, אסתר? — האָט חנה געזאָגט אויסער זיך, נאָכדעם ווי זי האָט שוין געהערט וואָס עס האָט דאָרטן פּאַסירט — זאָגט אַליין, אסתר טייערע — זעט מען ניט בפירוש, אַז עס איז דאָ אַ גרויסער גאָט אין הימל?

חיימס מתנה

די „גרוזטשיקעס״ אויפן „זאַגאַט־זיערנאַ״, האָבן צום לעצטן מאָל פאַרדרייט אַ מאַכאַרקע. מען האָט געענדיקט די אַרבעט. חיים דעם „פּאַליאַקס״ ריי איז געווען צו בלייבן אָנשיטן דעם לעצטן „גרוזאַוויק״, וואָס איז געקומען פאַרשפּעטיקט צוליבן שניישטורעם.

ווי אַן אָקס אין שניי, שיטנדיק די תבואה פאַר די פיס, טאָפּ־טשעט ער מיטן פולן זאַק אויף די פּלייצעס. ליידיקט אים אויס אין וואָגן אַריין און גייט צוריק אים אָנפילן. אַזוי אַהין און צוריק, אַהין און צוריק.

שאַרנדיק די גרויסע, לויזע שיך, נעמען זיי אַן קערנער, וואָס שטעכן אין די פּיאַטעס, קריכן אַריין צווישן די פינגער. רייבן ביז ווייטיק.

ער קוקט אין ביידע זייטן, ניט אויפהייבנדיק דעם קאָפּ. שפּיצט זיך צו. עס איז שטיל.

אַלע זענען שוין אַוועק. קיינער וועט ניט זען — ענטפערט ער אָפּ דער שרעק אין זיך. — עס וועט זיין אַ טעפּל ווייץ. דינה וועט עס איבערוואַשן, טריקענען אין אויוון און אָפּקאָכן קאַשע. אָט האָט וואַסיל אַנומלט אַוועקגעטראָגן אַ פולע טאַרבע, און עס איז אים אָפּגעגאַנגען גלאַט. ניטאָ קיינער — גיט ער זיך צו מוט און ווידער קוקט ער פול מיט פאַרדאַכט אַרום זיך.

— געזונט!

חיים טוט אַ ציטער. דעם שאָפערס געשריי האָט אים דער־שראָקן.

ער טוט אַ וואָרף דעם ליידיקן זאַק. הייבט אויף זיין מאַנטל פון קופּע און לאָזט זיך צום אַרויסגאַנג. אַ ווײַלע פאַרהאַלט ער זיך פאַרן קאָרידאָר. אין דער שפּעטער שעה איז טאַקע קיינער דאָרטן ניטאָ. און אפשר איז עמעץ באַהאַלטן? גיך גייט ער אים אַדורך און עפנט די טיר צום גאַס. אַ טרוקענער שניי טוט אים אַ

ווייע גלייך אין פּנים אַריין. לאָזט ער אַראָפּ דעם קאָפּ, שטייט אַ ווײַלע מיט פאַרמאַכטע אויגן, וויקלט זיך איין פעסטער אין מאַנטל און שפּאַנט אַוועק פאַרויס. שווער און פאַרזיכטיק שלעפּט ער די פיס אין די פולע שיך. בייגט זיך אַלץ טיפער צו דער ערד, ווי ער וואָלט נאָך אַלץ געטראָגן דעם זאַק אויף די פּלייצעס.

הויך, איבער די בערג שניי, טרייבט דער ווינט די וואָלקנס, פאַריאָגט זיי ווייט, לאָזט איבער הינטער זיי אַ צעשטערנטן הימל און אַ ווייסע לבנה. די שניי־בערג צעפינקלען זיך, גלאַנצן אַנט־קעגן שיין.

— עס נעמט אויף אַ פראָסט — טוט חיים אַ ציטער — קאַלט.

ער איז שוין נאָענט פון זיין שטוב, קען אָבער ניט אַדורכגיין דעם הויך־אָנגעשאָטענעם שניי, קרייזט אים אַרום, שפּאַנט אין די פוסטריט פון דעם ערשטן „גרוזשטשיק", וואָס איז אַרויס פון דער אַרבעט. אין אַ ריי, איינער נאָכן אַנדערן, זענען אַלע געגאַנגען און געלאָזן נאָך זיך אַ שמאָל, געשלענגלט שטעגעלע.

חיים קומט אַריין אין שטוב און פאַרזיכטיק, ניט צו פאַרשיטן, ליידיקט ער אויס די שיך.

— עס האָט זיך איינגעגעבן — עטעמט ער אָפּ.

אין שטוב ברענט דער קורניק. דינה שלאָפט. איינגעשלאָפן, וואַרטנדיק אויף אים. זיין געלעגער איז שוין צוגעגרייט. אַליין האָט זי אַריינגעשלעפּט פון פירהויז די שווערע ברעט. אַוועקגעלייגט אויף איר דאָס קישעלע.

פון פריפּעטשאָק נעמט ער די קאַלטע קאַרטאָפל. ער עסט זיי גיך אויף און גאָר שטיל דערנענטערט ער זיך צום בעטל, וווּ דינה ליגט מיטן קינד. דאָס לעמפּל רויכערט. וואַרפט אויף זיי אַ געלב־לעכן שיין.

פייגעלע, מיט פאַרמאַכטע אייגעלעך זוכט, ציט זיך מיטן מיי־לעכל צו דער מאַמעס ברוסט. כאַפּט אַריין דעם וואָרצל און נאָגט. אַ שוואַכינקע ווערט זי גיך מיד און לאָזט אים ווידער אַרויס.

חיים קוקט און רוקט זיך בעת מעשה אויף צוריק. וויל אַריינ־נעמען אין זיך די גאַנצע קעלט וואָס ווייעט פון אים.

ביידע זענען הונגעריק. דינה ליגט פאַרחלשט.

מיט צוויי פינגער לעשט ער אויס דאָס לעמפּל. לאָזט זיך אַראָפּ אויפן בענקל און לאַנג בלייבט ער זיצן אַ שווערער.

אין זיין מידן קאָפּ פּלאָנטערן זיך אָפּגעריסענע געדאַנקען. אָט פאַרלירט ער דעם פאָדעם און ווידער וויל ער עקשנותדיק פאַר־בינדן זייער פאַרשיקונג מיט יענעם אָוונט, ווען ער האָט צום ערשטן מאָל באַגעגנט דינהן.

געווען איז עס אין יאָר פון ענדיקן דעם אוניווערסיטעט. פּאָ־ליציי איז געפאַלן אויף זיינע שפּורן און ער האָט שוין געוווינט אין דער אומלעגאַלער דירה.

עס איז שפּעטע נאַכט — טראַכט ער נאָך אַלץ — צוזאַמען מיט חברים פון פאַקולטעט איז מען אַרויס אין גאַס. דינה גייט פאַרביי, פאַרהאַלט זיך מיט אירער אַ באַקאַנטער פון צווישן זיי. אַלע שטייען, וואַרטן. ער, אַ ביסל זייטיק קוקט צו ווי זי דערלאַנגט יעדערן איר קליין, קינדעריש הענטל. ווי זי רויטלט זיך און זוכט אַ באַהעלטעניש פאַר איר בליק. עס ווילט אים. האָבן עס די יאָרן, וואָס ער איז עלטער פון איר זיך צעשטיפּט אין אים? זי דער־לאַנגט אויך אים איר האַנט און ער לאָזט זי ניט אַרויס פון זיינער. טוט איר אַ קוש אין קאָפּ, נעמט זי אונטערן אָרעם און זיי גייען פאַרויס לאַנזדיק הינטער זיך אַ הייטער געלעכטער.

די דערמאָנונג מאַכט אים וואַך. האַסטיק טוט ער זיך אַ הייב פון אָרט, אַזש דאָס בענקל צעסקריפּעט זיך און וועקט אויף דינהן.

— חיים? פאַר וואָס ביסטו אַזוי שפּעט געקומען?

— זיך פאַרהאַלטן לענגער. אַ גרוזאָוויק האָט פאַרשפּעטיקט. דער וועג איז שלעכט. בלייבן די אויטאָס שטעקן אין שניי. קריכן קוים אַרויס.

— האָסט שוין געגעסן? האָסט נישט געוועקט מיך. אַליין גע־וואַרעמט די קאַרטאָפל.

— יאָ. איך האָב שוין געגעסן, און דו?

— שוין לאַנג. איך האָב היינט געהאָלפן האַננען רייניקן דעם שטאַל. האָב אַפילו געקראָגן פאַר פייגעלען מילך. צוגעמישט צו

דעם אַ ביסל וואַסער. זייער געדיכט די מילך. שוין כמעט אינגאַנצן פאַרלאָזן די בהמה.

— פייגעלע איז דאָך הונגעריק. דו לאָזט צופיל פאַר מיר, האָסט ניט גענוג צו זייגן.

צו פיל? דו אַרבעטסט אַזוי שווער — טוט זי אַ זאָג ווי צו זיך אַליין.

אויף די שפּיצן פינגער דערנענטערט זיך חיים צום בעטל. בייגט זיך איבער און הייבט אָן שעפּטשען:

— עס וועט קומען דער פרילינג. דער שניי וועט צעגיין. עס וועט זיך ווייזן דאָס גראָז אין סטעפּ, וועלן די בהמות האָבן צו עסן. ווייסט? אַ סך קי קעלבן זיך אין פרילינג. נאָכדעם גיבן זיי מילך. וועט זיין פאַר פייגעלען, פאַר דיר. פייגעלע וועט שוין זיין אַ היפּ־שינקע. דינה — זאָגט ער פאַרטרווילעך — איך האָב געבראַכט אַ פול טעפּל מיט ווייץ.

— זאָגסט אָן אמת?

— יאָ. אַ פול טעפּל.

וועלן מיר מאָרגן עסן קאַשע. שוין שפּעט, חיים. גיי שלאָפן.

ערשט איצט טוט ער אויס דעם מאַנטל. ציט זיך אויס אויפן געלעגער און דעקט זיך מיט אים צו.

— חיים, דיר איז קאַלט? דו ציטערסט.

— עס איז נאָר פון אָנהייב אַזוי. איך וועל ליגן אַ ביסל, וועט ווערן וואַרעמער.

— חיים, דו שלאָפסט?

— נאָך ניט.

— הערסט? אַ גאַנצן טאָג איך טראַכט פון דער היים. מיין מאַמעשי האָט היינט געוויס אַ סך געוויינט. זי געדענקט זיכער, אַז מאָרגן ווער איך איינאונצוואַנציק יאָר. שטענדיק האָט זי געדענקט דעם טאָג פון... אָבער זעסט? אָט האָב איך זיך אויסגעשלאָפן און רעד. פאַרגעסן, אַז דו מוזט גאָר פרי אויפשטיין. שלאָף, חיים, שלאָף.

חיים ליגט אויפן ברעט מיטן פּנים אַרויף. צוליב דער קעלט און שטוב זענען די שייבלעך ניט געפרוירן, בלימלען זיך לייכט.

דורך זייער מאַטקייט קוקט אויף אים אַ גאַנצע, אַ קיילעכדיקע לבנה.

— עס נעמט אויף אַ פראָסט — טוט ער ווידער אַ טראַכט.

זיינע אויגן קלעפּן, אָבער עפּעס רופּעט אים, לאָזט ניט איינשלאָפן. אָט זעט ער אין קיילעך פון דער לבנה, אַ לאַבן ברויט, אַרויסגעשניטן פון אים זיין מאָרגנדיקער „פּאַיאָק״. אַ געדאַנק טוט אַ פּיק אין מוח, אַזש אַ שמייכל באַווייזט זיך אויפן פּנים. ער שלאָפט איין.

ווי יעדן טאָג גייט ער איבערן פּלאַץ באַשאָטן מיט ווייץ. אָבער דאָס מאָל איז דער זאַק ניט געוויינלעך שווער. מאָדנע ציט ער זיך אויס, ווערט לענגער, גאָר לאַנג. אַזש ביז די פּיס גרייכט ער. ניט מעגלעך אים איינצוהאַלטן אויף די פּלייצעס. ער שלעפּט זיך שוין נאָך, ווייט איבער דער ערד, און קייקלט זיך אינגאַנצן אַוועק.

חיים בייגט זיך, וויל אים אויפהייבן און קען ניט. ניטאָ קיין כוח. דאָס מאַטערט דער הונגער, דערקלערט ער זיך. אָבער אָט איז שוין וואַסיל אַוועק זוכן דאָס ברויט. ער האָט שוין געבראַכט זיין „פּאַיאָק״. אַ גרויס שטיק, אויסגעשניטן פון לאַבן, מיט אַ שאַרפן שפּיץ און פון אויבן נאָך צוגעלייגט אַ קליין פּענעצל צו דער וואָג.

דעם פּענעצל לייגט חיים גלייך אין מויל אַריין. שלינגט אַראָפּ און הערט נאָך אַלץ ווי די ציינער קנאַקן.

— עס איך? זיי קייען דאָך, די ציין — איז ער בייז אויף זיך אַליין. ער זעט שוין, דאָס האָט ער פאַרגלייכט דעם שפּיץ. גענומען נאָך אַ ביסן. אויך דאָס אַראָפּגעשלונגען און די ציינער קייען נאָך אַלץ. פאַר זיינע אויגן ווערט דאָס ברויט ווייניקער. בייט נאָכאַנאַנד די פאָרעם. אָט זעט ער נאָר אַ פּירקאַנטיק שטיקל. און גאָר פּלוצלינג. ווי אַזוי האָט עס געקענט געשען? קוים אַ קליין פּיצל געבליבן און אויך דאָס ווערט ניט. ער פילט בפירוש די ליידיקייט אין האַנט.

אויפגעכאַפּט דאָס גאַנצע. פאַר גרויס עגמת נפש ווילט זיך אים שרייען. קען ער ניט. אַן ענגקייט דריקט אים אין האַלדז, אין נאָז. דערשטיקט צו ווערן.

— חיים, חיים! דו זאָגסט עפּעס? דיר איז געוויס קאַלט. דער גאַנצער מאַנטל אַראָפּגעפאַלן. ליגט אויף דער ערד.

דינה הייבט אויף דעם מאַנטל, דעקט אים צו און גייט צוריק צום אויוון, בלאָזן אין די העלצלעך.

האָסטיק זעצט ער זיך אויף.

אין שטוב שטייט אַ גרויקייט. די שייבלעך זענען ווייס, פאַרפרוירן. עס שמעקט מיט פרישׁ געקעכץ. פון בעטל אַ דין געוויין. פייגעלע דרייט דאָס קעפּל, זוכט. מיט די הענטעלעך שלעפּט זי אַריין די קאָלדערקע אין מויל, נאָגט און לאָזט זי צוריק אַרויס. ענדלעך נעמט זי דאָס גראָבע פינגערל, צמאָקעט עס הויך, ביז זי שלאָפט איין.

חיים עסט אָפּ דאָס געקעכץ און גייט אַוועק צו דער אַרבעט.

דער טאָג ציט זיך לאַנג. קוים ער דערוואַרט זיך אַהיים צו גיין. אויך דינה, אין שטוב, וואַרט. זי וועט מער קיין מאָל ניט גיין שלאָפן איידער חיים קומט. זי ווייסט שוין, ער וואַרעמט ניט דאָס עסן. אויך נעכטן זי אָפּגענאַרט. די העלצלעך זענען געבליבן ליגן, פונקט ווי זי האָט זיי צוגעגרייט.

חיים קומט אייליק אַריין. אַ צעשמייכלטער דערלאַנגט ער איר עפּעס איינגעוויקלט אין צייטונג־פּאַפּיר.

אַ דערשטוינטע וויקלט זי עס פונאַנדער.

— חיים? — ווערט זי נאָך בלייכער ווי געוויינטלעך — האָסט ניט געגעסן. ס'איז דיין „פּאַיאָק", חיים.

— וואָס דיר קען אַלץ איינפאַלן. — מיידט ער אויס צו קוקן אויף איר — איך האָב עס געקריגן. ספּעציעל זיך באַמיט.

זי ענטפערט ניט. קוקט ניט אויף אים און זעט זיינע צעשמייכלטע אויגן, גאָר טיף אין די אויגן־לעכער.

פּלוצלינג טוט זי זיך אַ ריס פון אָרט. אין איילעניש נעמט זי אַרויס דאָס אַלטע טישטעכל, פאַרשפּרייט עס אויפן טיש.

— אַז יום־טוב, טאָ זאָל עס שוין זיין ווי עס באַדאַרף צו זיין — זאָגט זי מיט געמאַכטער הייטערקייט. זי ברענגט צום טיש דאָס הייסע טעפּל קאַשע. די פּאַרע טוט אַ שלאָג איבערן שטוב. דער־

נעבן ליגט דאָס ברויט. עסן זיי ביידע מיט די הילצערנע לעפל פון דעם איינציקן שיסעלע וואָס איז דאָ.

— נאַשסט די קאַשע, חיים. עס דאַרף מיט ברויט. זאָגסט זיך אָפּ פון כיבוד, אויף מיין געבורטס־טאָג? — ברוגזט זי זיך.

— חלילה. איך עס. — נעמט ער גלייך אַ שטיקל ברויט — און דו?

— איך אויך.

געענדיקט. הייבן זיך ביידע אויף פון די ערטער. אויפן טיש בלייבט דאָס ליידיקע שיסעלע, אַ ביסל קאַשע אין טעפּל און א שטיקל ברויט. אַ קליין, פּירקאַנטיק שטיקל, אַרומגעשניטן גלייך פון אַלע זייטן.

דינה זעצט זיך אויפן בעטל. נעמט דאָס קינד אָנצוזייגן.

— עס וועט קומען דער פרילינג — הייבט חיים אָן ווי ער וואָלט זיך פאַרענטפערט — אין סטעפּ וועט זיך צעוואַקסן דאָס גראָז. די בהמות וועלן זיך פיטערן, זיך מעלקן. וועלן מיר פאַרדינען מילך. נאָך דער אַרבעט, וועל איך פאַרדינען, ביי די שכנים. דער טאָג וועט דאַך זיין גרויס. אַזאַ לאַנגער ווינטער אויף סיביר.

— אוי, אוי! — קרעכצט דינה אַרויס — הער אויף! הער דאָך אויף צו ציִען אַזוי, קינד מיינס. עס טוט וויי.

דאָס האָט פייגעלע אַ צי געטאָן די ליידיקע ברוסט, אַז דינהן האָט פאַרשטאָכן ווי מיט נאָדלען.

חיים פאַרקרימט זיך. וואַרט אָפּ. און אַז דינהס פּנים לויטערט זיך אויס, פּליסטערט ער ווידער:

— דער שניי וועט צעגיין, וועלן פאַרשווינדן די ווייסע, הויכע בערג. מען וועט אַרויסלאָזן די בהמות אין פרייען סטעפּ, וועט אַלץ ווערן אַנדערש... דעמאָלט... אַלע וועלן דאַרפן רייניקן די שטאַלן. אַרויסוואַרפן דאָס מיסט, מאַכן קיזיקעס. וועל איך ביי זיי אַרבעטן, פאַרדינען מילך. פאַר דיר, פאַר פייגעלען. זאָל נאָר קומען דער פרילינג...

אַ גביריש מזל

חנה איז באַשטאַנען אויף דאָס איריקע: מען דאַרף דינגען קיריאַקאָוס אַלטע כאַטקע.

— אַ חורבה. זי גייט דאָך איינפאַלן — איז עס אסתרן ניט געווען צום האַרצן.

מאַרוסיע, זייער באַלעבאָסטע, האָט עס אונטערגעכאַפּט. איר איז קאַנטיק אַ שאָד געוואָרן וואָס די שכנים ווילן זיך איבערציִען און געוואָלט דערווייזן אַז אסתר איז גערעכט.

זי האָט אָנגעהויבן דערציילן אַ מעשה אַז זינט קיריאַקאָוו האָט זיך אַריינגעקליבן אין זיין נייער שטוב, האָבן זיך אין דער כאַטקע באַזעצט שדים. ווען ניט זיי וואָלט מען ניט מורא געהאַט צוצוגיין נאָענט און דאָס גאַנצע הייזל צעשלעפּט אויף האָלץ צום הייצן. זי אַליין איז אַ מאָל פאַרבייגעגאַנגען און געהערט פון דאָרטן אַ יאָמערן. וואַסקע, דער אינוואַליד, איז פונקט אויסגעוואַקסן ווי פון אונטער דער ערד. „מען טאָר ניט צוגיין נאָענט", האָט ער גע־זאָגט, „די ניט־גוטע זענען אינעווייניק".

— וואָס דאַרפט איר מער? — צעוואָרעמט זיך מאַרוסיע — שוין אַ סך מאָל באַגעגנט דאָרט זינקען. אָפט גייט זי דורכן גאָרטן צו איר פעטער סטעפאַן. זי האָט מורא אַפילו אַריינקוקן דורכן פענצטערל.

דאָס רעדט מאַרוסיע וועגן זינקען, וועמען עס איז געשען דער אומגליק. זי שוואַנגערט נעבעך. שוין גאָר שטאַרק קאַנטיק.

סטעפאַן, איר פעטער, האָט אַפילו געפּרוּווט רעדן מיט וואַסקען אָפּן: „וואַסקע, האָט ער אים געזאָגט, שפּיל ניט דעם נאַר".

„וואָס עפּעס רעדסטו צו מיר", — האָט דער יונג געלאָזט שטיין סטעפאַנען און אַ בייזער אַוועקגעהונקען.

— איז טאַקע ביטער, — פאַרגעסט שוין מאַרוסיע פון וואָס זי האָט אָנגעהויבן רעדן, — האַננע, נעבעך, האָט עס צעבראָכן.

מיט זינקען קריגט זי זיך ניט. אַ ווילע מויד אין דער אמתן. האָ־רעוועט ווי אַ פערד. צייט דער טאַטע איז געפאַלן אויפן פראָנט ווערט זי פאַרשוואַרצט. אַרבעט ווי אַ רוימערין אין באַלניצע. לייגט איין וועלטן מען זאָל אַזוי ניט הונגערן אין שטוב. וועגן דעם אַז איר בויך וואַקסט שווייגט זי ווי אַ פיש.

— צרות פון כאַטקע — גיט זי צו פאַרטראַכט.

חנה לאָזט זי רעדן. זי הערט אַפילו ניט אַלץ. מאַרוסיעס מעשיות מאַכט זי אָוועק מיט דער האַנט. ווידער פאַררופט זי זיך אויף איר טאַטן דעם למדן, וואָס האָט געזאָגט, אַז אומעטום, אין יעדן אָרט, איז דאָ גאָט. און ווען עס גייט אין גאָט־זאַכן גלייבט זי איר טאַטן. אסתרן וויל זי דערווייזן אַז עס איז כדאַי צו דינגען די כאַטקע. און דער עיקר צוליב דעם שטיק פאַרוואַרלאָזטע ערד, וואָס געהערט צו איר. מען קען עס צעגראָבן און פאַרזעצן קאַרטאָפל.

סוף כל סוף האָט סאָנקע, חנהס עלטסטע טאָכטער, געבראַכט אַ בייק פון דער באַזע. זיי האָבן געבאָרגט ביי פּאָפּאָוון אַ וואָגן אין וועלכן ער שפּאַנט איין זיין בהמה, מען האָט אַרויפגעלייגט דאָס ביסל אָרעמקייט און זיך איבערגעקליבן.

ווי נאָר די זון האָט אַ וואַרעם געטאָן, האָט מען זיך תיכף גענומען צעגראָבן די ערד.

פאַרנאַכט, נאָך דער אַרבעט, באַרגן אסתר און סאָנקע רידלען ביי די שכנים. זיי גראָבן די „צעלינאַ" ביז ס'ווערט פינצטער. די קינדער, נאָכן קומען פון שול, העלפן אויך. בייטאָג, ווען אין שטוב בלייבן נאָר חנה און איטעלע, פּרוּווט חנה אַ גראָב טאָן די ערד. עס איז אָבער איבער אירע כוחות.

אַ שווערער ווינטער אַדורך. זי פילט זיך שוואַך. האַלט זיך קוים אויף די פיס. צוליב דער מאַמעס קראַנק זיין האָט סאָנקע אויפגעהערט לערנען און אַרבעט אין אַרטעל.

אין איין ריי מיט זייער כאַטקע שטייט אַ גרויס, שיין הויז. אויפן טויער, אויף די פענצטער — געשניצטע באַפּוצונגען. אין דעם הויז וווינט די בריגאַדירשע יוסטינאָווע אַליין. מיט איר מאַן איז זי זיך שוין לאַנג צעגאַנגען. זייער זון וווינט ביי דער באָבען.

זינט מען האָט געבראַכט אין דאָרף די פּאַרשיקטע, ווײנט דאָרטן די משפּחה גראָס. װעגן זיי זאָגט חנה, אָן קינאה, אַז זיי האָבן אַ גבירישן מזל.

באַלד, ווי נאָר די פּאַרשיקטע האָבן געמוזט פּאַרלאָזן די קאָלכאָזנע באַזע, וווּ מען האָט זיי געבראַכט פון ווענ, האָבן זיך אַלע אַרויסגעלאָזט זוכן דירות.

געווען איז עס אָנהייב פרילינג. דער שניי האָט אָנגעהויבן צעגיין. פרוי גראָס האָט געבראַדזשעט אין דעם מאַנס שטיוול איבער דער געדיכטער בלאָטע. אויפן האַרצן איז געווען ביטער. דער מאַן קראַנק און פון זון — שוין אָנגעקומען אַ בריוו, פון ערגעץ אַ ווייטן לאַגער.

אויך דאָס האָלט חנה פאַר אַ גרויס מזל. ווייל זעלטן ווער פון די פּאַרשיקטע ווייסט היינט ווו זייערע אַרעסטירטע געפינען זיך.

פאַרבייגעגאַנגען דאָס הויז האָט עס דער פרוי גראָס אויסגעזען אַ ביסל לייטישער ווי אַנדערע. פאַרזיכטיק אויסגעקוקט צי עס איז ניטאָ קיין הונט אין הויף און אַריינגעגאַנגען אינעווייניק. די בריגאַדירשע איז צופעליק געווען אין דער היים. זי האָט אָנגעכמורעט דעם שטערן זיך אָנגעשטרענגט צו פאַרשטיין וואָס די פרעמדע רעדט און איילק געענטפערט:

— גוט. קענסט וווינען דאָ.

— איך האָב אויך אַ מאַן — האָט די פרוי גראָס ניט דרייסט צוגעגעבן.

— דאָס געהערט ניט צו מיר. אויב דו ווילסט וווינען מיט אַ מאַן, איז עס דיין פערזענלעכער צוגאַנג צום פּראָבלעם פון צוזאַמענלעבן. איך האָב ניט קיין רעכט זיך אַריינצומישן.

פרוי גראָס האָט ברייט צעעפנט די אויגן, לאַנג אויף איר געקוקט. און אַז יענע האָט געשוויגן, ווי זי וואָלט שוין האָבן אַלץ געזאָגט, האָט עס זי אַ ביסל צעטומלט. עפּעס איז דאָס געשעפט צו גיך געמאַכט געוואָרן.

— דאָ אַהער — האָט זי אָנגעהויבן באריכות — האָט מען אונדז פּאַרשיקט. מען מוז דאָך האָבן וווּ אַוועקצולייגן דעם קאָפּ. דער „פּרעדסידאַטעל" הייסט אַוועקגיין פון באַזע און אַז...

— איך ווייס אַלץ — האָט יוסטינאָווע איר איבערגעהאַקט — ניטאָ קיין צייט צו רעדן. איך דאַרף זיין אין סטעפּ. הער אויס. קענסט דאָ ביי מיר לעבן. ווועסט זיין אַ „כאָזשאַיען", פאַרשטייסט? דו וועסט מעלקן מיין בהמה. מען דאַרף פאַרזעצן דעם גאָרטן, „ווער עס אַרבעט ניט, יענער עסט ניט". איך אַרבעט אין סטעפּ. וועסטו אַרבעטן דאָ. אַזוי וועלן מיר לעבן אָרנטלער, ריכטיק, כאַ־זשאַיען?

— ביסט געדרעכט, כאָזשאַיען — האָט די פרוי גראָס קלוג צוגעשטימט. נאָר אַלץ ניט אַראָפּגענומען איר פאַרחידושטן בליק פון דער בריגאַדירשע. געוואָלט דערגיין וואָס פון דעם אַלעם וועט אַרויסקומען.

זינט דעמאָלט זענען עטלעכע יאָר אַוועק. די גראָס' ווינען נאָך אַלץ אין דעם הויז. זייער זון איז אָפּגעזעסן אין לאַגער דריי יאָר פאַרן וועלן אַריבערגיין די גרענעץ קיין ווילנע. פון דאָרטן איז ער געקומען אַהער צו די עלטערן.
ווינט מען איצטער בשכנות.

יענעם זומער האָט סאָנקע אַ וואַקס געטאָן. דאָס דיקלעכע מיידעלע האָט זיך אַ צי געטאָן אין דער הויך. אירע בלאָנדע, לאַנגע האָר האָבן זיך געכוואַליעט אויף די אַקסלען. דאָס שטענ־דיקע זיין באַשעפטיקט צוזאַמען מיט דערוואַקסענע האָט זי רייפער געמאַכט. אַ פאָלנער מענטש געוואָרן. חנה אַליין האָט פאַר איר דרך ארץ באַקומען. אָבער זי האָט אַלץ מער און מער זיך גע־זאָרגט.

— אַ דאָרף מיט שקצים. איין גאָט זאָל שומר און מציל זיין.
ווען חנה האָט צום ערשטן מאָל דערזען סאָנקען שטיין מיטן יונגן גראָס ביים פּלויט, האָט זי זיך אומרויִק פאַרחידושט. ערשט איצטער זיך אָנגעשטויסן וואָס די שכנים זענען עפּעס אַזוי ווי אָנ־געצויגן אויף איר.

— עס געפעלט זיי ניט דער יִחוס, האָט זי זיך דערטראַכט — אַ ניט ווייסן זיי מיין יִחוס. וואָלט עס מיר אַזוי געקענט ביישטיין ווי דאָס דווקא פעלט מיר ניט. אָט אַ וועלט. מען ליגט שוין אַלע

טיף אין דער ערד, זאָל מיך גאָט ניט שטראָפן פאַר די רייד, און מען קומט נאָך אַלץ ניט צום שכל.

אין דער מיטאָג־שעה, ווען אסתר פלעגט פון דער אַרבעט זיך אַראָפּכאַפּן, זען איטעלען, האָט חנה זיך אַראָפּגערעדט פון האַרצן.

— נאַרישע מענטשן. בסך הכל זאָגט אַ ווערטל: עס איז בעסער צו קענען דערציילן, איך בין קראַנק געווען ווי אַז איך בין רייך געווען. זיי, נעבער, זענען געווען רייך. איר פאַרשטייט? גראָס זאָגט: דאָרטן ווו געלט איז געווען, דאָרטן וועט געלט זיין. אַזאַ איז שוין די טבע פון געלט. און כאָטש מיין טאַטע פלעגט זאָגן אַז געלט איז קיילעכדיק, „היינט ביי דיר, מאָרגן ביי מיר", איז זאָל מיר דאָס מאָל מיין טאַטע מוחל זיין. וואָס שייך געלט־זאַכן גלייב איך גיכער גראָסן. טאָקע אַ גרויסער למדן מיין טאַטע, אָבער אַן אביון זיין גאַנץ לעבן. אַנטקעגן וואָס איך זאָג עס? איך האָב צו דעם בחור גאָרניט. חלילה מיר צו ריידן שלעכטס. איך וואָלט אָבער זיין צופרידן ער זאָל לאָזן מיין סאָנקעלען צורו. דער גוטער יאָר ווייסט אים.

— יונגע מענטשן, טרעפן זיי זיך.

— איך פאַרשטיי — האָט חנה שווער אָפּגעזיפצט — איך זאָג אויך דאָס אייגענע, מען איז שכנים. אַ שטוב לעבן אַ שטוב. ער קומט אָבער נאָר ביינאַכט, ווען עס איז פינצטער. איז מען דאָך שכנים בייטאָג אויך. ווייל ער דאַרף מען זאָל ניט זען. טויג עס ניט.

דעם עיקר פאַרשווייגט חנה. זי זעט מער מיטן האַרץ ווי מיט די אויגן, אַז סאָנקע גייט אויס נאָך אים.

אין איילעניש קומט זי אַהיים פון דער אַרבעט. וואַשט זיך, קעמט לאַנג אירע האָר פאַרן קליינעם שפּיגעלע, ווי זי זאָל זיך קלייבן אויף אַ חתונה. בסך הכל גייט זי אַרויס, שטעלט זיך פאַרן פּלויט. אין דרויסן זעט מען קיינעם ניט און זי שטייט.

עס איז נאָכן טאָג. די סטאַדע איז שוין געקומען פון פעלד. שטיל אַרום. פון דערבייַיִקן הויף דערטראָגט זיך ווי אַ טעמפּ זעגן. דאָס מעלה־גרהט יוסטינאָוועס בהמה פאַרן שטאָל.

מיט אַ מאָל צעטראָגט זיך אַ קלאַפּן פון פּאַדקאָוועס, אַ

קייקלען פון רעדער. דאָס קומט יוסטינאָווע פון סטעפּ. זי מאַכט אַ גערודער, רעדט הויך. סאָנקע,ביים פּלויט הערט יעדעס וואָרט:

— אַ גוטן אָוונט כאַזשאַיען. מיר לעבן?

— מיר לעבן, כאַזשאַיען. גוטן אָוונט אויף דיר אויך — ענט־פערט די פרוי גראָס. — גיי עסן. די בהמה שוין אויסגעמאָלקן. אין קריגל שטייט קאַלטע מילך. נאָך וואַרעם די קאַרטאָפל.

— כאַפּט זיי דער טייוול, וואַרעמע, צי קאַלטע. ניטאָ קיין כוח. מיד, אַז די כאָליערע לייגט מיך. מען וועט שוין עסן מאָרגן. צייט צו שלאָפן.

סאָנקע זעט ווי די גאַס פאַרן שטוב דאָרטן ווערט פינצטער. פאַרלאָשן שוין דאָס לעמפּל ביי זיי. עס סקריפּעט דער טויער. זי הערט טריט. דאָס גייט ער, גרישע. ער שפּאַנט לאַנגזאַם, קוקט פאַר זיך. דערזעט סאָנקען ווי צופעליק און פאַרהאַלט זיך. ער גיט איר די האַנט צום באַגריסן זיך. רעדט שטיל, העפלעך. אין גאַנצן אַנדערש ווי די דאָרפישע דאָ. זיין פּנים איז גלאַט און די האָר גלאַנצן פון שוואַרצקייט.

זי האָט אַזוי ליב זיינע פעכשוואַרצע האָר.

ער קוקט אויף איר קלוג און דערפאַרן. זי לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ צו דער ערד. איר דאַכט זיך, אַז כאָטש עס איז שוין טונקל, זעט ער אַלע זומערשפּרענקעלעך אויף איר נאָז.

עס ווערט אין גאַנצן פינצטער. קיינער זעט ניט ווי זיי גייען אַרויף אויפן גאָרטן. ער זיצט אויפן טאַבורעטקע וואָס סאָנקע האָט בגנבה אָוועקגעשטעלט צווישן די נאַטשינעס. זי אויף זיינע קני.

די נאַכט אַ לבנהדיקע. דער הימל גאָר הויך, פול מיט שטערן. און שטיל איז, אַז מען הערט אויף יענער זייט פּלויט, ביי יוסטינאָ־ווען אין שטעלכל, די הינער בעסער זיך איינזעצן אויפן סיעדעלאָ, ווי זיי דראַפּען מיט די פיסלעך די ברעטער אונטער זיך.

זיי איז גוט און קיינער ווייסט ניט. עס שלאָפט די מאַמע, די שוועסטער, דער ברודער. דאָס גאַנצע דאָרף שלאָפט.

— קוק, סאָנקעלע, ווי געפעלט דיר מיין רונג? — ווייזט ער אים אויפן פינגער.

— אַ רונג — וווּנדערט זי זיך — צו וואָס.

געוואַלט זאָלסט זען ווי שיין ער איז. און ווייסטו? ווען אַ בחור טוט אָן זיין מיידל אַ רונג ווערט ער איר מאַן.

מאָדנע וויכטיק זעען איר אויס זיינע רייד. און ער אַזוי חשוב.

— גיב מיר נאָר דיין הענטל. ווי פּאַסט ער דיר?

— מיר?

— געוויס. דאָס זענען דאָך מיינע די לאַנגע פינגערלעך. און דאָס איז מיינס... און דאָס איז מיינס, גלעט ער איר נאַקעטן לייב, צעשפּיליעט איר קלייד.

אַ באַרוישטע פון זיינע צערטלעכקייטן זעט זי אים אָנטאָן דעם רונג אויף איר פינגער.

— ער איז גרויס.

— וועל איך קויפן אַ קלענערן. פּונקט אויף דעם פינגער וועל איך קויפן.

— טו עס ניט, גרישע — דריקט זי זיך נאָך שטאַרקער צו אים און איר גאַנצער גוף פיבערט אין פאַרשיכורטן תענוג ביז פאַרגעסן.

פּלוצלונג דערהערט זי די נאַטשינעס זיך ברעכן אונטער איר. אַ רגע און שוין טוט זי זיך אַ הייב אויף פון דער ערד. קוקט אַרום זיך ווי אַ צוגעשפּיצט דערשראָקן העזל.

עס איז שטיל. אין דער לופטן רירט זיך גאָרניט. גרישע ליגט נאָך אומבאַוועגלעך, אויסגעצויגן אויף דער ערד צווישן די נאַ־טשינעס.

— ווו איז דער רונג? — טוט ער זיך האַסטיק אַ הייב אויף.

— דער רונג. גרישע טייערער. ליבער גרישע — פאַרוואַרפט זי צערטלעך די הענט אַרום זיין האַלדז.

— אָבער ווו איז דער רונג?

זי קוקט אויף איר האַנט, אויף דער אַנדערער און אַז ער איז ניטאָ, וויל זי אַ קוק טאָן אויף גרישעס פינגער.

— איך האָב דאָך דיר אים אָנגעטאָן — איז ער אומגעדולדיק.

— האָסט דאָך געזען. ער איז צו גרויס. געוויס אַראָפּגעפאַלן

— פאַרענטפערט זי זיך.

— וואָס הייסט אַראָפּגעפאַלן? — איז ער אויסער זיך — דאָס איז דאָך זייער אַ טייערער רונג מיט אַ בריליאַנט.

— מיט אַ בריליאַנט? — ווידער טאַפּט זי אירע פינגער. אַ שולדיקע שטייפט זי זיי ביז ווייטיק און לאָזט זיך אַראָפּ זוכן צווישן די נאַטשינעס.

— פּאַרזיכטיק. קענסט נאָך אָנטרעטן אויף אים.

אויך ער בייגט זיך אַראָפּ.

— עס איז פינצטער. מען זעט גאָרניט.

— אָבער וואָהין קריכסטו? — ווערט ער אַלץ אומגעדולדי־קער — מיר זענען דאָרטן ניט געווען.

— עס בלישטשעט. אפשר דער בריליאַנט? ניין. ס'איז נאָר אַ גלי־ווערעמל.

— נאָר דאָ האָט ער געקענט פאַלן. זע ווי דו גייסט. וועסט אים איינטרעטן אין דער ערד.

די נאַכט ווערט אַלץ שיטערער. די ראָסע נעצט. קראָפּעווע בריט אירע באָרוועסע פיס.

— איך וועל דערציילן דער מאַמען — ברעכט פלוצלונג סאַנ־קע אויס אין אַ געוויין. — זי וועט העלפן זוכן.

— חלילה. קיינער טאָר עס ניט וויסן, הערסט? קיינער ניט. שוין זייער שפּעט — גיט ער נאָך צו. גיך קושט ער זי, זאָגט אַ גוטע נאַכט און פאַרנעמט זיך פון גאָרטן.

סאַנקע וויל אים נאָכלויפן. זיין באַזאָרגטקייט קלעמט איר. זי וויל אים טרייסטן, זאָגן אַז מען וועט נאָך געפינען. מען וועט זוכן בייטאָג. זי בלייבט אָבער שטיין אויפן אָרט. הערט ווי זיינע טריט דערווייטערן זיך. ווי דער טויער ביי יוסטינאָווען פאַרמאַכט זיך גאָר לאַנגזאַם און שטיל.

ערשט איצטערווישט זי גוט אויס די אויגן און אויף די שפּיצן פינגער שלייכט זי אַריין אין שטוב, גלייך צו איר געלעגער.

— שוין טאָג — פליסטערט חנה מיט איינגעהאַלטענעם כעס, ניט אויפצוּוועקן קיינעם. — אין גאַנצן ניט כדרך הטבע.

נאָך לאַנג הערט מען סאַנקען זיך וואַרפן אויפן געלעגער און חנה ליגט און גריזשעט זיך: אַז דער אומגליקלעכער טאַטע ווערט ערגעץ פאַרשוואַרצט אין אַ לאַגער, דאַרף אַ מאַמע אַכטונג געבן.

די טענות צו זיך הייבן זי פון בעט. מיט אַלע כוחות באַהערשט זי זיך: זאָלן די קינדער נאָך שלאָפן.

אַז ווייַ און ווינד איז צו דער מאַמען. באַלד דאַרף זי שוין גיין צו דער אַרבעט, מיין פרנסה־־געבעריין.

אַ גאַנצן טאָג קען זיך חנה קיין אָרט ניט געפינען. קוקט אויס סאַנקען, זי זאָל שוין קומען פון אַרטעל.

ווידער גייט זי אַרויף אויפן גאָרטן. זי האָט שוין דערזען איר בראָך. מיט ציטערנדיקע הענט שטעלט זי צוריק אַן איינגעלייגטן קוסט איבער די קאַרטאָפל. גלייכט אויס זיינע צעקנייטשטע בלע־טער און שאָקלט זיך איבער אים אין געהאַקטע צרות אַזוי ווי אי־בער אַ בר־מינן.

— רבונו־של־עולם — ווישט זי זיך די טרערן — דו קענסט דאָך יאָ מיר העלפן. זי האָדעוועט זיך דאָך אָן אַ טאַטן, נעבעך.

און ווידער קוקט זי צו דער גאַס.

ענדלעך באַווייזט זיך סאַנקע. זי גייט לאַנגזאַם. אַנדערש ווי תמיד. קומט אַריין אין שטוב. וואַשט זיך ניט. קעמט ניט די האָר פאַרן קליינעם שפּיגעלע.

זיך אָוועקגעזעצט און זיצט אַן אַנטשוויגענע.

— זיץ ניט, טאָכטער — פּילט חנה אַז זי ברעכט זיך איין, אַזש דער כעס גייט אויך אויס אין איר — טראָג אַריין עטלעכע העלצ־לעך. מען מוז עפּעס אָפּקאָכן. מיר וועלן אפשר אָפּשיילן אַ פּאָר קאַרטאָפל און מאַכן מיט אַ ציבעלע אַ ביסל פּישבולבע. די קינדער קומען באַלד פאַרטריקנטע פון לערנען. אָט הייבט זיך אויף דער ווינט וועט מען ניט טאָרן אויפלייגן קיין פייער.

סאַנקע פאָלגט. הייבט זיך אויף און גייט אין הויף נאָך העלצ־לער.

חנה קוקט אויף איר פון דער זייט ווי אויף אַ חולה מסוכן. זי בייסט זיך די ליפּן פאַר יסורים.

אָפּגעגעסן, האָט מען גלייך געמאַכט נאַכט. די קינדער זענען באַלד איינגעשלאָפן. חנה האָט געקרעכצט אויפן געלעגער. ניט געקענט זיך איינלייגן אַזוי אַז די ביינער זאָלן וויניקער ווי טאָן.

דורכן שפּאַלט פון דער קיך־טיר איז געפאַלן אַ בלאַסער שיין. דאָרט האָט געברענט אַ קאָפּטשילקע.ביים טיש איז געזעסן סאָנקע.

אַ גאַנצן טאָג וויל חנה איר עפּעס פרעגן. זי האָט אָבער מורא עס צו ברענגען פאַרן מויל. ליגט זי מיט אָפענע אויגן און ווייסט אַז זי טאָר ניט איינשלאָפן.

— חלילה וחס — מאַטערט זי זיך — איך בין דאָך אַ מאַמע.

מסתמא האָט זי דאָך איינגעדרעמלט. וואָרעם, ווי אַזוי איז עס געשען אַז פּלוצלונג האָט זי זיך גאָר געפונען ביי מאַרוסיען אויפן הויף? און זי, איר פריַערדיקע באַלעבאָסטע, האָט מיטן פינגער אָנגעוויזן אויף זינקען וואָס איז גראָד פאַרביי געגאַנגען מיטן גרויסן בויך.

— קוק, האָט זי געזאָגט — דאָס זענען צרות וואָס קומען פון קיריאַקאָווס אַלטער כאַטקע.

האָט עס זי אויפגעריסן פון דרעמל דער סקריפּ פון דערביי־איקן טויער? תיכף איז זי שוין געזעסן מיט אָראָפּגעלאָזטע פיס גרייט אַרויסצולויפן. זי האָט געהערט טריט אויף דער גאַס. זיי באַלד דערקענט. אין דעם מאָמענט איז אין קיך געוואָרן פינצ־טער. סאָנקע האָט פאַרלאָשן דאָס לעמפּל.

מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם איז שוין חנה געלעגן אויסגעצויגן אין בעט. געהערט ווי סאָנקע טוט זיך אויס אין דער פינצטער און גאָר שטיל, קיינעם ניט צו וועקן, קריכט זי אויף איר געלעגער.

די טעג זענען געוואָרן קלענער. אין די אָוונטן צו וועטשערע צינדט מען שוין פריַער אָן די קאָפּטשילקע. זיצן אַלע אין קיך אַרום טיש.

— מאַמע — טוט סאָנקע איין מאָל אַ פרעג — האָסט גע־האַט אַ מאָל אַ בריליאַנט?

— וואָס מיינסטו, אַ בריליאַנט? אַן אמתן בריליאַנט? לאַכסט מיין קינד.

— און געזען אַ בריליאַנט האָסטו אַ מאָל?

— געזען? איך וועל דיר זאָגן. געווען ביי אונדז אין שטעטל אַ גרויסער גביר. האָט מען געזאָגט, אַז זיין בת־יחידה טראָגט אַ

רינגל מיט אַ בריליאַנט. דאָס מיידל האָב איך געזען אָבער דעם בריליאַנט? איך וויל ניט זאָגן קיין ליגן. איך געדענק עפּעס ניט. מען זאָגט, אַז עס בלישטשעט מיט אַלע קאָלירן פון רעגן־בויגן. אָבער אַ מעשה מיט אַ בריליאַנט ווייס איך יאָ.

— אַ מעשה — האָבן שוין די קינדער אָנגעשטעלט נאָז און אויערן — דערציייל מאַמע, דערצייל.

— די מעשה איז אַן אמתע. דערציילט האָט עס מיר מיין טאַטע זאָל געזונט זיין. אייער זיידע אַליין. איך געדענק ניט דעם נאָמען פונעם ייִד, מיט וועלכן די זאַך האָט פּאַסירט. אַפילו ניט די שטאָט ווו ער האָט געלעבט. איך ווייס נאָר אויף זיכער, אַז די רייד איז וועגן איינעם אַ גרויסן אביון, וואָס האָט געהונגערט אַלע יאָרן, נעבעך, מיט זיין גאַנץ הויזגעזינד.

די קינדער הערן, סאָנקע זעט אויס צו זיין זייער פאַרטראַכט.

— יאָ. איז ווי איך זאָג אייך. אַ גרויסער אָרעמאַן געווען דער ייִד. אָבער זייער הייליק האָט ער געהאַלטן דעם שבת. דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז אַ גאַנצע וואָך האָט ער און זיין הויזגעזינד גע־הונגערט. געשפּאָרט גראָשן צו גראָשן זיי זאָלן קענען אויף שבת קויפן פיש. האָבן אַן אורח ביים טיש. האָט דער וואָס זעט אַלץ אויך דאָס צוגעזען און ווי ער קען — אים באַלוינט. איין מאָל בעתן מאַכן אַ פיש אויף שבת האָט דאָס ווייב אין אים געפונען אַ ברי־ליאַנט.

חנה איז אַנטשוויגן געוואָרן. לאַנג נאָכגעטראַכט.

— נו? — האָבן די קינדער געמאָנט — פאַר וואָס דער־ציילסטו ניט?

— איך ווייס? — האָט זי זיך געחקרנט — דער גוטער יאָר ווייסט עס. איז עס טאַקע געווען אַ בריליאַנט? דער טאַטע האָט בפירוש געזאָגט אַ זייער טייערער שטיין. איך וויל ניט זאָגן קיין ליגן אָבער וואָס איז די נפקא־מנא. דער ייִד איז אויפגעריכט געוואָרן. פון דעמאָלט אָן — געלעבט כיד המלך. אַ גאַנצע וואָך געהאַט וואָס צו עסן. מיט וואָס צו מאַכן שבת. פאַר די קינדער אויף שכר־לימוד. עס האָט אים מיט גאָטס הילף גאָרניט געפעלט.

פון דרויסן האָט זיך דערטראָגן אַ פאַרבענקט מוקען. פאַר קיריאַקאָווס טויער איז געשטאַנען זיין בהמה און זיך געבעטן מען זאָל זי אַריינלאָזן אין שטאַל.

— לאָמיר מאַכן נאַכט. איר זעט? טרוקן דאָס קנייטל. דאָס לעמפל איז פוסט. סאַנקעלע, אַז דו וועסט הערן מען גיט נאָפט אין „סיעל-פאָ״, זאָג מיר, מיין קינד, וועל איך זיך באַצייטנס שטעלן אין אָטשערעד.

דער קורצער זומער איז גיך אַוועק. דער גאָרטן אָפּגעבליט. צעטריקנטע, האַלב פאַרפוילטע, זענען געלעגן די נאַטשינעס.

— איין גאָט ווייס ווי מען וועט דאָ אין כאַטקע איבערווינטערן

— האָט עס חנהן געמאַטערט. עס וועט מסתמא טאַקע זיין זייער קאַלט. דער גאָרטן אָבער האָט געגעבן אַ סך קאַרטאָפל, האָט זי זיך געטרייסט דערמיט וואָס מען וועט ניט הונגערן. עס קען נאָך אַפילו קלעקן אויסצובייטן אַ ביסל אויף האָלץ ביי אַ קאַזאַר.

געווען איז עס אַ זונטיק. פריי פון דער אַרבעט, פון שול, האָבן זיך אַלע גענומען אויסגראָבן די קאַרטאָפל. צווישן זיי האָט זיך געפּלאָנטערט די קליינע איטעלע. פאַרהויבן דאָס קליידעלע, און געקליבן אין דעם די גאָר פּיטשינקע קאַרטאָפלעלעך. שפּעטער זיי געסדרט לויט דער גרייס. אין דער צעגראָבענער ערד האָט זי אויך געפונען שערבלעך, גלאַטע שטיינדעלעך. אַלץ צוזאַמענגענומען אין אַ צעבויגענער, בלעכענער פּושקע און געפרייט זיך מיט איר פאַרמעגן.

אַ טריבער טאָג געווען. די זון האָט זיך כסדר געטונקט. אַ ווינט האָט געיאָגט פון סטעפּ.

זיי האָבן געהאָרעוועט מיט אַלע כוחות. געמוזט ביז נאַכט אַלץ אַריינצונעמען אין שטוב. פאַרנאַכטלעך איז דער ווינט געוואָרן גאָר שטאַרק. געדרייט, געהוזשעט, דורכגענומען מיט האַרבסטיקער קעלט.

— נאָך אַ נס דער ווינט. גאָט פאַרלאָזט ניט — האָט חנה געציטערט — ער וועט אַ טריקן טאָן די קאַרטאָפל וועלן זיי ניט פוילן.

פאַר פינצטער האָט מען אַלץ פאַרענדיקט. מידע, מיט אַראָפּ־געלאָזטע הענט, זענען אַלע געזעסן, יעדער פאַרטייעט אין זייןווינקל. איטעלע, נעבן פענצטער, אויף דער ליימענער פּאָדלאָגע, איז געווען שטאַרק פאַרנומען מיט איר פאַרמעגן. אַנטקעגן איר, ביים פריפעטשאָק, איז געשטאַנען חנה, צוגעוואָרפן שפּענדלעך אונטערן דרייפוס. עס האָבן זיך געקאָכט בולבעס אויף וועטשערע. דאָס פייער אונטערן טעפּל האָט אויך באַלויכטן די שטוב, פאַר־שפּאַרט אָנצוצינדן דאָס לעמפּל.

— שפּיל זיך, איטעלע — האָט חנה כסדר גערעדט צום קינד — נאָר אַ ווײַלע און מיר גייען עסן.

ס'איז איר געגאַנגען אין לעבן די קליינע זאָל ניט איינשלאָפן הונגעריק.

— שוין! — האָט זי טאַקע באַלד גערופן אַ צופרידענע — קינדער, אסתר, שוין פאַרטיק די קאַרטאָפל. נעמט די פּאָר שיסעלעך צום טיש! — האָט זי זיך אַ קער געטאָן צו איר — אוי, גאָט מיין איינציקער! טאַטע זיסער!

זי איז געבליבן שטיין אַ בלייכע, מיט פאַרבראָכענע הענט. און מאָדנע האָבן זיך צעגלאַנצט אירע אויגן.

— אַ דאַנק און אַ לויב דיר האַר אין הימל. קינדער, אסתר! קומט גיכער אַהער! — האָט ניט ווי געוויינטלעך געקלונגען איר קול. די פיס האָבן זיך איר אונטערגעבראָכן.

קוים זי האָט זיך דערשלעפּט צו דער באַנק און שווער אַראָפּ־געלאָזט.

— וואָס איז? וואָס איז געשען?

— פילסט זיך ניט גוט, מאַמע? — איז סאָנקע צוגעלאָפן צו איר.

— קוק! — האָט חנה געוויזן צו איטעלען.

סאָנקעס אויגן זענען גרעסער געוואָרן. די אונטערשטע ליפּ האָט אָנגעהויבן ציטערן.

איטעלע איז געזעסן. אַרום איר פול פּיטשינקע קאַרטאָפּלעלעך, שערבלעך. אויפן גראָבן פינגער פון פוס האָט זי געשטופּט אַ רונג. אים אַראָפּגענומען און ווידער אַרויפגעשטופּט.

דער רונג איז געווען שמוציק, באַלייגט מיט פאַרטריקנטע בלאָטע, נאָר דאָס שטיינדל אין אים האָט געשיט מיט פאַרביקע פונ־קען, פון טונקעלן ווינקל אַרויס.

— ווו האָסטו עס געפונען? — האָט סאַנקע זיך אַראָפּגע־בויגן צו איר.

— טשעפּע ניט. איך האָב עס אַליין געפונען אויפן גאָרטן. עס איז מיינס. איך האָב נאָך אַ שערבל, איז ער נאָך שענער. זע דאָס שיינע בלימעלע אויף אים. פאַרמאַך איין אויג און קוק אַזוי וועסטו אַלץ זען בלוי. ניט איצטער — האָט די קליינע באַדויערט נאָכן ווייזן ווי אַזוי צו קוקן — עס איז פינצטער, איך וועל אים דיר באָרגן מאָרגן, ווען עס וועט זיין ליכטיק.

— אַ דאַנק און אַ לויב דיר גאָט. זעסטו וואָס עס איז סאַנקע?

— איז חנה ביסלעכווייז געקומען צו זיך — נו, פאַרשטייסט שוין, אַז מיר האָבן אַ גאָט אין הימל? נאַריש קינד, דו וויינסט גאָר?

— מאַמע — האָט סאַנקעס קול געציטערט — מאַמע, עס איז גרישעס רונג.

— גרישעס רונג?

— יאָ מאַמע, ער האָט אים פאַרלאָרן אויפן גאָרטן.

אַ היפּשע ווײַלע איז חנה געזעסן מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן. דעם רונקן צוזאַמענגעצויגן, ווי בעתן קריגן אַ קלאַפּ. נאָך דעם האָט זי שטרענג און מאַנענדיק גענומען קוקן אויף סאַנקען.

— איך קען ניט מאַמע — האָט זי זיך געבעטן אַ צעקלעמטע

— אפשר וועסטו? וואָס טוט מען? מאַמע, וואָס זאָל איך טאָן?

אַז אַ וואָרט האָט חנה זיך אויפגעהויבן פון אָרט. אָנגעטאָן די שבתדיקע טופליעס, איר געבלומטע פאַטשיילע, ווי זי וואָלט זיך געקליבן ערגעץ אויף אַ שמחה. בסך הכל איז זי אַריין אין דעם שכנישן הויז, צו די גראַס׳.

איטעלע האָט זיך אַזוי פאַרשפּילט מיטן שערבעלע, אַז זי האָט אַפילו ניט באַמערקט ווען חנה האָט צוגענומען דעם רונג.

דאָס פייער אויפן פריפּעטשאָק איז אויסגעגאַנגען. אסתר האָט אויפגעבלאָזן אַ קויל און אָנגעצונדן די קאָפּטשילקע. אַ פּאָר מינוט

האָט געדרויערט און חנה איז צוריקגעקומען. אַלע זענען געזעסן ביים טיש און געגעסן די בולבעס.

— עס איטעלע, שלינג אַראָפּ — האָט אסתר כסדר געמאָנט.

— פאַרשפּילט זי, דערציילט איר עפּעס אַ מעשהלע. זאָל דאָס קינד ניט איינשלאָפן הונגעריק — האָט חנה זיך געערגערט, זעענדיק די קליינע אַזוי שלעפעריק. — צו שפּעט אַרויסגעקומען. מיד, נעבעך, נאָכן גאַנצן טאָג.

— געדענקסטו איטעלע, ווי אַזוי מיר האָבן געמאַכט דעם גאָרטן ?

— דאָס איז אַ מעשהלע, מאַמע ?

— אָט הער, מיין קינד, ווערסטו אַליין זען. אַ סך יאָרן זענען הינטערן שטוב געוואַקסן הויכע גראָזן מיט טיפע וואָרצלען אין דער ערד. פּיל קראָפּיווע, דערנער. אָט אַזוי, צעקיי, שלינג אַראָפּ. מיר אַלע האָבן צעגראָבן די ערד. צעשניטן די קאַרטאָפל, וואָס מיר האָבן אָפּגעשפּאָרט נאָכן ווינטער. אין יעדן שטיקל קאַרטאָפל איז געווען אַן אייגעלע. געדענקסט ?

— יאָ.

— שוין ? אַראָפּגעשלונגען ? מיר האָבן געמאַכט גריבעלער אין דער ערד און דו אַליין, מיין קינד, האָסט אין יעדן גריבעלע אַריינגעוואָרפן אַ שטיקל קאַרטאָפל. מיר האָבן עס פאַרשאָטן, אויסגעגלייכט די ערד און עס איז געוואָרן אַ גאָרטן. די זון האָט עס געוואַרעמט, דער רעגן — באַגאָסן. האָבן אַרויסגעשפּראָצט גרינע בלעטעלער, און אונטער זיי, טיף אין דער ערד, זענען געוואַקסן די קאַרטאָפל. גרויס געוואָרן די נאָטשינעס איבער זיי. אַזוי הויך ווי דו, מיין קינד. מיט ווייסע און ליליע בלימעלער זיך צעבליט. און פונקט אַזעלכע פלאַטערלער פלעגן זיך שטעלן אויף זיי. געדענקסטו ווי דו האָסט זיך געיאָגט נאָך די פלאַטערלער ?

— יאָ.

— און דער „בזניק" וואָס איז דאָרטן געוואַקסן צווישן די נאָטשינעס, די שוואַרצע יאַגדעס ? האָסט ליב „בזניק" ?

די קליינע האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. שוין האַלב פאַרמאַכט די אייגעלער.

— היינט האָבן מיר די קאַרטאָפּל אויסגעגראָבן. קוק וויפל זיי זענען. אַ סך! און דאָרט אין ווינקל, ביים פּריפּיטשאָק, ליגן נאָך אַלע פּיטשינקע, וואָס דו האָסט צונויפגעקליבן. דאָס בלויע שערבל, מיטן שיינעם בלימעלע. און קוקסטו דורך אים, זעסטו אַלץ בלוי. בלוי ווערט די גאַס. פּיעטרוק מיט דער סטאַדע גייען בלויע צוריק פון פעלד. דער הימל ווערט נאָך בלויער ווי שטענדיק. און קוים איז ער פאַרוואָלקנט, איז דער וואָלקן אויף אים אויך אַ שיינער. אינגאַנצן אַ בלויער. האָסטו ליב, טעכטערל, צו זען אַלץ אַזוי בלוי?

די קליינע האָט שוין ניט געענטפערט. איינגעשלאָפן. אסתר האָט זי אַוועקגעלייגט אויפן געלעגער און צוריקגעגאַנגען צום טיש.

מען האָט געגעסן שווייגנדיק.

פּלוצלונג האָט זיך דערהערט אַ שטילער שלוכצן. סאָנקע האָט געפּרוּווט דערשטיקן דאָס געוויין. אים אַראָפּשלינגען צוזאַמען מיט די קאַרטאָפּל. זי האָט פאַרביסן די ליפּן. עס האָט אָבער ניט געהאָלפן. האָט זי מיט די הענט פאַרשטעלט דאָס פּנים און שטיל געבליפּעט.

אַלע זענען געבליבן זיצן מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. אויך חנה האָט דעם קאָפּ ניט אויפגעהויבן, אים צוגעשאָקלט טרויעריק און שטיל געמורמלט, ווי פאַר זיך אַליין:

— אַ גבירישער מזל, קיין עין־הרע.

דאַנקע

דעם ערשטן מאָל האָט אסתר דערזען דאַנקען אויפֿן מאַרק. יענעם זונטיק האָבן זיך גאָר ווייניק צונויפֿגעקליבן. פֿון די אַאולן איז זעלטן ווער געקומען מחמת דער קעלט. דער פֿראָסט האָט גע־קנאַקט. די וואָס זענען יאָ געקומען, זענען געווען אָנגעפּעלצט, אַרומגעוויקלט, אַז קוים מ'האָט אַרויסגעזען די נעזער.

די קאַזאַכקעס, מאַמעס און דערוואַקסענע טעכטער, האָבן זיך איינגעהילט אין גרויסע, וואָלענע שאַלן איבער זייערע סאַמעטענע בעקעשן. געטראָגן הויכע וואַליקעס אויף די פֿיס. האַלטנדיק זיך ביי די הענט האָבן זיי געדרייט זיך צווישן שיטערן עולם, אויסגע־קוקט וואָס מען קען אַלץ קריגן ביי די שטאַטישע.

דער מאַרק האָט אָבער אויסגעזען ליידיק. לעבן לאַנגן טיש, ווו מען פֿאַרקויפֿט שטענדיק בוריקעס, קרויטן, איז געשטאַנען איין וואַסיליכע און געקלאַפּט אַ פֿוס אין אַ פֿוס. ביים ראָג האָט זי אַוועקגעלייגט איר סחורה — עטלעכע שטיקלעך געפֿרוירענע מילך אַרויסגענומענע פֿון די שיסלען, האָבן זיי אויסגעזען ווי ווייסע, גלאַנציקע שטיינער.

פּלוצעם איז אַכמעטאַוו, וואָס וווינט אין נאָענטן אַאול, אַרויפֿ־געפֿאָרן אויפֿן מיטן מאַרק מיט זיין פֿערד און שליטן.

— זע נאָר זע, אַהער גאָר פֿאַרפֿאָרן — האָט מען געקוועטשט מיט די פּלייצעס.

— פֿוילט זיך מסתמא אַרויסצוקריכן פֿון וואַרעמען שליטן.

— אפֿשר האָט ער עמעצן געבראַכט אין באָלניצע? — האָט מען געפּרוּווט זיך דערקלערן.

די קאַזאַכן פֿאַרפֿאָרן קיין מאָל ניט אויפֿן מאַרק, שטעלן זיך אָפּ ביי קרובים, ביי באַקאַנטע און קומען צו גיין אַהער אויסשפּירן, וואָס עס לאָזט זיך קויפֿן אָדער אויסבייטן.

זיינער אַ ידיד, קאַנטיק, האָט זיך גלייך צוגערוקט צו אים, גע־

טאַפּט אין שליטן. אַ צווייטער האָט אונטערגעשטעלט אַן אויער, זיך זייטיק צוגעהערט וואָס זיי רעדן. באַלד האָט זיך אָנגעהויבן אַ שמועס.

— איך קען ניט — האָט אַכמעטאָוו צעפּירט די הענט — עס איז געפרוירן! אַ שטיק שטיין! ווי ווילסטו איך זאָל עס האַקן?

— וויפל האָסטו?

— זיכער מער ווי אַ פּוד.

דאָס רעדל אַרום אים איז געוואָרן אַלץ גרעסער. מען האָט שוין געוווּסט אַז אַכמעטאָוו האָט פערדנפלייש.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ דינגעניש. פינף זענען שוין געווען וואָס האָבן געוואָלט עס אָפּקויפן בשותפות. זיי האָבן גערעדט הויך, זשעסטיקולירט מיט די הענט. ניט געקענט דורכקומען צו וועמען מען זאָל דערמיט פאַרפאָרן.

איינער אַ נידעריטשקער, אַ דאַרער, אין אַ גרויסן פּעלץ פון וועלכן מען האָט אים קוים אַרויסגעזען, האָט פאַרהויבן דעם קאָפּ און מער מיט די אויגן ווי מיט די אויערן, געוואָלט אויפכאַפּן וואָס דאָ קומט פאָר. טויב ווי די וואַנט, האָט ער געהויבן דאָס בערדל אַלץ העכער, אַזוי פאַרריסן דעם קאָפּ, אַז ער האָט מיט דער האַנט געמוזט אונטערהאַלטן זיין גרויסע קוטשמע, זי זאָל אים ניט אַראָפּ־פאַלן. נאָכאַנאַנד האָט ער געשריִען:

— איך הער ניט! רעדט איך זאָל פאַרשטיין!

מען האָט זיך געאַמפּערט. דער וואָס איז צוגעקומען דער ערשטער, איז דורכויס באַשטאַנען מען זאָל פאַרפאָרן צו אים, לאָזן דאָס פערדנפלייש אָפּגיין איבער נאַכט און טאָקע ביי אים עס צעטיילן. ער האָט אויך אַן אייגענעם בעזמען.

— פאָרן אַזש צו דיר אין אַאול? — האָט מען אים דערוויי־דערט מיט רוגזה און אומצופרידן.

זיי האָבן לאַנג ניט געקענט דורכקומען צווישן זיך און אַפילו ניט באַמערקט ווי עמעץ פון דער זייט איז צוגעקומען צו אַכמע־טאָוון, אַ טאַפּ געטאָן די סחורה, עפּעס גערעדט, זיך געגעבן די הענט מיט אַ הילכיקן פּאַטש און באַלד זענען שוין ביידע געזעסן אין שליטן.

די שותפים האָבן נאָך אַלץ זיך געאַמפּערט. געכאַפּט זיך ערשט דעמאָלט, ווען אַכמעטאָוו האָט אַ טרייב געטאָן דאָס פערד.

— נו? — האָבן זיי זיך אַ לאָז געטאָן צו אים — מיר קויפן דאָך! מיר נעמען עס אַלע!

— ניטאָ!

— וואָס ניטאָ?

— שוין פאַרקויפט!

ער האָט נאָך אַ מאָל אַ געשריי געטאָן אויפן פערד, אַ צי געטאָן די לייצעס און אַוועקגעגליטשט זיך פון מאַרק.

די קונדן זענען געבליבן געפּלעפּטע.

— לויף מיט דיין מציאה! — האָט איינער נאָכגעשריִען.

— קוקט נאָר אָן דעם יחסן מיט זיין פאַדלע! — האָבן זיי זיך גאָרניט געקענט באַרואיִקן, אים נאָכגעשריִען, געשפּייט, געזידלט און ענדלעך זיך געגומען פונאַנדערגיין. נאָר דער טויבער האָט אָנגעכאַפּט עמעצן ביי דער פּאָלע, ניט געלאָזט אים אַוועקגיין. געוואָלט וויסן פאַר וואָס איז אַכמעטאָוו אַוועקגעפאָרן מיטן פלייש.

— ווי דערלאָזט מען עס אַזאַ זאַך? — האָט ער געצמאָקעט מיט די ליפּן.

עמעץ האָט זיך פאַרהאַלטן ביי דער אַלטער קיריאַקאָווע. באַטראַכט אירע צוויי פּאָר גרויע וואַליקעס, וואָס זי האָט געטראָגן צום פאַרקויפן. זיי זענען געווען אויסגעלאַטעט, מיט אַרויפגענייטע ברוינע זאַדניקעס און שפּיצן. דער קונד האָט זיי געדרייט אויף אַלע זייטן, געקלאַפּט אין זיי מיט די פינגער און צוריקגעגעבן.

— זיי זענען כמעט ווי ניי — האָט קיריאַקאָווע זיי געלויבט — אין גאַנצן איין ווינטער געטראָגן. — דער קאָזאַך איז אָבער אַוועק ניט לייגנדיק קיין אַכט אויף דעם וואָס זי זאָגט.

ניט אָפּגעטראָטן פון איר איז די קאַפּיטאַנאָווע. זי האָט געוואָלט קויפן די גרעסערע פּאָר. געוויזן אַז זיי זענען טאַקע די זעלבע מאָס ווי דעם מאַנס אָפּיצערסקע שטיוול, וואָס זי טראָגט. עס פרירן אָבער אין זיי די פיס. שוין עטלעכע מאָל האָט זי באַקוקט די לאַטעס, געטאַפּט זיי. קיריאַקאָווע האָט זיי אָבער אַ נעם געטאָן ביי איר, געלאָזט זי שטיין און זיך אַוועקגעדרייט. געזוכט אַנצוּ־

טרעפן אויף אַ בעלן, וואָס זאָל געבן דערפאַר האָלץ. גרייט געווען אַפילו צוצאָלן אַ ביסל קאַרטאָפל.

צווישן אַלע האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן דאַנקע. אַ פנים חדשות. מיט אַ רויט היטעלע אויפן קאָפ, אין אַ געפּאַסטן מאַנטל און פאַרשנורעוועטע הויכע שיכלער. זי איז געגאַנגען אַהין און צוריק מיט איר סחורה, אָנגעהאַנגען אויפן אָרעם: אַ ווייס, שטייף אָנגעקראָכמאַליעט אונטערקלייד מיט גרויסע, געהאָפּטענע שפּיצן, אַ ראָז דורכזעיִק קליידל אָן אַרבל און אַ פאָר זומערלעטשלעך מיט ניט־געווײנטלעך הויכע, דינע קנאָפּל.

מען האָט זי אַרומגערינגלט. ווער עס האָט צוגעלייגט צו זיך דאָס אונטערקלייד, ווער דאָס קליידל. אַלע האָבן מיט נייגעריקע אויגן פול התפעלות באַדויערט וואָס עס איז אַזוי קורץ און שמאָל.

— כאָטש נעם און צעצי עס.

— עס איז צו קליין — האָט מען עס איר צוריקגעגעבן.

די קונדן זענען אָבער פון איר ניט אָפּגעטראָטן. ניט געקענט זיך אָפּוווּנדערן פון די לעטשלעך. געוואָלט דערגיין ווי אַזוי רוקט מען אַריין אין זיי די פיס. און ווען די פיס זענען שוין אינעווייניק, צי קען מען זיך האַלטן שטייענדיק, אָדער פאַלט מען גלייך אום.

דאָס רעדל אַרום איר איז געוואָרן אַלץ גרעסער. דאַנקע האָט צו אַלע געשמייכלט. ניט פאַרשטאַנען וואָס זיי רעדן. באַלד זיך אַרויסבאַקומען פון צווישן זיי. געביטן דאָס אָרט.

אַ קאַזאַר מיט אַ שיטער בערדל און אַ קוטשמע אויפן קאָפּ, האָט זי אַוועקגערופן אין אַ זייט. איז זי אַוועק מיט אים. האַלב אויף רוסיש, האַלב אויף קאַזאַכיש, האָט ער איר איינגערוימט, אַז ביי אַ פריינד האָט ער שטיין ווייץ. געוווּנקען קלוג, זי זאָל פאַר־שטיין, אַז אויפן מאַרק קען מען עס ניט ברענגען. ער וויל עס אויס־בייטן, מאַכן מיט איר אַ מיסחר, זי זאָל אים געבן טיי.

עס האָט ניט געהאָלפן איר פאַרזיכערן אים אַז זי האָט ניט.

— דו האָסט — האָט ער געטענהט — איך ווייס דאָך. אַלע שטאָטישע האָבן טיי. אויף ווען האַלטסטו עס?

דאַנקע האָט אים געלאָזט שטיין און זיך צוריקגעקערט. זי האָט

געקלאַפּט אַ פּוס אָן אַ פּוס, געאָטעמט אויף די הענט, געפּרווווט זיך דערוואָרעמען און באַלד, אומבאַמערקט, פאַרשווונדן פון מאַרק.

אַ סך שפּעטער, אין טיפן זומער, ווען זיי האָבן ביידע געאַרבעט אויפן „זאַגאַט־זיערנאָ", האָט אסתר דערמאָנט דאַנקען ווי אַזוי זי האָט זי דערזען צום ערשטן מאָל.

— אַ, דעמאָלט, מיט די זומערלעטשלער — האָט דאַנקע געלאַכט. — קוים מיטן לעבן בין איך אַנטלאָפן אַהיים. אַזאַ פראָסט געווען. ווייסט, סטעראַ, גוט וואָס איך האָב זיי ניט פאַרקויפט. אַנדריושע איז אַזוי הויך, אַז איך גיי ביי זיין זייט, גרייך איך אים ביזן קעשענע. ווערסט זען, ער וועט קומען אַהער וועל איך אָנטאָן די לעטשלער.

זי האָט געמאַכט אַן ערנסטע מינע, זיך אויפגעהויבן אויף די שפּיץ פינגער, צו ווייזן ווי זי וועט אויסזען מיט די הויכע קנאָפּל לעבן אַנדריושען. ניט געקענט אָבער אַזוי זיך האַלטן אויף דער קופּע ווייץ און אומגעפאַלן קייכנדיק פאַר געלעכטער.

דער גאַנצער פּלאַץ האָט געפינקלט מיטן הויך אָנגעשאָטענעם ווייץ אַנטקעגן דער זון. די גרוזשטשיקעס האָבן געבראָדזשעט איבער די קערנער, ווי איבער טרוקענעם זאַמד.

אסתר, אַ באָרוועסע, געבויגן, מיטן זאַק אויף די פּלייצעס, איז געגאַנגען אַהין, וווּ מען האָט געשאָטן תבואה צום לופטערן. הינטער איר האָט מען שוין ווידער געהערט דאַנקען לאַכן. שטענדיק געפינט זי פון וואָס צו לאַכן. איצטער האָט איר אויסגעזען קאָמיש האָלינע מיטן זאַק. עס האָט טאַקע געפעלט אַ האָר ער זאָל זיך אַראָפּגליטשן פון אירע פּלייצעס. זי האָט געוואָלט דעם זאַק אונטערהאַלטן מיטן היפּט ביזן דערלויפן צום פונקט.

דאַנקע אַליין האָט געשפּאַנט מיט אירע קורצע פיסלער, דעריאָגט אסתרן. זי האָט געאײַלט, געפילט אַז אויך איר זאַק ציט צו דער ערד.

— ער איז אַזוי שווער — האָט זי געשריען — כאָטש פּלאַץ פון געלעכטער!

— לאָז אים אַראָפּ, דאַנקע, ווערסט דאָך אומפאַלן.

— אַראָפּלאָזן? און ווי וועל איך אים ווידער אויפהייבן? איך קען אים דען פאַרוואַרפן אויף די פּלייצעס?

זי איז טאַקע דערלאָפן. באַלד האָט זי געשפּאַנט צוריק מיטן ליידיקן זאַק, פאַרפּאַמעלעבט דעם טראָט. געזוכט אויסצומאַרקירן, אַז אסתר זאָל זי אָניאָגן.

— סטעראַ — האָט זי שטיל אַ זאָג געטאָן — ענקאַוועדע איז היינט דאָ אין דאָרף.

— וואָס איז?

— דער שוואַרציאַר ווייסט וואָסער טייוול עס טראָגט זיי אַהער. שוין ווידער אַן אומגליק אויף עמעצן.

אסתר האָט געשוויגן.

— זיי קומען קיין מאָל ניט גלאַט אַזוי. הערסט — האָט זי גע־קוקט אַרום זיך — סטעראַ, פאַר גרישקען זאָלסטו זיך היטן. ער אַרבעט כלומרשט דאָ ווי מיר אַלע, אָבער מען ווייסט שוין. מען דאַרף זיין אָפּגעהיט.

— וואָס איז זיך דאָ צו היטן? מען שלעפּט שלעכט די זעק?

— זיי ניט קיין חכמה. ביסט טאַקע פאַרשיקט, אָבער ביסט מיט דיין קינד. וואָס טוסטו אַז זיי נעמען דיך צו אין „טרודאַרמיי״? זיי קענען.

— געוויס קענען זיי.

— סטעראַ, פאַר דער פּאָליאַטשקע, פאַר דער הויבער זאַשען, זאָלסטו זיך אויך היטן. מען רעדט אויף איר.

— וואָס רעדט מען?

— מען זאָגט זי שלאָפט מיטן פּרעדסעדאַטעל.

— אין שלאָף טוט מען ניט קיין שלעכטס.

דאַנקע האָט זיך הויך צעלאַכט.

— הער אויף צו לאַכן, דאַנקע, עס קען אויסזען אַז דו אַר־בעטסט שלעכט.

—איך האָב זיי אין דער ערד.

— שאַ.

זיי זענען געגאַנגען אַהין און צוריק. דאַנקע האָט שוין צוגע־היט זיי זאָלן אויסקומען אין איין ריי.

סטעפאַן האָט זיי אַנגעיאָגט מיטן ליידיקן זאַק. זענען זיי אַלע דריי געגאַנגען צוזאַמען. ער האָט געבראָדזשעט טיף אין ווייץ, גע־שאָטן די קערנער פאַר די פיס. ווי אַן אָקס וואָס שפּאַנט אין טיפן שניי.

סטעפּאַן האָט אַ קוק געטאָן צום הימל און דערלאַנגט אַ וואָרף דעם זאַק פּאָרויס. אַראָפּגעלאָזט זיך אויפן אָרט ווו ער איז געשטאַנען. פאַמעלעך האָט ער גענומען פאַרדרייען אַ מאַכאָרקע.

— סטערא — האָט דאַנקע ווידער איר איינגערוימט אין אויער — הערסט, נעכטן האָט מען מיר געזאָגט, אַז מען דאַרף זיך פאַר סטעפאַנען אויך היטן.

— פאַר וועמען דאַרף מען זיך ניט היטן?

ביי דאַנקען האָבן צוויי קנייטשן זיך אַ הייב געטאָן אויפן שטערן. זי האָט אָנגעקוקט אסתרן מיט אומצוטרוי און באַלד זיך הויך צעלאַכט.

דער עולם איז געזעסן מיד, מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט, וואַרטנ־דיק אויפן פאַיאָק. מען האָט גענומען צו ביסלעך קערנער פון די הויפנס, דורכגעבלאָזן זיי און געקייט.

אַן אומגעדולדיקע האָט דאַנקע געקוקט אין אַלע זייטן, פלו־צעם זיך אין עפעס דערמאָנט און הויך אַ זאָג געטאָן:

— איך בין אַזוי הונגעריק, כאָטש פלאַץ פון געלעכטער!

— שוין איין מאָל אַ געלעכטער — האָט וואַסיל זיך אָפּגערופן און געקוקט אויף איר ווי אויף אַ צעדרייטער.

לעצטנס האָט דאַנקע שטאַרק געוויינט פאַר אסתרן. געווען איז עס נאָך אַ בריוו וואָס זי האָט באַקומען פון אַנדריושען. ער האָט געשריבן, אַז צו אים זענען דערגאַנגען ביטערע גרוסן פון דער היים. דאַנקעס עלטערן האָט מען דערהרגעט. מען האָט אים אַפילו געשריבן ווער עס האָט זיי דערשאָסן. אייגענע.

אסתר האָט געפרוווט זי באַרויקן.

— קען ער עס אַזוי געניי וויסן, אַנדריושע? אפשר איז דאָס נאָר אַ קלאַנג.

דאַנקע האָט זיך נאָך שטאַרקער צעכליפּעט. דורך די טרערן,

גאַרניט זאָגנדיק, האָט זי לאַנג געקוקט אויף איר און אסתר האָט פּלוצלינג דערזען מיט פאַרוווּנדערונג:

— דאַנקע — האָט זי אויסגערופן — דו ביסט אַ...

— איך בין אַ ייִדישע, סטעראַ, איך ווייס, איך זע ניט אויס. איך האָב קיין מאָל ניט געטראַכט וועגן דעם. כ'דערמאָן זיך נאָר, אַז ווען מיין באָבע האָט געלעבט, פלעגט זי מיך אָפּט רופן דעוואָ־רעלע.

דער נאָמען האָט זיך גוייִש אַרויסגעקייקלט פון איר מויל.

— און אַנדריושע? — האָט אסתר אַ פרעג געטאָן.

דאַנקע האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין.

— ער וועט קומען, אַנדריושע, נאָך דער מלחמה. ער וועט נקמה נעמען. זיי וועלן באַצאָלן, די מערדערס. ער שרייבט, עס וועט זיי ניט אָפּגיין גלאַט, די הינטישע זין.

שפּעטער האָט מען דאַנקען געזען אַ שווייגנדיקע. פאַרטיפט אין איר ווייטיק האָט זי געשלעפּט דעם פולן זאַק צו די גרוזאָווי־קעס, אויסגעשעפּטן און געדולדיק צוריקגעגאַנגען מיטן ליידיקן זאַק. די געלופּטערטע תבואה איז דעמאָלט געגאַנגען צום פראָנט.

מיט דער צייט האָט זי אַלץ זעלטענער געוויינט. געוואָרן באַ־הערשטער און טרויעריקער.

— מלחמה — פלעגט זי זיך איינגעמען און מער פאַרעקשנט זיך בייגן אונטער דער משׂא.

— וואָס שרייבט אַנדריושע, דאַנקע? — פלעגט אסתר אָפּט פרעגן.

דאַנקע פלעגט זיך אויפוועקן פון איר פאַרטראַכטקייט. זי האָט ליב געהאַט צו רעדן פון אים.

— ער בעט מיך — האָט זי איין מאָל דערציילט — איך זאָל בלייבן דאָ, ביז די מלחמה וועט זיך ענדיקן. איך זאָל אין ערגעץ ניט פאָרן. אַהער וועט ער קומען מיך זוכן.

אָפּט מאָל איז אַן אומגעדולדיקייט זי באַפאַלן.

— איז עס פאַר מיר אַן אַרבעט צו שלעפּן שווערע זעק? — פלעגט זי פּלוצלינג זיך כאַפּן און אַ וואָרף טאָן דעם ליידיקן זאַק צו דער ערד.

— וואַרף אים ניט ווייט — האָט מען זי געוואָרנט — וועסט במחילה אים מוזן גיין אויפהייבן.

— וועל איך! — האָט זי זיך געברוגזט ווי אַ קינד. די שטי־פערקע אין איר האָט זיך אויפגעוועקט, איז זי אַרויפגעקראָכן אויפן סאַמע שפּיץ פון דער קופּע תבואה.

— פאַר אַנדריושען איז עס אַן אַרבעט! — פלעגט זי צוזען אירע קליינע הענטלעך אַרויף — אַזוי הויך איז ער! אַזוי!

בשעת מעשה איז זי אָבער געזונקען טיפער אין ווייץ, געוואָרן אַלץ קלענער, אויסגעזען ווי אַ פּיצל, קאָמיש מענטשעלע.

די גרוזשטשיקעס האָבן געשפּאַסט. דאָס איז איר געווען צום האַרצן. די אָנגעברוגזטקייט איז פאַרשוווּנדן פון איר פּנים. אָט האָט זי זיך פאַרקרימט ווי פון ווייטיק און ווי קעגן איר ווילן זיך צעלאַכט.

— אוי, איך פּלאַץ פון געלעכטער... איך שטאַרב אַוועק... ווי איז מיר, איך לאַך.

טרערן זענען איר גערונען פון די אויגן. קיינער האָט ניט גע־ווּסט, לאַכט זי טאַקע אָדער זי וויינט.

דאַנקע האָט אויפגעהערט צו באַקומען בריוו פון אַנדריושען. אין די פרייע מינוטן האָט מען זי געזען זיצן אַן אָפּגעזונדערטע אין איר פאַרטראַכטקייט, שיטן קערנער אויף די באָרוועסע פיס, ווי אַ קינד וואָס שפּילט זיך אין זאַמד.

אסתר האָט זי אָפּט געטרייסט. אויסגערעכנט כּלערליי מעג־לעכקייטן, וואָס קענען פאַרהאַלטן אַ בריוו פון פראָנט. זי פלעגט הערן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און פּונקט ווי עס זאָלן אין גאַנצן ניט האָבן דערגאַנגען צו איר אסתרס רייד האָט זי געקענט זיך אָפּרופן:

— און אפשר איז ער בלויז גערעניעט, מיין אַנדריושע? אפשר האָט ער געהאַט גליק? — האָט זי געטראַכט אויפן קול.

געווען מיטאָג־שעה. די גרוזשטשיקעס זענען אַלע געזעסן אויפן ווייץ. געוואַרט אויפן פּאַיאָק. זאָשע איז געקומען מיטן ברויט און

האָט איבערגעגעבן אַז דער סעקרעטאַר בעט דאַנקען קומען אין סיעל־סאָוועט.

— מיך? — האָט דאַנקע אַ בלייכע זיך אַ הייב געטאָן פון אָרט און איז אַנטלאָפן.

גאַר גיך איז זי צוריקגעקומען. זי איז ניט געגאַנגען נאָר גע־שפרונגען. געלאָפן איבערן גאַנצן פאַרשאָטענעם פלאַץ. געפאַלן זיך אויפגעהויבן. עס האָט זי געטראָגן אין דער לופטן.

— ער לעבט! ער קומט! ער לעבט אַנדריושע! אַ בריוו פאַראַן אין סיעל־סאָוועט איך זאָל אים קומען זוכן ביי דער באַנסטאַנציע. איך פאָר! איך פאָר באַגעגענען אַנדריושען!

ליזע, ביי ווען דאַנקע האָט געוויינט, האָט זיך געגרייט ווי צו אַ יום־טוב. זי האָט געוואַשן די פאָרהענגלעך, געשייערט די קאַטשערעס, די ווילקעס. דעם טיש אָפּגעשאָבן, אָפּגעוואַשן און ער איז געוואָרן געל ווי זאַפראַן. זי האָט דאַנקען אָפּגעטראָטן איר בעט אין האָרניצע.

— שלאָף דאָרטן מיט דיין מאַן, אַז דיר איז שוין באַשערט אַזאַ פרייד. מיר איז אַלץ איינס. עס שלאָפט זיך דען? מיין אַנטאָן איז אויפן פראָנט. זאָל נאָר גאָט געבן אַז דער גורל זאָל אויך צו מיר זיין אַזוי גוט ווי צו דיר, דאַנקע, וועלן מיר זיך ווידער צוזאַמען פרייען — האָט זי גערעדט און בעת־מעשה אָפּגעווישט אַ טרער.

ליזע איז אַוועק שלאָפן אין ערשטן צימער אויפן אויוון.

געוועז איז עס אָוונטצייט. פון די נאָענטסטע פעלדער איז מען שוין געקומען אַהיים. באַבעס האָבן זיך געאיילט צו באַגיסן די גערטנער, די קרויטן, פאַרזעצטע ביי דער אָזערע. פעטריק האָט שוין געטריבן די סטאַדע פון פעלד. און דער שטויב הינטער די קי האָט זיך געהויבן הויך, שוואַרץ געמאַכט די גאַס. און אַז די לופט איז געוואָרן שיטערער, זיך אָפּגעזעצט אַלץ נידעריקער צו דער ערד, האָט מען דערזען צוויי פאַרשווינען אָנקומען מיטן וועג. אַ בלינדער בעטלער איז געגאַנגען מיט אַ קינד. געשלעפּט זיך ווי פון נאָענטן דאָרף.

עס האָט לאַנג געדויערט ביז מען האָט זיך געכאַפּט ווער דאָס איז.

ער — אַ גרויסער, אַ שווערער. די אויגן־לעפּלער אַראָפּגע־לאָזט איבער די אויסגערונענע אויגן, דאָס פּנים אין שניטן, צע־שראַמט, פול מיט שוואַרצע שפּליטערס, איז געגאַנגען ניט זיכער פאָרויס. מיטן שטעקן געטאַפּט דעם ניט גלייכן וועג. איין האַנט האָט ער געהאַלטן אויף דאַנקעס אַקסל.

אַ בלייכע, אַ פּיצינקע, ווי זי זאָל האָבן נאָך קלענער געוואָרן, האָט זי אַפּקערנדיק אירע אויגן פון די פאַרבייגייערס, געפירט אים צו ליזעס שטוב.

לאַנג האָט אסתר דאַנקען ניט געזען. זי האָט אויסגעמיטן באַ־געגענישן. פון דער אַרבעט איז זי באַפרייט געוואָרן. גאָר זעלטן האָט מען זיי געזען אַרויסגיין. אַנדריושע מיטן שטעקן אין האַנט, זיין אַנדערע אויף איר אַקסל, האָבן זיי זיך געשאַרט פאַזע די גערט־נער, הינטער די הייזער.

— אַנדריושע איז אין גאַנצן צעקאַנטוזשעט — האָט מען גע־רעדט, — ער ווייס ניט וואָס עס טוט זיך מיט אים.

געווען איז עס אין אַ ליכטיקן, זוניקן נאָכמיטאָג. אסתר איז געזעסן פאַרן שטוב, אויף דער פּריזבע.

מיט אַ מאָל האָט זיך פון ערגעץ דערטראָגן אַ געזאַנג.

— זיי גייען אַהער! זיי גייען אַהער! — האָבן שכנות זיך אי־בערגעשריִען.

איבער דער גאַנצער ברייט פון גאַס איז געגאַנגען די משפּחה קיריאַקאָוו. די טעכטער, די אייניקלעך, שכנות זענען צוגעשטאַנען. מען האָט געטאַנצט פאָרויס, אַלע אַריינגעצויגן אין אַ בגילופנדי־קייט. צווישן זיי דער אַלטער קיריאַקאָוו מיט זיין לאַנגער בכבודי־קער באָרד.

אַ שימחה געווען אין דער משפּחה. זייער עלטסטע טאָכטער, וואָס וווינט אין פּעטראָפּאַוולאָווסק, איז געקומען צו גאַסט צו טאַטע־מאַמע, האָט מען זיך אַרויסגעלאָזט איבערן דאָרף מיט אַ שפּאַציר. האַרצרייסנדיק צעצויגן, האָט נאַטאַליע אָנגעהויבן דאָס ליד וועגן דער אָרעמער יתומה, וואָס ליידט אָן עלנטע און פאַרגע־

סענע. מיט אַ סך געפיל האָבן אַלע אונטערגעכאַפּט, מיטגעלעבט איר ווייטיק, וואָס דער געליבטער האָט זי פאַרלאָזט און זי, נעבעך, האָט זיך באַגאָסן מיט טרערן אין צערקווע, צוקוקנדיק ווי איר טייערסטער גייט מיט זיין קראַסאַוויצע צו דער חופה.

דאָס געזאַנג האָט זיך געגאָסן רחבותדיק, זיך דורכגעטראָגן פאַרביי דער גאַס, וואָס האָט געפירט אַרויס פון דאָרף.

צווישן אַלע איז געווען דער גאַסט, קיריאַקאָווס טאַכטער, די שטאָטישע. זי איז געגאַנגען שווייגנדיק ווי בעת אַ פּראָצעסיע.

מיט זייער דערווייטערן זיך איז געוואָרן אַלץ שטילער, שטילער. און פּלוצלינג, ווי פון געזאַנג, וואָס האָט זיך אַוועקגעטראָגן, האָבן זיך אויסגעטיילט די קולות.

אסתר האָט זיך דערשראָקן אַרומגעקוקט. די געשרייען זענען געקומען פון ליזעס שטוב. עס האָט זיך דערטראָגן פון דאָרטן אַ גע־בריל, ווי פון אַ פאַרוווּנדיקטער חיה.

די זון האָט געברענט, אַ ליכטיקייט האָט געבלענדט די אויגן און ביי ליזען זענען טיר און פענצטער געווען פאַרמאַכט, אַראָפּגע־לאָזן די פאַרהאַנגען ווי אין שפּעטער נאַכט.

דאַנקע האָט זיך געוויזן ביים פענצטערל, אויפגעהויבן אַ שפּיץ פון דער פאַרהאַנקע און ווען זי האָט דערזען אסתרן האָט זי גיך אַראָפּגעלאָזט צוריק.

די קולות פון דאָרטן האָבן זיך געטראָגן אָן איבעררייס. אסתר האָט זיך ניט געקענט באַשליסן וואָס צו טאָן. זי איז געזעסן אַ פאַר־ציטערטע. און אַז עס האָט לאַנג ניט אויפגעהערט, האָט זי מער ניט געקענט איינזיצן, זיך אויפגעהויבן און אַריין צו דאַנקען.

— דאַנקע! דאַנושקע! — האָט דער צעקאָנטווּשעטער אַנ־דרייושע זיך געבעטן מיט אַ כריפּען — מיר איז קאַלט אָן דיר. ווייב מיינע, מיט דיר איז מיר ליכטיק. אַזאַ צעשטראַלטע זון איז נאָר וואָס געהאַנגען איבערן סטעפּ. און שוין. ניטאָ מער. קום, דאַנקע! עס איז דאָך נאַכט. זעסט ניט ווי פינצטער עס איז? — און גלייך האָט ער ווידער געהויבן דאָס קול, זיך צעברילט מיט זיין לייבנשטים — איז מיט וועמען ביסטו דאָרטן? עס איז פינצטער! איך זע ניט!

היי, דו, ממיתן וועל איך — האָט ער זיך צעטופּעט מיט די פיס, רויט און ווילד פון כעס.

מיטן אויסגעשטרעקטן שטעקן פאַר זיך, האָט ער געפּאַכעט אין דער לופטן, געזוכט צו דערלאַנגען אַ קלאַפּ. דאָס ניט טרעפן אין קיינעם האָט נאָך מער אים אויפגעבראַכט.

דאַנקע, אַ באַגאַסענע מיט טרערן, האָט ווענדיק אויסמיידן דעם שטעקן, געפּרוּווט צוקומען צו אים.

— אַנדריושינקאַ — האָט זי געבליפּעט — הער מיך, באַרויִק זיך. איך בין דאָך מיט דיר. נאָר איך. דערקענסט מיך ניט? דיין דאַנקע איז לעבן דיר. הערסט מיך אַנדריושקאַ? הער.

— ווּ איז זי? — האָט ער אַן איבעררייס געשריִען — ווּ איז זי? מען זעט זי ניט! בליאַד! וואָס שאַטײַעסטו זיך אַרום אין פינצ־טערער נאַכט? דערהרגענען וועל איך! צום טויט דערהרגענען! מיט וועמען ביסטו דאָרטן?

אסתר האָט אַ כאַפּ געטאָן דאַנקען פאַר דער האַנט, זי אַ צי געטאָן און אַרויסגעפירט אין פירהויז. דאַנקע איז צוגעפאַלן צום לייטער, וואָס האָט געפירט צום בוידעם און שטיל געבליפּעט.

אַנדריושע איז געוואָרן אַלץ מידער.

— ווּ איז די זון, צו אַל די שוואַרצע יאָר — האָט ער געבריי־פּעט שוין שטילער — פאַר וואָס ווערט ניט טאָג?

ענדלעך איז ער אַנטשוויגן געוואָרן. בלייך ווי קאַלך איז ער געבליבן זיצן, שטייף און אַנגעבלאָזן. אומבאַוועגלעך ווי אויסגע־האַקט פון שטיין.

— צו וואָס האָסטו אים געבראַכט אַהער, דאַנקע, ער דאַרף דאָך זיין אין אַ שפּיטאָל? — האָט אסתר צערטלער געגלעט אירע צוקנדיקע אַקסלען.

— ער איז דאָך מיין מאַן — האָט דאַנקע געהעשעט ניט קוקנ־דיק אויף אסתרן. זי האָט אויסגעמיטן צו באַגעגענען איר בליק.

אין אַ שוואַרצער קלייד

עס טרעפט, אַז אינגאַנצן אומדערוואַרט, גאָר פּלוצעם קומען מעריין אויף יענע יאָרן. זי דערזעט זיי ווי אַלטע, ניט־איינגערעמטע בילדער. אָט זיצט פּינחס דער סופר בעתן ציקלען די אותיות. ברוך דער גלעזער, דער האַמעטנער ייִד, מיטן קאַסטן גלאָז אויף דער פּלייצע. דער בייזער דיין מיטן פּנים פון אַן אַסקעט. דער הדרת־פּנימדיקער רב. זיי קומען, ווי איינער וואָלט דעם אַנדערן אַרויס־גערופן פון פאַרגעסן. צווישן זיי אַלע הייבט זיך אַרויס דער טאַטע, שוין פון דעמאָלט ווען זי האָט אים דערקענט און באַלד דערפילט זיין אַנדערשקייט. נאָך אין יענע טעג ווען ער האָט געפּרוווט לינ־דער מאַכן דער מאַמעס צער פון וועגן זייער זון שלמה, מיט זיין „איינרעדעניש" איבערצומאַכן די וועלט. טיף אין האַרצן האָט דער אַלטער נחמן פאַרענטפערט זיין זון. אים אַליין האָט אויך אויסגע־זען, אַז עפּעס האָט זי טאַקע ניט געטויגט, די וועלט.

שפּעטער, ווען די סאָוויעטן זענען אַריין אין שטעטל און מען האָט זיי פאַרשיקט אויף סיביר, האָט נחמן אויך דאָרטן זיך אויפ־געפירט אַנדערש ווי אַלע.

גלייך נאָכן ברענגען זיי אויפן אָרט איז ער געוואָרן אַ גאַנצער ידיד מיט די קאָלכאָזניקעס. פאַר זיי האָט ער אויסדערציילט וועגן זיין עשירות — זיינע קינדער און אייניקלעך, וואָס לעבן אין דער היים. ער האָט זיי פאַרטרויט, אַז פאַרשיקט האָט מען אים צוליב אַ זון, וואָס מען האָט אַרעסטירט. צוליב אים טאַקע געבראַכט אַהער אַלע דריי. אים, צוזאַמען מיט זיין ווייב און שנור.

מיט פוויערישער לאַנגזאַמקייט האָט ער צונויפגעקליבן אין אַ טאָרבע דאָס אַלטע ברויט וואָס זיי האָבן געבראַכט מיט זיך. די מאַמע האָט דערביי געוויינט מיט ביטערע טרערן.

„די קינדער, זאָלן געזונט זיין, האָבן אַוועקגעגעבן דאָס גאַנצע ברויט. פאַר זיך גאָרניט ניט איבערגעלאָזט. אָט איז עס אינגאַנצן

פאַרשימלט. אַ ווונדער? אַזוי פיל וואָכן זיך געשלעפּט אין וועג, געפּטרט דאָס ברויט, און זיי דאָרטן זענען הונגעריק".

„ווייַן ניט ווייב, מען מוז האָבן בטחון. דאָס ברויט אָבער איז אַן עבירה אַוועקצוּוואַרפן. אָט וועל איך זיך דורכגיין דערמיט. אפשר אָנטרעפן אויף עמעצן, וואָס האָט הינער, גענדז. פאַר אַ קעלבל קען עס אויך טויגן" — האָט ער אַזוי רעדנדיק פאַרוואָרפן די טאָרבע אויף דער פּלייצע.

זי האָט געקוקט אויף אים און בעת־מעשה געווישט זיך די אויגן.

— זעסטו דאָך אויס ווי אַ בעטלער מיט דער טאָרבע — האָט זי זיך געשטאַרקט אַ שמייכל צו טאָן דורך די טרערן. און אין קול די גאַנצע ליבשאַפט צו איר אַלטן.

— אַ בעטלער. און אַז דער טאָרבע בין איך ניט קיין בעטלער? מיינסטו אַז יעזינסקי, דער רייכער טאַרטאַטשניק וועמען זיי האָבן געבראַכט אַהער, איז ניט קיין בעטלער? האָסטו אַ זאָרג ווי איך זע אויס. מיר לעבן אין אַן אָרעמער צייט, מיין ווייב, איז מען בעטלער, וואָס דען זאָלן מיר זיין? פּרינצן?

— געפונען אַ מאָמענט זיך צו וויצלען. דו לאַבסט. ווי און ווינד צו דיין לאַכן. פאַר וועלכע זינד האָט מיך גאָט אַזוי גע־שטראָפט? אַוועקגעריסן פון די קינדער און געבראַכט מיך אַהער מיט...

זי האָט אָפּגעהאַקט.

נחמן האָט שוין געוווּסט דעם רמז וועגן דער שנור און אַז דאָס דאַרף ער פאַרשווייגן. זיין אַרויסבאַפן זיך וועגן דעם מיט אַ וואָרט האָט אים תמיד געגעבן צער.

אַזוי איז אויך געשען יענעם פרימאָרגן.

פאַר פינצטער האָט זיך מערי אויפגעהויבן צוצוגרייטן פריש־טיק. מאַרוסיען, זייער באַלעבאָסטע, האָט זיך ניט געשלאָפן, איז זי אויפגעשטאַנען אינמיטן נאַכט און אָנגעצונדן דעם אויוון. מיט פאַרשטייפטע פינגער האָט מערי אָפּגעשיילט עטלעכע קאַרטאָפל, אָפּגעבונדן דעם עמער וואַסער, וואָס זי האָט נאָך נעכטן גע־

בראַכט פון „פראַרוב", געהאַט אים גאָר שטאַרק פאַרבונדן, פאַר־זיכערט עס זאָלן זיך אין אים ניט אַריינכאַפּן קיין טאַראַקאַנעס.

אָפּגעוואַשן די קאַרטאָפל האָט זי זיי צוגעשטעלט צום פייער. די פייכטע קיזיקעס האָבן געריוכערט, געטליִעט. שוין גרויסער טאָג געווען, ווען דאָס עסן איז פאַרטיק געוואָרן און מען האָט זיך גע־זעצט צום אָנבייסן.

פלוצלינג האָט די מאַמע אָנגעהויבן צו שפּייען. עס האָט איר געאיבלט צום ברעכן.

צוזאַמען מיט די קאַרטאָפל האָט זיך אָפּגעקאָכט אַ גרויסער, פּילפּיסיקער טאַראַקאַן. זי האָט אַ שטופּ געטאָן פון זיך דאָס שי־סעלע און געוואָרפן אַ דערצאָרנדיקן בליק אויף דער שנור.

— אַט אַ פּרא־אָדם. געפּטרט אַ טעפּל קאַרטאָפל.

מערי איז בלייך געוואָרן און באַלד זיך באַגאָסן מיט אַ רויטקייט. די באַליידיקונג, דער צער פאַרן היזק, די איבלעניש צו־ליבן טאַראַקאַן האָבן איר גענומען שטיקן אין האַלדז און טרערן האָבן זיך צעגלאַנצט אין אירע אויגן.

— עס איז פינצטער געווען — האָט זיך נחמן אַרויסגעכאַפּט

— זי האָט ניט געזען.

די מאַמע האָט לאַנג געשאָקלט מיטן קאָפּ און נאָך דעם זיך צערעדט לאַנגזאַם, וואָרט ביי וואָרט.

— יאָ, אַזוי — האָט זי שוין דעם גאַנצן ווייטיק אויסגעלאָזט צום מאַן — נעמסט זיך שוין אָן פאַר דיין טייערער שנור, מ׳שטיינס געזאָגט. אַלע יאָרן אַזוי. אויף אַלץ האָסטו פאַרקוקט. ביי דיר איז תמיד אַלץ רעכט געווען. נו, עס! פאַר וואָס עסטו ניט? איך וועל עס ניט אויסהאַלטן — האָט זי שוין געוויינט אין שטייגנדיקן פאַר־דרוס — אַזוי פיל צרות. אַזוי צו זיין אָפּגעריסן פון אייגן בלוט און פלייש. אַט דאָס איז שוין מיין סוף! און דו? וועסט בלייבן מיט איר. מיט דיין טייערער שנור, וועסטו בלייבן — איז זי זיך פאַר־גאַנגען אין אַ העשען — וועסט בלייבן...

— שווייג, נאַרישע יִדענע, מיט דיר וועל איך בלייבן — האָט ער זיך דערשראָקן פאַר אירע רייד — אַ מענטש האָט אַ כוח אַרויסצוברענגען פון מויל. ווי מעג מען אַזוי רעדן? מיט דיר! דו

הערסט? מיר ווילן עס איבערלעבן — האָט ער שוין גאָרניט ווי זיין טבע איז, געהויבן דאָס קול — אסור דיר צו רעדן אַזעלכע דיבורים! איך וויל עס ניט הערן!

דאָס אַלץ האָט נחמן קאָנטיק געדענקט אויך אין לאָדזש, ווען ער איז געווען אויף דער בורסע און מערי איז געקומען אים זוכן. מיט די רעפּאַטריאירטע איז ער געקומען צוריק קיין פּוילן. זי, אַ ביסל שפּעטער מיט אַן אַנדער עשאַלאָן.

זי איז געשטאַנען פאַר אים אַ דאַרע, אַ בלייכע, אַ ביסל הע־כער ווי זי איז געבליבן אין זיין זכרון און טרויעריק זיך געבעטן:

— טאַטע,איך האָב געקראָגן אַ דירה. צו וואָס זאָלט איר דאָ וווינען איינער אַליין? מירן וווינען צוזאַמען. איך וועל אָפּקאָכן אַ ביסל עסן, וועט זיין פאַרביידן. און אַז שלמה וועט קומען... אַ סך אַזעלכע פון וועמען מען האָט גאָרניט געהערט קערן זיך צוריק פון ווייטן צפון.

נחמנס פּנים האָט אַ צוק געטאָן, זיך פאַרטונקלט און מאָדנע ניט דרייסט האָט ער אָנגעקוקט מערין. לאַנג האָט ער געשוויגן, זיך געישובט און שטיל ווי ניט אויפצוּוועקן זי, אַרויסגעשטאַמלט:

— ער וועט ניט קומען, טאָכטער. ער אויך ניט.

— שלמה? ווען? ווו?

אירע דערשראָקענע אויגן האָבן געזוכט אַרום זיך. זי איז געבליבן שטיין שטייף, אומבאַוועגלעך. און ווי אַליין ניט ווויסנדיק וואָס זי טוט, זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן שטול דערנעבן.

נחמן האָט אַ שולדיקער געעפנט דאָס מויל און גאָרניט גע־זאָגט. ער האָט צענומען די הענט אין אומבאַהאָלפנקייט און די אויגן טיפע, טרויעריקע, האָבן געוויינט אָן טרערן.

— זעסט דאָך מערי, ווי עס איז. זעסט דאָך. קיינער ניט גע־בליבן.

זי איז געזעסן, דעם קאָפּ אַריינגענומען איןביידע הענט, פאַר־שטעלט אויך די אויגן און דאָס פּנים איז געוואָרן אַלץ נאַסער.

— איך האָב געטראָפן חיים בערס, אונדזער שכן — האָט נחמן זיך פאַרענטפערט מיט אַ געבראָכן קול — ער האָט עס מיר דערציילט. אַלץ אַליין געזען. די דייטשן, ימח שמם, האָבן גע־

שפּאַרט אויף מינסק, האָט מען די אַרעסטירטע געטריבן צופוס טיפער אין לאַנד. שלמה איז געבליבן ליגן מיט געשוואָלענע פיס. ניט געקענט גיין ווייטער. חיים אַליין האָט געזען ווי מען האָט אים דערשאָסן.

נחמן האָט געקוקט צו מעריין, ניט געוווּסט צי זי הערט אים.

— ווייסטו שוין אויך — האָט ער שטיל געזאָגט ווי צו זיך אַליין.

אין צימער איז געוואָרן אַלץ טונקעלער. ער איז לאַנג געשטאַנען מיטן פּנים צו דער וואַנט ווי ער וואָלט געדאַוונט, נאָך דעם זיך צעשפּאַנט הין און צוריק, ביז ער האָט זיך פאַרהאַלטן נעבן מעריין.

— האָסט געדאַרפט דאָס וויסן, מערי — האָט זיין קול געציטערט — אַזוי ווייסן מיר שוין ביידע אַלץ. ניטאָ מער קיינעם צו דערציילן. דו ביסט נאָך יונג. אָבער איך? צו וואָס האָט גאָט מיך איבערגעלאָזט, אַן אַלטן אומנייטיקן פּוּען? ניין. ניט דאָס מיין איך צו זאָגן. פאַרשטיי, דו ווילסט איך זאָל גיין צו דיר. מען דאַרף ניט, מערי. די צייט וועט היילן דיינע ווונדן. אַזוי איז שוין דער סדר העולם.

מערי איז נאָך אַלץ געזעסן אומבאַוועגלעך און שווייגנדיק. ענדלעך זיך אויפגעהויבן און געגאַנגען צו דער טיר.

— ווּהין גייסטו, מערי?

— איך ווייס ניט.

נחמן איז געשטאַנען און איר נאָכגעקוקט. געבליבן אין דער אָפענער טיר ביז מען האָט שוין מער ניט געהערט אירע טריט אויף די טרעפּ.

אַנטקעגן איז געלעגן די חרובע געטאָ. דער שניי איז שוין געוועזן צעגאַנגען. נאָס געמאַכט די בערגלעך גרוז. אין די גריבער, צווישן זיי, זענען געשטאַנען קאַלוזשעס וואַסער.

מערי האָט זיך געפּלאָנטערט צווישן די חורבות. פון דער אַנטקעגנדיקער האַלב־חרובער גאַס, ווּ עס איז געשטאַנען די בורסע, האָט נחמן געזען דורכן פענצטער זיך באַוועגן אַ פינצטערן פלעק.

ווי איינער פון די סטערטשנדיקע קוימענס וואַלט זיך אָפּגעריסן פון באָדן און זיך גערוקט פון אָרט צו אָרט

אויף מאָרגן איז מערי ווידער געקומען צום טאַטן. אַזוי טאָג נאָך טאָג. זי האָט ניט געוואָלט אים לאָזן אַליין.

ביז איין מאָל האָט דער אַלטער נחמן, אָן צו זאָגן אַ וואָרט, אָנגעהויבן צונויפלייגן זיינע זאַכן אין דעם קליינעם וואַליזקעלע. גענומען זיין מחזור, דעם טלית און תפילין, און בעתן צולייגן דער ווייבס צאינה וראינה איז ער שטיין געבליבן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

— אין אַ שלעכטער שעה אַרויסגעזאָגט — האָט ער געמורמלט. נאָך דעם האָט ער אַריינגעלייגט די פּאָר האַנטעכער, דאָס קענדל צום שעפּן וואַסער, וואָס מען האָט אַ מאָל פון דער היים מיטגענומען קיין סיביר און באַוויזן איינהיטן ביז היינט. מערי האָט אים נאָכגעקוקט. בולטער ווי תמיד איז איר אויפגעקומען די עלנטקייט פון שלמהן צום טאַטן.

זי האָט דערזען זייער צימערל אויפן באַרג, פון וואַנען ער איז אַוועק. מיטן שמאָלן געסל האָבן אים געפירט די ענקאַוועדיסטן צום אויטאָ וואָס איז געשטאַנען אונטן. עס איז געווען האַרבסט. פּאַרטאָג. די שכנים זענען נאָך געשלאָפן. געלע און צונטער־רויטע בלעטער וואָס האָבן אָנגעשאָטן פון די ביימער האָבן זיך געוואַלגערט און געשאָרשעט אונטער די טריט.

— הערסטו מערי — האָט נחמן זיך אָפּגערופן שוין מיט דעם וואַליזקעלע אין האַנט — איך בין ניט אַבערגלייבעריש. אָבער עס געשעט אַ מאָל אַזעלכעס וואָס דיין שׂכל איז דאָך ניט משׂיג. — און ווי ער זאָל זיך אַליין פּרווון דערקלערן, האָט ער שטיל, גאָר שטיל צוגעגעבן: — אַ וועלט מיט יִדן האָבן עס אָפּגעציטערט, איינגעהיט דורך שווער־געפּרוּווטע דורות. מיט אַזעלכעס שפּילט מען זיך ניט.

מערי איז שווייגנדיק אים נאָכגעגאַנגען.

אין די אָוונטן ווען מערי קומט פון דער אַרבעט, קוקט נחמן זי אויס. וואַרט אויף איר זיך אַראָפּצורעדן פון האַרצן. ער חזרט

זיך איבער. רעדט נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל דאָס זעלבע. קען ניט פאַרגעסן יענע טעג, ווען די קינדער אין דער היים האָבן אויס־געקלאַפּאָטשעט ביי נאַטשאַלסטווע מען זאָל דעם טאַטן מיט דער מאַמען צוריקברענגען פון פאַרשיקונג.

— פאַרשטייסט מערי, אַן אויסערגעוויינטלעכע זאַך. ממש ניט צו גלייבן אַז מיר האָבן באַקומען אַ דערלויבעניש צוריקצופאָרן. ווי וויניק עס איז שוין געווען צוצוקומען ביז אַ היים. איז ניט באַ־שערט געווען. אוי, האָט די מאַמע, עליה השלום, געצאַפּלט. דאָס האַרץ איז איר אַרויסגעשפּרונגען צו זען די קינדער. האָבן מיר ניט זוכה געווען אומצוקומען צוזאַמען מיט זיי. אויך צו שלמהן איז איר אויפגעקומען די גאַנצע ליבשאַפט. זי האָט גערעדט פון אים, געוויינט אויף זיין ביטערן גורל צו ווערן ערגעץ פאַרשוואַרצט אין אַ טורמע. תפילה געטאָן, אַז גאָט זאָל אים מוחל זיין. פאַרשטיי, מערי, — האָט נחמן גערעדט שטיל און איינטאָניק — דאַרפסט ניט פאַריבל האָבן אויף דער מאַמען. זי האָט ניט געקענט פאַרגעסן. געווען זיכער, אַז אַזאַ זאַך קען ניט אָפּגיין גלאַט. יענע שרעק איז איר תמיד נאָכגעגאַנגען. ביסט נאָך איצטער אויך זייער יונג, און יונגע מענטשן זענען אַזוי. אָבער וואָס איז דאָ צו רעדן, דאַרפסט טראַכטן וועגן זיך. ווי אַזוי ווידער אָנצוהייבן לעבן.

ער קוקט טרויעריק פאַר זיך און רעדט פון אַלץ וואָס ער האָט געטראַכט אין משך פון טאָג ווען ער איז געווען אַליין.

און ווידער דערציילט ער דאָס זעלבע.

זענען מיר געפאָרן ביז סמאָלענסק. ווי ווייט איז עס פון מינסק? ווייסטו דאָך, אויף דער אַנדערער זייט פון דער געוועזענער גרענעץ איז אונדזער היים.

ער ווערט אַנטשוויגן, קוקט אָנגעשטרענגט, ווי עפּעס וואָלט אים געשטערט אין דערזען זייער וויטעבסק.

— אין סמאָלענסק אָבער האָט אונדז שוין פאַרכאַפּט די מלחמה. די דייטשן, ימח שמם, האָבן געיאָגט טיפער אין לאַנד אַריין. וואָס דאָרטן האָט זיך געטאָן. קען מען זיך עס פאַרשטעלן. צוזאַמען מיט אַלע זענען מיר געלאָפן ניט־וויסנדיק וואוהין. מען איז געטראָטן אויף געפאַלענע, אויף אָוועקגעוואָרפענעם האָב און

גוטס. די מאַמע האָט בשום נישט געוואָלט גיין צוריק. זיך געריסן פאַרויס צו די קינדער. איז עס דען געווען מעגלעך? אין שטור־פעניש האָבן מיר צוזאַמען מיט אַלע זיך געפונען פאַר אַ פאַרביי־גייענדיקן עשאַלאָן. די מאַמע, עליה השלום, האָט געשריִען קולות. נישט געוואָלט אַריינגיין אינעווייניק. מען האָט דען געוווּסט וואָס זי שרייט? אַ זעלנער האָט אויף איר רחמנות געהאַט און מיינענדיק אַז ער העלפט איר, זי אַריינגעשטופּט אין וואַגאָן. נו, זענען מיר געפאָרן צוריק. געבליבן שטעקן אין טאַמבאָוו. נאַקעטע, באָרוועסע און פאַרמאַטערטע. ביז טויט פאַרמאַטערט. אין יסורים, אין הונגער האָט זי אויסגעהויכט די נשמה. ווי, ווי, האָט זי זיך נעבעך גע־מאַטערט מיטן טויט. הערסטו מערי, עס איז הבל הבלים. אַזוי איז שוין פון ששת ימי בראשית. ווידער איז געווען אַ מבול. ווידער זענען געבליבן לעבעדיקע, וועט זי נישט אונטערגיין, די וועלט. יונגע וועלן חתונה האָבן. געבוירן קינדער. עס קען אַנדערש נישט זיין. אַזוי איז דער סדר העולם.

ווענן דעם אַלעם טראַכט מערי אויך איצטער. ווען זי גייט מיטן שמאָלן געסל „סאַן־פּיער", וואָס פירט צום קלויסטער „סאַקרעקער". אויף דעם געסל געפינען זיך אַ סך גרויסע מאַנופאַקטור־געשעפטן.

דאָ וויל זי קויפן שטאָף אויף אַ קלייד, צו איר טאָכטערס חתונה.

— איך מיין צו קויפן עפּעס אין גראַנאַט. עס וועט זיין פייער־לעך און נישט צו שרייאיק. — ראָט זיך מערי מיט דער פאַרקויפערין.

— איר זענט גערעכט — איז די פאַרקויפערין מסכים און שוין איז זי אויפן הויכן לייטער, זוכט אויף דער סאַמע הויכער פּאָליצע.

אַ שטאַרקער קלאַפּ ציט מעריס אויפמערקזאַמקייט. דאָס האָט דער פאַרקויפער אַ וואָרף־געטאָן אַ באַל שטאָף אויפן טיש. גע־שיקט וויקלט ער אים פונאַנדער. נעבן דעם אַ צווייטן, אַ דריטן. אַ גאַמע פון סאַטין, זייד, סאַמעט. און זייער שוואַרץ ניואַנסירט. פאַרשלאָגן אין בלוי, אין גרוי, אין ברוין.

די פרוי אַנטקעגן אים, די קויפערין, איז אויך געקליידט אין שוואַרץ. פאַרטיפט קוקט זי אין די שטאָפן. מערי אויף איר. עפּעס וואָס קומט פון זייער ווייט, טוט אַ פּיק אין איר זכרון:

...אַ שוואַרץ קלייד... יאָ, אַ שוואַרצס... דער קלאַפּ אין שויב זייער שפּעט, אין טיפער נאַכט. „ווער איז דאָרטן ?״, הערט זי שלמהן פרעגן און עס ענטפערט זיין ברודערס קול: „טאַטע־מאַמע בעטן איר זאָלט גלייך קומען״. אין איילעניש, דערשראָקענע טוען זיי זיך גיך אָן. לויפן נאָך דעם ברודער. ווילן אים פרעגן, אָבער ער איז שוין ווייט. זיינע טריט הערט מען שוין אויפן שפּיץ פון באַרג.

— געפעלט אייך אַזאַ שטאָף ? אַ שיינער גראַנאַט — זאָגט די פאַרקויפערין.

מערי קוקט אויף איר, ווי זי זאָל אינגאַנצן ניט הערן רעדן צו זיך.

— ווילט איר עפּעס אַנדערש. איך זע, אַז דער שטאָף זאָגט אייך גאָרניט. וועט אייך אפשר בעסער געפעלן זייד ? מיר האָבן זייער אַ גרויסן אויסוואַל. זאָגט נאָר וואָס איר ווילט.

— יאָ...איך מיין זייד...זאָל זיין זייד... אָבער זייט מוחל. עס וועט מיר בעסער געפעלן אַ העלער שטאָף. איך מיין... ניין. דאָס איז זייער טונקל. איר פאַרשטייט ? עס איז זייער טונקל.

— וואָס מיינט איר העל ? אין בלוי, אין גרוי ? קוקט די פאַר־קויפערין אויף מערין פול מיט פאַרדאַכט און באַמיט זיך דאָך צו רעדן רואיק.

לאַנגזאַם וויקלט זי צונויף דעם באַל שטאָף, טראָגט אים צוריק אויפן הויכן לייטער און זעענדיק אַז מערי וואַרט נאָך אַלץ, לאָזט זי זיך אין אַ צווייטער אָפּטיילונג זוכן העלע שטאָפן.

דער פאַרקויפער דערנעבן מעסט שוין שוואַרצן סאַטין פאַר דער פרוי נעבן אים.

מעריס בליק איז געווענדט צו זיי. מיט אירע מחשבות איז זי נאָך אַלץ פאַרזונקען אין יענער נאַכט:

...לויפן זיי באַרג־אַרויף צו טאַטע־מאַמע. שוין אין פירהויז הערן זיי אַ טומל. אינעווייניק פול פרעמדע ייִדן. רב זרח דער דיין פאַרהאַלט זיך אינמיטן שטוב. קוקט זיי אָן, ווי אויף זיי טאַקע וואַלט ער עס געוואַרט. זיינע אויגן פאַרשלאָפן און די באָרד ברוגז.

עס ברענט דער הענג־לאָמפּ. ליכט אין די לייכטערס. ביים טיש וואָס איז פאַרשפּרייט מיט אַ ווייס טישטוך, זיצט פּינחס דער סופר

און שרייבט. דרייט מיטן האַנט ציקלדיקע אותיות. דער טאַטע יום־טובדיק אָנגעטאָן, שטייט פאַררוקט אין סאַמע ווינקל. זייער שכן, ברוך דער גלעזער, דער האַמעטנער, הויכער ייִד, פאַרשטעלט אים אַז קוים מען זעט אים אַרויס.

— „וואָס קומט דאָ פאָר?"

קיינער ענטפערט ניט.

פון אַלקער קומט אַרויס די מאַמע, אין דעם געבלומטן שבת־דיקן קלייד. מיט פאַרשטשימעטע ציין איילט זי צו דער דרויסנדי־קער טיר. פאַרהאַלט זיך אויפן שוועל מיט צעשפּרייטע הענט. זי עפנט דאָס מויל, וויל וואָס זאָגן, פאַרשלינגט די ווערטער און ברעכט אויס אין אַ געוויין.

— „שלמה, קומען אירע ווערטער צוזאַמען מיט אַ כליפּען, איר גייט ביידע ניט אַוועק פון דאַנען ביז איר וועט ניט אָפּשטעלן אַ חופּה! וויי, וויי, אַזאַ בזיון, אַזאַ חילול השם. שיינער זון מיינער, פאַר וואָס האָסטו מיך אַזוי פאַרשעמט? פאַר וואָס איז מיר געקו־מען אַזוי צו פאַרשוואַרצן דאָס פּנים? און דו? — זעט מערי איר צאַרנדיקן בליק — אויב אַ מיידל קען מסכים זיין אויף אַזאַ זאַך, איז שוין איבעריק יעדעס וואָרט. איך באַשווער דיך, שלמה, וועסט ניט אַוועקגיין. איר וועט אָפּשטעלן אַ חופּה! סיידן דו ווילסט מיין סוף — פאַרענדיקט זי מיט אַ העשען".

אַ רגע געדויערט און צוזאַמען מיט אַלע ווערן זיי מיטגע־שטופּט דורך דער הינטער־טיר, צום הויף, וווּ עס שטייען גרייט די חופּה־שטאַנגען.

אונטן צווישן די ווענט, אין פּירקאַנטיקן הויף, איז טונקל. מיט אָנגעצונדענע ליכט אין די הענט באַוועגט מען זיך ווי שאָטנס פון אַ ניטדאָאיקער וועלט.

„אַ רינגל, ברומט דער דיין, דער חתן דאַרף אַ רינגל".

די מאַמע דערלאַנגט שלמהן אַ רינגל. מיט דער האַנט פאַר־טשעפּעט זי מערין. זייערע בליקן באַגעגענען זיך. אירע טרויעריקע, פאַרוויינטע אויגן קוקן זי אָן, ווי זי וואָלט זי נאָר וואָס דערזען.

— וויי איז מיר — פאַרברעכט זי דערשראָקן די הענט — מערי, קוק מערי! ביסט דאָך אין אַ שוואַרץ קלייד! רבונו של עולם!

אין אַ שוואַרץ קלייד צו דער חופּה?! ייִדן — ציטערן אירע ליפּן — וואַרט... הערט...

מערי וויל זיך פֿאַרענטפֿערן, אַז זי האָט ניט געוווּסט נאָך וואָס זי גייט. אירע ליפּן אָבער ברענגען ניט אַרויס קיין וואָרט.

— הערט אויף צו רעדן! — שרייט עמעץ בייז.

— אינמיטן דער ברכה. שאַ, שאַ! שטילער דאָרטן!

מערי זעט ווי די מאַמע פֿאַרשטעלט מיט דער האַנט דאָס מויל, דערשטיקט איר געשריי, און די שרעק שפּאַרט איר פֿון די אויגן.

*

דערציילט האָבן פֿאַרבעטענע געסט, אַז לאַנג זענען זיי שוין ניט געווען אויף אַזאַ שיינער, ייִדישער שמחה, ווי עס איז געווען די חתונה פֿון מעריס טאָכטער. מערי אַליין איז אָבער געווען אַנדערש ווי תּמיד. אָפּט זיך פֿאַרטראַכט און אויסגעזען האָט זי ווי זי וואָלט נאָר וואָס געקומען פֿון ערגעץ ווייט. אויך אַ קלייד האָט זי געטראָגן אינגאַנצן ניט אין איר כאַראַקטער. עפּעס אַ מאָדנע, ליכטיק־העלע קלייד.

ביים סיום פון מיין בוך „שטיינער" דערמאָן איך דעם טייערן אריה שמרי, דעם ליטעראַרישן רעדאַקטאָר פון „ישראל־בוך" מיט וועלכן איך און מיין משפחה זיינען געווען פאַרבונדן אין האַרציק־נאָענטער פריינדשאַפט. זאָל ליכטיקן דער אָנדענק פון דעם פאַרטיפטן פּאָעט אין „די פונקען פון תיקון", מיט „טריט אין גן עדן", „אויף גרינעם פאַרמעט".

מנוחה ראַם

ביכער פון מנוחה ראָם

„ווײַטער פון טראַקט״ — דערציילונג
„מיניאַטור־ביבליאָטעק״ — פּאַריז 1961

„ווינטן״ — דערציילונג
פאַרלאַג „יידבוך״ — בוענאָס־איירעס 1964

„אַרום דער ווערבע״ — דערציילונגען
פאַרלאַג „ישראל־בוך״ — תל־אביב 1970

„סיפור הסיפורים״ — „פון מעשהלעך אַ מעשה״
איבערזעצט אין עברית: משה יונגמאַן
הוצאת ספרים מ. ניומן, תל־אביב תשל״ד

„לע וואַן ק׳ע פּאַס״ — „ווינטן״
איבערזעצט אין פראַנצויזיש: רחל ערטעל
פאַרלאַג „זשיליאַר״ — פּאַריז 1974

„רוחות״ — „ווינטן״
איבערזעצט אין עברית: מרדכי אמיתי
הוצאת „ספרית פועלים״, תל־אביב 1977

גרייט צום דרוק:

„בער יאָדלער״ — ראָמאַן פון יידישן לעבן אין פוילן

אינהאַלט

פאָרטרעט — געצייכנט: א. סטימאַצקי 5

* 7

א

שטיינער 13

מיט הבלס צייכן 21

אַ באַגעגעניש 27

פאַרשטערטע פרייד 34

באַסיע און אפרים 44

זשאַווער 60

ב

נאָכן שטורעם 77

ביים ים 84

נאָכן לעצטן חשבון 93

דער אורח 100

אַ בילד צווישן בילדער 105

אַ שמחה 112

ג

צוויי פוד ברויט 125

שרעק 133

חיימס מתנה 142

אַ גביריש מזל 149

דאַנקע 165

אין אַ שוואַרצער קלייד 178

פאַרלאַג „ישׂראל-בוך"

לעצטנס דערשינענע ביכער

משה יונגמאַן / אין לאַנד פון אליהו הנביא, לידער און פּאָעמעס

בער מאַרק / מגילת אוישוויץ, מיט דאָקומענטן געפונענע אין אוישוויץ

יעקב צבי שאַרגעל / פון אָנהייב אָן, עסייען

רחל אויערבאַך / בײַם לעצטן וועג, אין געטאָ וואַרשע און אויף דער אַרישער זײַט.
ווענן רחל אויערבאַך — פּראָפ. דב סדן און ד"ר יוסף קערמיש

דוד האָפשטיין / לידער און פּאָעמעס. צוויי בענד. צונויפגעשטעלט פון פייגע
האָפשטיין. צייכענונגען פון מאַרק שאַגאַל. פּאָרטרעטן געצייכנט פון ס. שור,
הלל האָפשטיין און ה. אינגער

מלכה חפץ-טוזמאַן / הײַנט איז אייביק, לידער

אריה שמרי / אויף גרינעם פּאַרמעט, לידער און פּאָעמעס

ישעיהו שפּיגל / צוויי דערציילונגען — שני סיפּורים. תרגם : מרדכי אמיתי

ישעיהו שפּיגל / צווישן תּוו און אַלף, געקליבענע לידער

יוסי גמזו / לענדער פון דאָרשט, לידער
עסיי און איבערזעצונג : פּראָפ. לאָרענס (לייב) גרעצקי.
צייכענונגען — דער מחבר.

יהודה קערש / דער וועג פון אַ פאַלק

שמואל יוסף עגנון / צווישן אַלט און ניי, אויסגעוויילטע דערציילונגען.
ייִדיש : חיים גורט.

יצחק בורשטין-פינער / מיין מאַמע — סקיצן, דערציילונגען, נאָוועלן

יעקב פרידמאַן / געזען אויף אַ ווײַל

אַברהם סוצקעווער / דאָרטן ווו עס נעכטיקן די שטערן, דערציילונגען.
צייכענונגען : יאַני פײַן

הירש אָשעראָוויטש / בלויע בומעראַנגען, לידער און פּאָעמעס

חיים זעלצער / שאָטנס אין מדבר, לידער און באַלאַדן

דב סדן / טויערן און טירן, עסייען און עטיודן

דאָרע טייטלבוים / ביים טויער פון מעת-לעתן — לידער

דוד ספּאַרד / שפּאַצירן אין דער נאַכט, לידער

ישראל אייזענבערג / פאַרוואָס גראָד איך ?

מ. אַליצקי / לידער פון פריער און פון איצט

משה שטאַרקמאַן / געקליבענע שריפטן

שלמה שנהוד / לידער פון הייליקן עפּלפעלד

חנה שליט / אין שטענדיקן צאַפּל, לידער